STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04123

TSAYTMOTIVN

Mordejai Herbst

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי הערבסט

צייטמאָטיוון

דעם פֿאָרגעשריטענעם שרײַבער
ד״ר שלמה ביקל —
הערצלעך געווידמעט.
מרדכי הערבסט
[illegible]
[illegible]

מרדכי הערבסט

צײַטמאַשין

ה'תשי״ז - 1957

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
MORDEJAI HERBST
אַלע רעכט זענען רעזערווירט

MORDEJAI HERBST

MOTIVOS ACTUALES

("ZAITMOTIVN")

1957

Hecho el depósito que marca la ley 11.723

געווידמעט מיט גרויס ליבשאפט

מיינע טייערע עלטערן,

ר׳ יוסף-אריה ומרת רחל הערבסט

דער מחבר.

מ י י ן ד אַ נ ק

דעם חשובן פרײַנט ה׳ צבי סודילאָװסקי,
פאַר זײַן זאָרגפעליקײט בײַם דרוקן דאָס דאָזיקע
װי אויך מײַן ערשט בוך „ציוניסטישע פיגורן״.

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

אילוסטראַציעס דורך מאיר ברוק.

הילע געצייכנט דורך ש. הערבסט.

אינהאַלט

צום אָנדענק

זײַט

פֿאָרוואָרט 13

קדיש נאָכן געבורטסשטעטל 19

צײַטמאָטיוו

בײַם פֿאָרט 23

דערציילונגען

דרײַ דורות 33

אַ יִידיש פֿידעלע 49

דער אַלטער שמש 57

איטשע־מאירקע 77

די צוריקגעקומענע 87

עסייען

אינטעגראַלע יִידישקייט — דער ריכטיקער וועג 99

די היים — די ערשטע יִידישקייט־שול 105

ארץ־ישראל און גלות־ישראל 111

נשמה־ראַנגלענישן פֿון הײַנטצײַטיקן ייִד 129

פֿאַרקריפּלטע טראַדיציע 139

די שבת׳דיקע תפֿילות 147

אַרטיקלען

די הייליקייט פֿון דעם יִידישן וואָרט 157

די בעסטע לייזונג 163

יונג־אַרגענטינע 169

די שוואַכסטע זײַט 175

יוגנט־שעפֿערישקייט ! 183

דער חינוך אויף דער פּראָווינץ 189

נחת פֿון יונגן דור 193

פאָרוואָרט

אונדזער דור איז אַן עדות פון גרויסע ענדערונגען אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק.

די לעצטע וועלט־מלחמה, אין וועלכער עס איז אומגעקומען אַ דריטל פון אונדזערע ברידער, האָט אָפּגעפּרעסט אויף אונדזער געמיט אַ טראַגישן חותם.

דער אויפקום פון מדינת־ישראל, האָט אויפגערודערט אונדזער גאַנץ לעבן, און אַהינצו ציט זיך אונדזער בליק און אונדזער האַרץ.

די יידישע וועלט־געאָגראַפיע האָט אין דער לעצטער תקופה ראַדיקאַל געענדערט איר אויסזען. די אַלטע איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים אין אייראָפּע, וואָס האָבן געוואָרצלט אין טויזנט יעריקער יידישער קולטור־שאַפונג זענען ראַשיק אונטערגעגאַנגען, און עס זענען אויפגעקומען נייע ישובים אין פאַרשידענע וועלט־טיילן, איבערהויפט אין די אַמעריקעס.

מיר לעבן, בלי ספק, אין אַ גרויסער איבערגאַנגס־צייט, מיט אַלע אירע דערשיינונגען און פּראָבלעמען, מיט אַלע אירע סימפּטאָמען און קאָנסעקווענצן.

אין די אַרבעטן פון דעם דאָזיקן בוך, סיי אין די דערציילונגען, ווי אין די עסייען און אַרטיקלען, ווערט אַרויסגעבראַכט דאָס דענקען און דאָס פילן פון אַ יונגן אַרגענטינער ייד, לגבי אַט די פאַרשיידענע צייט־פראַגן וואָס באַשעפטיקן אונדזער דור, ספּעציעל אין אונדזערע מקומות.

מיר האָבן זיך דעריבער געשטעלט די אויפגאַבע, צו פאַר־פיקסירן אויף די דאָזיקע בלעטער, דעם אומרו און דעם עכאָ פון אונדזער צייט, געזען דורך אונדזערע אויגן און געטראַכט מיט אונדזער געדאַנק.

דער מחבר.

צום אָנדענק



א יאָרצײַט-ליכט, אין וועלכן עס פֿלעמלען זיך
פֿאַרשניטענע נשמות פון קדושים...

קדיש נאָכן געבורטסשטעטל

אַ יאָרציַיט־ליכט, אין וועלכן עס פֿלעמלען זיך פֿאַרשניטענע נשמות פֿון קדושים, וואָס מען האָט ניט געלאָזט אויסצאַנקען ביזן לעצטן לעבנס־גליִ, נאָר מערדערלעך פֿאַרלאָשן דורך אַ בלוט־שטורעם, צינדט זיך אָן י"ט אלול אין די שטיבער פֿון אַלע האָראָדלער איבער אַרבע פּינות־העולם, וואָס טוען אָן זייערע נשמות אין אבלות און באַקליידן זייער געמיט מיט צער.

בײַם שײַן פֿון די נשמה־פֿלעמלעך טויכט־אויף אין דער געדעכעניש דאָס געשטאַלט פֿון דעם קליינעם ייִדישן שטעטל, וואָס איז אַזוי נאָענט צוליב דעם אַמאָליקן לעבן און צוליב דעם ניט־ווײַטן טויט פֿון די ליבסטע און טײַערסטע.

*

*   *

קליין איז האָראָדלאָ געווען, אָבער אַ וועלט פֿאַר זיך, אַ ייִדישע מלוכה אין מיניאַטור. איינס פֿון יענע ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן, ווו מען האָט געלעבט אַ ייִדיש לעבן, אַ גאַנצס, ווו די לופֿט איז געווען אַ ייִדישע, דאָס טײַכל, דער מאַרק. מען האָט זיך געטובלט אין ייִדישקײַט, געאָטעמט מיט ייִדישקײַט.

מרדכי הערבסט

דער קול־תורה האָט אַרויסגעזונגען פון די חדרים, מיט חן און באַהאַרצטקייט. דאָס למדנות האָט אַרויסגעשפּאַרט פון די בתי־מדרשים, דאָס חריפות האָט אַראָפּגעקוקט פון דעם גאונות'דיקן רב און יראת־שמים האָט אָפּגעטונקען די מידות־פולע שוחטים.

ווייסנדורשטיקע יינגלעך האָבן אויסגעלייענט די ביכער פון דער ביבליאָטעק און צעזונגענע יוגנט האָט זיך געקרייזט אין די חלוצים־אָרגאַניזאַציעס.

אַ חלומדיקער גלאַנץ האָט באַצויגן די אויגן פון די מיטגלידער פון דער דראַמאַטישער סעקציע, און גלוט האָט אַרויסגעפינקלט פון די חלוצים־עולים, וואָס האָבן אָנגעצונדן מיט זייער ברען.

דער קול־התפילה האָט אַרויסגעדאַוונט שבת און אין דער וואָכן פון בית־מדרש און בעלי־מלאכות־שול און זיך פאַרגאַנגען אין התלהבות־דיקער התפעלות אין די חסידישע ראַדזינער און טריסקער שטיבלעך.

פון איין שטיבל צום צווייטן האָבן זיך צעפלאַמטע נגונים אַדורכ־געוואָרפן און אָנגעהייצט דעם חלל מיט יידישן בטחון, וואָס האָט גע־וואַרעמט דעם שטעטלס האַרץ.

דער שבת פלעג, נאָך אַן אויסגעהאָרעוועטער וואָך, דערשיינען מיט ליטזעליקייט און געגאַד, און פלעג זיך אַדורכשפּאַצירן צווישן פעכטלדיקע קאַפּאָטעס און אויסגעקעמטע בערד פון הדרת־פּנימדיקע יידן, אויסגע־פלאָכטענע צעפּלעך פון צניעותדיקע מיידלעך און באַהיטלטע קעפּלעך פון חנ'עוודיקע קינדער.

*

*   *

איצט ליגט דאָס שטעטל באַגראָבן אין צוויי ברידער־קברים, דאָס לעבן פאַרשניטן, דאָס תורה־קול דערשטיקט...

אַהינצו ציט זיך פון אַלע פּינות־העולם, ווי נאָר האָראָדלער גע־פינען זיך, מיט טרערנדיקער אויסגעווייקטקייט און שלוכצנדיקער געבראָכנ־קייט, אַ תפילה, וואָס ווערט צווישן די קברים־גראָזן אונטערגעברומט דורכן ווינט:

— „יתגדל ויתקדש...״

צייטמאָטיוו

בײַם פּאָרט

די צונויפגעדרענגטע מאַסע בײַם פּאָרט האָט געפּלאַטערט. אַ באַטויבנדיקער גערויש האָט אָנגעפילט דעם אָנגעגליטן רוים אין יענעם דושנעם זומער־טאָג. אָפּגעריסענע ווערטער, פאַרשטיקטע קולות און קלאַנגען האָבן זיך ווי אין אַ געווירבל געטראָגן איבערן ברעג ים, אנטקעגן דער פּראַכטפולער שיף וואָס האָט געזאָלט באַלד רירן. וואו ניט וואו, האָט אַ געשריי־ספּאַזם אַ וויבריר געטאָן אין דער לופט און באַלד מיטגעשלעפּט אַ שטראָם מיט טרערן פון די שוין רויט־אָנגעשוואָלענע פאַרווייינטע אויגן פון די פרויען און עפּעס האָט אַ ריר געטון אין דער שווײַגזאַמער פאַרטיפטקייט פון די מענער. אַ נאָגנדיק געפיל האָט געקלעמט בײַ דער נשמה און אַ זויערקייט האָט זיך געקײַקלט איבערן האַלדז.

די איינציקע וואָס איז געשטאַנען רואיק און זיך גלײַכגילטיק צוגעקוקט צו די שוין פאַר איר באַקאַנטע סצענעס, איז געווען די מאַיעסטעטישע שיף, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט צו איר שטאָלענעם האַרץ דעם מינדסטן געפיל. און חשק האָט זי קאַלט, מיט אירע שטאָלענע אויגן, אויפגענומען די לעצטע געזעגענונגס־ווײַלן פון דעם צעיאַכמערטן מענטשן־קנויל וואָס האָט עפּעס משונה'דיק און העויה'דיק זיך געכוואַליעט אונטער די הייסע זונען שטראַלן. און שוין פאַרלירנדיק איר לעצטן

מ ר ד כ י   ה ע ר ב ס ט

אײַזערנעם געדולד האָט זי מיטאַמאָל אַ מעכטיקן ברום געטאָן און גע־מאָלדן מיט איר דונערדיקן פײַפֿן, אַז באַלד וועט זי זיך באַפֿרײַען פֿון איר צוגעבונדנקײַט צו דעם ברעג און זיך אַ לאָז טאָן איבערן צעשפּילטן ים.

דער שיף־פֿײַף האָט אַ שנײַד געטאָן בײַם האַרץ פֿון דעם מענטשן־קנויל, וואָס האָט זיך אַזש אַ הויב געטאָן, ענלעך צו דער וויבראַציע פֿון די וואַסער־וואַלן.

אין דער צעוויגטער מאַסע איז אַ צעגליטע פֿון זידיקע טרערן געשטאַנען שׂרה. נעבן איר, איר מאַן חיים, האַלטנדיק זי פֿעסט בײַם אָרעם. דאָס זענען זיי געקומען אַרויסבאַגלייטן זייער מאיר׳קען וואָס פֿאָרט אַלס חלוץ קײַן ישׂראל. שׂרה׳ס טרערן־קוואַלן זענען איצט געפֿלאָסן אָן אויפֿהער, ווי זיי וואָלטן פֿון פֿאַרבאָרגענע טײַכן אַרויסגעשפּאַרט. זיי האָבן פֿאַרנעפּלט איר בריענדיקן קוק, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף מאיר׳קען, און עס האָט אויף אַ ווײַלע זיך גענומען אין זיי אָפּ־שפּיגלען דאָס גאַנצע לעבן מאיר׳קעס, פֿון זײַן פֿריסטער קינדהייט ביז אין זײַנע פֿרילינגס יאָרן.

אָט האָט דורך דעם גלאַנציקן טרערן־שפּיגל זיך געצויגן פֿאַר איר די לוסטיקע יוגנט פֿון איר געראָטענעם זון. ווי פֿריידיקע מוזיק־טענער, האָט איצט אָפּגעקלונגען אין אירע אויערן זײַן הילכיק זאָרגלאָז געלעכ־טער, וואָס האָט געגלעט איר מוטערלעכע נשמה. אָט הערט זי זײַנע חלוצישע לידער וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט פֿון זײַן יוגנט־אָרגאַני־זאַציע, און אָט זעט זי ווידער די ערנסטע פֿאַרטראַכטונג, מיט וועלכער עס ווערט פֿאַרצויגן זײַן ברייטער שיינער שטערן. אָט פֿילט זי ווידער אַרויס דעם טיפֿן געראַנגל וואָס שפּילט זיך אָפּ אין זײַן הייס קלאַפּנדיקן האַרץ און ציטערט־אויף בײַם דערהערן זײַנע ווערטער: „מאַ, איך פֿאָר קײַן ישׂראל״.

עפּעם דוכט זיך איר ווי מען זינגט אַזוי שטאַרק, מיט אַזוי פֿיל האַרץ, וואָס צעגיסט אַ ליבשאַפֿט אין אַלע אירע גלידער: „לשוב לארץ אבותינו״. אירע פֿאַרטריקנטע ליפּן זינגען ניט ווילנדיק מיט: „להיות עם חפשי בארצנו...״ און שלינגען דערבײַ אַראָפּ די פֿײַכטע זויערקײַט



אונדזער גלות־געשיכטע שטייט אונטערן צייכן פון „ביַים פּאָרט“...

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

פֿון אירע הייסע טרערן. פֿאַר איר בליק פֿלאַטערט עפּעס ווײַסעס, ווי טויבן וואָלטן אין האַסטיקײַט געשוועבט. דאָס איז מאיר׳קעס טיכל וואָס פֿאָכעט פֿון דער שוין־אָפּגערוקטער און זיך לאַנגזאַם דערווײַטערנ־דיקער שיף. דאָס טיכל פֿינקלט צו איר עפּעס אַזוי וואַרעם. ציט איר צו, אָט טראָגט עס איר אַריבער אויף דעם שווימענדיקן פּאַלאַץ, נעבן איר מאיר׳קען. זי איז נעבן אים, הוידעט זיך מיט אים אויף די שוימיקע כוואַליעס...

. . . .

חיים האָט פֿעסטער אַ דריק געטאָן שׂרה׳ס אָרעם, ווי איר צו דער־מאָנען אַז זי איז דאָ, און אַז מען דאַרף צוריקפֿאָרן. ווי אַ וואַנזיניקע, האָט זי זיך געלאָזט פֿירן דורך אים, עפּעס ווי היפּנאָטיזירט, ניט מיט איר אייגענעם ווילן. אירע פֿיס האָבן זיך שלאַבערדיק באַוויגן, אָבער, איר האַרץ איז געשווומען דאָרט, איבער דעם צעעפֿנטן ים. וואָס ווײַטער די שיף האָט זיך געגליטשט, אַלץ ווײַטער איז שׂרה׳ס האַרץ געווען, וואָס מער די שיף האָט זיך דערנענטערט צו דעם אויסגעטרוימטן ברעג, אַלץ מער האָט זיך איר ווען אַהינצו דערנענטערט. און דאָרט וואו אַ מוטער האָט דאָס האַרץ געלאָזט פֿאַרשווימען, אַהינצו וועט איר גאַנצער גוף נאָכקומען, זיך פֿאַראייניקן ווידער מיט איר האַרץ, און עס וואַרעמען מיט איר געבענטשטער מוטערלעכקײַט.

. . . .

—און דו, ים, וואָס הויבסטו זיך אַזוי? —צי הויבן זיך אַזוי אין דיר די מאַמעשע הערצער פֿון אַלע צײַטן און דורות, וואָס זענען בײַ דײַנע פֿאָרטן געשטאַנען און דיר אָנגעטרויט זייערע אוצרות, זייערע קינדער?

—און וואָס קאָכסטו זיך אַזוי, ים? — צי קאָכן זיך אין דיר די זודיקע טרערן, וואָס אַלע מאַמעשע אויגן בײַ אַלע פּאָרטן, האָבן אין דיר אַרײַנגעפֿלאָסן און דיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומאויסלעשבאַרן וואַסערדיק פֿײַער? — ים, וואָס ביזטו געוואָרן אַזוי שפּיגלדיק רואיק? — צי האָט

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

די ליבשאפט וואס מאמעס האבן מיטגעשיקט זייערע קינדער אין אלע זייטן און ביי אלע פארטן, דיך געצווימט און איינגענומען, פארגלעט דיין כעס און זארדעקט דיין שוים?

....

2

אין דער לאנגער און פינצטערער גלות־געשיכטע זענען מיר נאכאנאנד געשטאנען ביים פארט.

מיט וויפל צער און ווייטיק, מיט וויפל בושה און חרפה, מיט וויפל אומענדלעכן און גרענעצלאזן פיין האבן מיר די פארטן אנגעזאפט!

ווי האט עס זיך אונדז ניט געגלוסט צו פארלאזן די איינגעזעסענע ערטער, ווען מען האט אונדז געצוואונגען דערצו, נאכן בארייכערן זיי און באפרוכפערן מיט אונדזער גייסט און מח, מיט אונדזער אונטערנעמערישקייט און פעאיקייט!

ווי האט עס געשניטן דאס הארץ ביי די פרויען, זקנים און קינדער, ווען מען האט זיי קעגן דעם אייגענעם ווילן פארטריבן פון די אלטע איינגעפונדעוועטע ישובים, וואו זיי האבן געדארפט איבערלאזן זייער האב און גוטס, זייערע ישיבות און חדרים, זייערע שטיבער און זייערע קברים און זיך איבערגעבן דעם טיפן און קאלטן צעשטורעמטן ים!

דער פארט איז געווען דער טראגישער עדות פון אונדזער לאנגן מארטירער־וועג. — ווי האבן די הערצער פון די פארוואגלטע און צעטריבענע יידן אין פחד און פארכטיקייט זיך געקארטשעט, ביים דערנענטערן זיך צו א נייעם פארט! „—ווער ווייסט, ווי וועט מען אונדז דארט אויפנעמען? וואס פאר א סכנות און גרוילן עס לויערן אויף אונדז דארט?” אמאל האט דער נייער פארט ארייננגעבראכט האפענונג אויף ווידערצושטעלן דאס צעשטערטע לעבן, ווידער אנצוהויבן פון דאס ניי די איבערגעריסענע פארגאנגענהייט, וואס מען האט געלאזט ביי דעם פאריקן פארט.

צײַטמאַטיוון

אָבער אַמאָל, און פֿיל פֿיל מאָל האָט געטראָפֿן, אַז דער נײַער פּאָרט האָט אויסגעלאָשן יעטוועדן האָפֿענונגס־גלי און דערשטיקט יעדע לעבנס־גלוסטונג, האָט צעטראָטן אין אַנגסט און אין אימה יעדע אמונה צו פֿאַרהיילן די טיפֿע וואונדן און זיי נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט. דאַן האָבן מיר געזען דעם שוואַרצן תהום, דעם גרויזאַמען, ווי דער קאַלט־מערדערישער ים־תהום וואָס ציט אַראָפּ און שלינגט אײַן...

אונדזער גלות־געשיכטע שטייט אונטערן צייכן פֿון „ביים פּאָרט". בײַ איין פּאָרט אַרויפֿגעשטיגן, בײַ דעם צווייטן אַראָפּגעשטיגן. בײַ איינעם אָנגעצונדן דאָס הארץ מיט פֿלאַם־פֿײַערדיקן גלויבן אין דעם קומענדיקן פּאָרט, ביים צווייטן פֿאַרשאָטן דעם האַרץ־גלוט מיט פּײַנפֿולן אומרחמנותדיקן אַש...

צווישן איין פּאָרט און דעם צווייטן האָט זיך אונדזער גלות־געשיכטע אויסגעלעבט. און פּונקט ווי די שוימיק־צעקאָכטע כוואַליעס, אונדז טיילמאָל אַרײַנגעוואָרפֿן אין דעם שוואַרצן תהום, און אַמאָל האָט זיך אויך געמאַכט, אַז פּונקט ווי די שפּיגלדיקע רואיקע וואַסער־פֿלאַך געגלעט אין אונדזערע לעבנס־וואַלן.

אויך הײַנט שטייען מיר אונטערן צייכן פֿון „ביים פּאָרט". אָבער הײַנט ציט אונדז צו אַ ווײַטן ליכטיקן פּאָרט, וואָס ווינקט צו אונדז און גיסט אַרײַן שטראָמען וואַרעמקײַט אין אונדזערע גלידער.

אין אָט יענעם מזרח־פּאָרט וועבן מיר אַרײַן אונדזערע טרוימען, זינגען אַרײַן אונדזער לעבנס־ניגון און צעשטראַלן זיך בײַ זײַן ווייטן ליכט, וואָס באַשפּרענקלט אונדז מיט זײַן שימער.

פֿון אַלע פּאָרטן פֿון דער וועלט ציען זיך ווידער ייִדן צו אָט יענעם פּאָרט. דאָס מאָל מיט הייסער בענקשאַפֿט, אויסצוקושן זײַנע פֿאַרזאַמ־דיקטע ברעגן. מיט טרײַער ליבשאַפֿט אויפֿצובויען זײַנע אַלטע חורבנות, און אויפֿשטעלן אַ נײַ און פֿריידפֿול לעבן, וואָס זאָל אונדז ניט וואַרפֿן פֿון איין פּאָרט צו דעם צווייטן, נאָר וואָס זאָל פֿאַרבאַלזאַמירן אונדזערע געשיכטע וווּנדן מיט דעם פֿרישן און געזונטן דופֿט פֿון אייגענער ערד, און פֿון אַ פֿרײַען הימל. אַזאַ פּאָרט, וואָס זאָל בלויז נחת־טרערן אײַנזאַפּן

און מיט זיי ניט באַזויערן און צעזידן דעם ים, נײַערט צעאַקערן און אַנטרינקען די ערד, וואָס זאָל אַרויסגעבן די טײַערסטע פּרוכטן פון ווירדיקער און פרידלעכער מענטשלעכער אַרבעט.

יאָ, מיר שטייען ווידער בײַם פּאָרט, אָבער בײַ דעם וואָס פירט צו דעם געגאַרטן מזרח'דיקן פּאָרט, וואָס שטרעקט צו אונדז זײַנע ברײ־דערלעכע און ליבנדיקע אָרעמס.

בײַ דעם פּאָרט טרעטן מיר אויך אַריבער די שוועל פון אַ נײַעם און צעהעלטן ייִדיש לעבן...

דערציילונגען

דריי דורות

I

אַ שטילער אומעט שפּרייט זיך היינט אין ר׳ יחיאלס הויז. אַלץ איז איינגעזונקען אין דריקנדיקן טרויער. צומאָל ווערט די שטילקייט דערציטערט דורך אַן אויסברוך פון העשנדיקן געוויין, וואָס זיין פרוי איידל לאָזט הערן פון איר בעט אַרויס, ווו זי קאָרטשעט זיך אין פיינלעכן געצאַפּל. אירע אויגן זיינען שוין געשוואָלן פון וויינען און איר מאַמעש האַרץ הייבט זיך אין אַ שלוקערצדיקן ספּאַזם.

אין אַ ווינקל זיצט איינגעבויגן ר׳ יחיאל. זיינע אויגן ווייען מיט צער און זיין קאָפּ זינקט אַלץ נידעריקער אַראָפּצו, צו זיין ברוסט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגרונטעווען זיך צו זיין אָנגעזאַלצענעם געמיט, אין וועלכן עס וואָיעט אַ שטיל געוויין וווּאָס שפּאַרט זיך אַלץ נענטער צו זיין קעל און בלייבט אין אים ווי אַ שווערער קנויל. פון מאָל צו מאָל לאָזט ער אַרויס אַ שווערן זיפץ און עס דוכט זיך ווי דאָס גאַנצע הויז וואָלט מיטגעזיפצט:

„ברוכקע איז שוין אויך אַוועקגעפאָרן...״

* * *

מרדכי הערבסט

ר׳ יחיאל לערנער איז געווען א מיטליעריקער מאן, א ייד א הדרת־פנים, א הויכער, א גלייכער, מיט א פעסטן טראט און א זעלבסטזיכערקייט, וואס פלעגט צו אים וועקן דרך־ארץ. א שיין קורץ־געשוירן שפיציק בערדל האט ארומגעראמט זיין איידל פנים, אין וועלכן עס זיינען איינגעפאסט געווען צוויי הימל־בלוי פארחלומטע אויגן, וואס האבן אפירגעקוקט מילד און קלוג פון אונטער זיין הויכן ברייטן שטערן. א שמייכל פלעגט שפילן אויף זיינע דינע ראזעווע ליפן, וואס פלעגן זיך פון מאל צו מאל צעעפענען אין א צעווארעמטן לאכן און אנטפלעקן צוויי שורות ווייסע ציין. פון זיין שמייכל האט מיט הארציקייט געשטראמט און ער האט באקליידט זיין לענגלעכן פנים מיט א צוציענדיקן אויסדרוק.

זיין קול האט געקלונגען קלאר און ווארעם, נעימותדיק אבער פעסט און פלעגט געהערט ווערן מיט אויפמערקזאמקייט. ווייל וויסן דארף מען, אז ר׳ יחיאל איז חוץ א ייד א למדן, אויך געווען א קלוגער מענטש מיט א גראדן שכל און ווייטן בליק.

ער האט זיך פונאנדערגעקליבן ניט נאר אין די קליינע אותיות נאר אויך אין דער מענטשלעכער נשמה. פלעגט מען ניט זעלטן צו אים קומען נאך אן עצה, נאך א טרייסט־ווארט און נאך א שאלה.

און געווען איז ער, ווי מע קען שוין פארשטיין, באליבט ביי אלע זיינע פריינד און באקאנטע, וואס האבן ביי אים געפונען שטענדיק אן אנגענעמע באהאנדלונג, צוגלייך מיט א גוטסקייט, וואס ווארעמט.

דעריבער איז זיך ניט צו וווּנדערן, וואס גלייך נאך דעם ערשטן טאג, ווען ער האט באטראטן די פעלדער פון באראן הירש, איז ער געווארן דער ליבלינג פון אלע קאלאניסטן און א שם־דבר אין דער סביבה.

געקומען איז ר׳ יחיאל קיין ארגענטינע מיט העכער צוואנציק יאר צוריק, און גלייך אנגעקומען אויפן קאמפ. געטריבן פון זיין שטעטל אין רוסלאנד האט אים נויט און פארפאלגונגען און א מעכטיקער דראנג אנצוהייבן א נײַ לעבן, א פארווארצלטס און פראדוקטיווס. ער, דער געוועזענער עילוי, מיט וועלכן דאס גאנצע שטעטל האט זיך געגרויסט,

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

האָט אין דער אַלטער היים געלאָזט הינטער זיך אַ סך ישיבה־יאָרן און „טעג“, קעסט און לופט־פּרנסות. פון פּײַן און יידן־שנאה האָט ער זיך געריסן צו דער פרײַער וועלט, צו די צעגרינטע פעלדער, צו די ריחות פון צעבליטע סעדער און צום געזונטן גערוך פון פריש־צעאַקערטער ערד. אין דער נײַער וועלט האָט ער באַשלאָסן צו פאַרזייען זײַן מי און שוויים, צו פאַרוואָרצלען זיך און צושמידן צו איר זײַנע קינדער, זײַנע אייניקלעך, און נאָכקומענדיקע דורות, און זיי זען דאָ אויסוואַקסן געזונטע פעסטע און זיכערע יידן, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ.

און קוים איז ער נאָענט געוואָרן מיטן קאַמף, האָט ער זיך שוין אָן אים געקלאַמערט, אים באַאַרבעט מיט ליבשאַפט, אין אים אַרײַנגעלייגט זײַן נשמה. האָט ער געזען גרינען דעם קאַמף, האָט אויך זײַן געמיט געגרינט, און האָט ער אים געזען בליען, האָט זײַן גאַנצער מהות געבליט. און האָט חלילה אַ מאָל געטראָפן, אַז קיין פּרוכט האָט דאָס פעלד ניט אַרויסגעגעבן פון זײַן אײַנגעווייד, האָט די שטימונג ביי ר' יחיאלן געוועלקט. אין פעלד פלעגט ער עמערס געזונט שעפּן פאַר זײַנע ביינער. גליק פלעגט ער אײַנאָטעמען אונטער דעם צעתכלתטן הימל. צוזאַמען מיט דער אויפגייענדיקער זון פלעגט אַ פרייד אין אים אויפגיין אין דעם אויפטויכנדיקן פרימאָרגן.

דאָ האָט ער זיך געפונען. ווי אַן אַמאָליקער טרוים, וואָס איז ערגעץ טיף אין הארץ ביי אים געווען פאַרנורעט, וואָלט איצט אויפגעטויכט און ער האָט זײַן תיקון געפונען.

זײַנע ווײַסע גלאַטע גמרא־הענט זײַנען איצט געווען באַדעקט מיט אַ פאַרברוינטער געזונטקייט און זיי זײַנען אים געוואָרן ווי אייגענער, די הענט, ווײַל ערשט איצט האָט ער זיי געפילט...

און פלעגט אים דער פאַרנאַכט אַרײַנגיסן אין זײַנע גלידער אַ זיסע מידקייט, אַזוי האָט אים די נאַכט פאַרוויגט. פון טיפן שלאָף פלעגט ער אויפשטיין מיט מונטערער פרישקייט. אַלץ איז אים דאָ געוואָרן אייגן: די שוואַרצע ערד און דער בלויער הימל, די דורכזיכטיקע לופט און דער קילער רעגן, די גרינסן און די ביימער, דאָס פערד און דער פויגל,

די שטוב און די שטאַל. געפילט האָט ער זיך אויך ווי אַ טייל פונעם אַרום, ווי אַ שפּראָץ פון דער ערד, פריי ווי אַ פויגל; געשפּירט האָט ער, ווי ער וואָלט פון דאַנען אַרויסגעוואָקסן און דאָ וועט ער שוין אייביק בלייבן.

אַזוי האָט אויך געפילט איידל, זיין טרייע פרוי. זי איז געווען אַן אמתע עזר־כנגדו, און אַז מענטשן פלעגן יחיאלן און איידלען דערזען פלעגן זיי זאָגן: — „אַ געבענטשטע פּאָר", „ווי צוגעמאָסטן איינער צום צווייטן".

איידל, די געוועזענע אויסגעציטערטע נגידישע טאָכטער, דאָס בת־יחידיש שיינדל פון דעם גרעסטן גביר אין ר' יחיאלס רוסישן היימ־שטעטל, איז געווען „אַ שטילע טויב". אַ מיטלוווּקסיקע, אַן איידעלע, מיט אַ זאַנפטן שמייכל אויף אירע דינע ליפּן. אירע שטילע סאַמעטענע אויגן האָבן אין אַ וואַרעמען גלאַנץ זיך געטונקען און מיט אַ שלייער פון פאַרחלומטקייט פאַרצויגן איר פולן ווייסן געזיכט. איבער איר קלאָרן שטערן האָבן קאַשטאַנענע האָר זיך געטורעמט און געפאַלדעוועט זיך אין קייַלעכדיקע לאָקן.

אויף איר געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גוטסקייט פון איר האַרץ און אין איר אַנגענעמער שטימע האָבן די סטרונעס פון איר נשמה אויסגעקלונגען אַ געזאַנג. אַלע האָבן זי דערפאַר באַטראַכט ווי אַ טייַערע נשמה, אַ גאָלדן האַרץ. זי איז גרייט געווען איטלעכן שטענדיק צו העלפן. ר' יחיאל האָט זי שטאַרק געליבט און געשאַצט און זי איז ביי אים געווען דאָס קריינדל.

קיינער האָט זיך צו אים ניט געקענט גלייכן אין גליק, ווען איידל פלעגט אים צוזאַמען מיט אַ קאַלטן טרונק, אַנטקעגנטראָגן איר בליק, מיט וועלכן זי פלעגט צו אים אַרויפקוקן.

און דער שבת פלעגט זיי טרעפן זיצן אין דער ציכטיק אויפגערוימ־טער שטוב, ביי אַ בלאַנק־געדעקטן טיש. ר' יחיאלן האָט דער שבת־טאָג געפונען אַריינקוקן אין די באַאותיותטע בלעטער פון אַ ספר, און איר איידלען, אין די מיט פרויען־טרערן אָנגעזאַפּטער תחינה. שטראָמען ליב־

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

שאַפּט פֿלעגן זיך ציען פֿון זייערע אויגן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. די שבת־רו איז דעמאָלט נאָך קודשדיקער געוואָרן, גלײַך ווײַסע אומגעזעענע מלאכים וואָלטן זיי אַרומגעשפּינט מיט אַ שטילן חלום.

די לעצטע זון־שטראַלן פֿלעגן זיי אָפּרויטלען, נאָך דעם האָט די דעמערונג זיי פֿאַרוועבט אין אַ הייליקער טונקלקייט, פֿון וועלכער די איינציקע ליכטער זײַנען געווען זייערע אויגן. דער מוצאי־שבתדיקער אָוונט פֿלעגט דאַן זיך אויפֿפֿראַלן און פּאַמעלעך האָט אין זייער הויז צוריק אַרײַנגעדרונגען געזונטע וואָכעדיקייט.

דאָ, אויפֿן קאַמפּ, זײַנען געבוירן געוואָרן זייערע צוויי זין, שלמהלע און ברוכקע. אַ הילכיק גליק האָט אָפּגעקלונגען אין זייער הויז. געווען זײַנען די קינדער נחת־קוואַלן פֿון פֿרייד וואָס פֿלעגן זיך דערגראָבן ביז אין דער סאַמער טיף פֿון זייערע נשמות און אָנטרינקען זיי מיט גליק.

פֿרײַ און אָן זאָרג זײַנען די קינדער געוואָקסן צווישן גראָז און בוים, בלום און פֿויגל. מיט פֿאַררויטלטע בעקלעך און צעגלאַנצטע אייגעלעך, מיט צעשויבערטע קעפּלעך און גלעקלדיקע שטימעלעך, האָבן זיי אויסגעזען ווי רויזן־קנאָפּסן אין פֿרילינג. און געירשנט האָבן זיי די גוטע מידות פֿון זייערע עלטערן און זיי אײַנגעאייגנט; מיט דעם האָבן זיי געגלעט דער מאַמעס נשמה און דעם פֿאָטערס האַרץ, וואָס האָבן אין זיי איבערגעגאָסן זייער גאַנצע ליבשאַפֿט

און ווען דער פֿאָטער האָט מיט זײַנע קינדער געלערנט ייִדישקייט אין די פֿרײַע שעהן, פֿלעגט ער נאָך אָנקוועלן פֿון זייער קלוגשאַפֿט. און האָט ער זיי געפֿילט נעבן זיך אויפֿן פֿעלד צווישן די באַגילדטע זאַנגען, פֿלעגט אַ געזאַנג אָנפֿילן אַלע זײַנע גלידער און אַ האָפֿענונג האָט זיך אין אים אײַנגענעסטיקט:

אויך זיי וועלן די פֿעלדער אָנטרינקען מיט זייער לעבנס־זאַפֿט. קרעפֿטיקע קאָלאָניסטן וועלן זיי אויסוואַקסן און אויך זייערע קינדער פֿירן אויפֿן דאָזיקן וועג.

און וואָס מער זיי זײַנען געוואַקסן, אַלץ מער האָט ער אין זיי

געזעגן אין זײַן פּאַטערשן דמיון: שטאַרקע צווײַגן פון זײַן שטאַם, און זײַן געמיט פֿלעגט זיך צעקוועלן אין פֿאַרויסגעפֿילטן נחת.

* *
*

אָבער ווײַזט אויס, אַז עס איז ר' יחיאלן ניט באַשערט געווען צו זען אַט דעם חלום באַקליידט אין ווירקלעכקייט. אין פּײַנלעכער אַנטוי־שונג זײַנען זײַנע האָפֿענונגען זיך צערונען.

אַן אומרו האָט אָנגעהויבן צו טרײַבן זײַנע געליבטע בנים און זיי ענדלעך אַרויסגעטריבן פֿון פֿעלד. ס'האָט זיי אַרויסגעריסן די גרויסע שטאָט בוענאָס אײַרעס. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אַוועקגעפֿאָרן שלמה'לע און אַ לײַדיקײַט האָט גענומען פֿרעסן די שטוב.

כאָטש ר' יחיאל האָט נאָך פֿריער באַמערקט אין זײַנע קינדער אַ דראַנג צו אַן אַנדער וועלט, דאָך האָט ער ניט געגלייבט אַז עס זאָל קומען דערצו, ער זאָל בלײַבן אַליין אויפֿן קאַמף.

אָפֿט מאָל פֿלעגט ער בײַ שלמהלען דערבליקן אַן אומרואיקן קוק און טייל מאָל אַ פֿאַרחלומטקייט, ווי ער וואָלט געווען אין אַנדערע וועלטן.

דאָס פֿלעגט זיך איבערחזרן נאָך שלמהלעס יעדן באַזוך בײַ זײַן רײַכן קוזין, דעם גרויסן בוענאָס־אײַרעסער געשעפֿטסמאַן. דאָס פֿלעגט אויך אים, ר' יחיאלן, באַאומרואיקן, אָבער די ניט גוטע געדאַנקען האָט ער אַלע מאָל פֿאַרטריבן פֿון זיך. ער האָט זיך אײַנגערעדט אַז דאָס וועט אַדורך: עס איז ניט מער ווי אַ בליץ אין דעם יונגן מוח פֿון זײַן עלטערן זון, וואָס איז אונטערן רושם פֿון זײַן אַקאָרשטיקן באַזוך.

אָבער אַזוי איז דאָס ניט געווען. דער דאָזיקער בליץ, ווי ר' יחיאל האָט דאָס גערופֿן, האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער צעבליצט אין שלמה־לען און ענדלעך אים אַרויסגעריסן אין דער הויפּטשטאָט פֿון לאַנד.

עס האָבן ניט געהאָלפֿן דאָס בעטן זיך און די טרערן פֿון טאַטע־מאַמע. אַ האַלבע האָפֿענונג האָט בײַ ר' יחיאלן שוין אָפּגעפֿרוירן.

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ו ן

אַ צווײַג פֿון זײַן בוים איז ווי פֿון אַ געוויטער אָוועקגעטראָגן געוואָרן אין דער ווײַט.

און איצט, אַ צײַט שפּעטער, האָט אויך דער שטורעם אָפּגעריסן דעם צווייטן זון, ברוכקען. אויך אים האָט פֿאַרטראָגן אַהינצו, קיין בוע־נאָס אײַרעס.

אין ברוכקען האָט זיך צעשפּילט זײַן דמיון. מיט פֿאַרערונג פֿלעגט ער קוקן אויפֿן פֿאָטער, ווען ער האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ ספֿר; אין דער זעלביקער צײַט פֿלעגט ער שלינגען די ביכער וואָס זײַנען אים געקומען אונטער דער האַנט. אַן אומגעשטילטער דאָרשט נאָך וויסן האָט אין אים זיך אױפֿגעוועקט, איבערהויפּט נאָך דעם ווי אַ סך יוגנטלעכע אין זײַן עלטער, די שכנישע קינדער, פֿלעגן זיך צעפֿאָרן און פֿון זייערע בריוו פֿלעגט ער אַרויסאָנען אַ כשופֿדיקע וועלט, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער ביכער און שולן. דאָס האָט אים גענומען אַלץ מער לאָקן און ציען.

אין אויך ער האָט געלאָזן אַ ליידיק פּלאַץ אויפֿן קאַמף, איבער־געלאָזט אַ טרויעריקע פּוסטקייט אין די עלטערנס הערצער און אויף די פֿעלדער וואָס זײַנען אָנגעזאַפּט געווען מיט זייער קינדישער פֿרייד, געלעכטער, חלומות און אומרו.

ר׳ יחיאל האָט זיי געזען אַוועקפֿאָרן און צוגעקוקט ווי זײַן לאַנג געוואַרעמטער חלום פֿאַרגייט זינלאָז.

ווי די פֿייגעלעך פֿון זייערע נעסטן אַרויס האָבן זײַנע קינדער זיך אַרויסגעריסן, אַוועק און צעוואַקלט די טיפֿע וואָרצלען, וואָס ר׳ יחיאל האָט געשלאָגן אין דער מאַמע־ערד.

— מאַמע־ערד. — האָט ר׳ יחיאל מיט ווייטיק געטראַכט, — מען פֿאַרלאָזט דיך...

מיט ברוכקעס אַוועקפֿאָרן, איז די לעצטע צווײַג האָפֿענונג אָפּגע־פֿרוירן, טויט געוואָרן און פֿון אים האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. זיצט ער אין שווערן פּיין געזונקען און עס זאָפּן אײַן די ווענט פֿון הויז דעם זיפֿץ, וואָס עס רײַסט זיך אַרויס פֿון אים:

„ברוכקע שוין אויך אַוועקגעפֿאָרן!...“

מ ר ד כ י   ה ע ר ב ס ט

II

א טרויעריק שטילשווייגן האט געהערשט אין רייכן הויז פון סאלאמאן לערנער. אלץ איז געווען פארשטומט אין אומעט, ווי דער ארום וואלט ניט געוואלט שטערן סאלאמאנען און זיין ברודער, דעם ד״ר בערנארדא לערנער, אין זייער אינעווייניקסטן ווייטיק וואס האט זיך געשפארט פון זייערע אויגן און האט געשפרייט אויף זייערע פנימער שווערע שאטנס.

זיי זיינען געזעסן מיט אראפגעלאזענע קעפ. פון שלאף־צימער האט זיך מיט א דורכבויערנדיקן קוויטש געטראגן אן איינגעהאלטן געוויין. גלייך מען וואלט עס געוואלט דערשטיקן אבער עס לאזט זיך ניט, עס רייסט זיך דורך דורך אלע האנט־ און קישן־צוימונגען, שפרייט זיך איבער די רחבותדיקע זאלן, און זאפט זיך איין אין די ווייכע דיוואנען און פלושענע צודעקן. דאס האבן אזוי געוויינט צוויי באטריבטע מאמע־הערצער, וואס זיינען פארלאזט געווארן פון זייערע קינדער. שארף איז זייער ווייטיק. זיי פילן זיך ווי די פייגל ביי וועמען דער שפארבער האט די נעסטן אויסגערויבט.

* *
*

סאלאמאן לערנער, דער באקאנטער געזעלשאפטלעכער טוער אין בוענאס איירעס, איז געווען א ליבלעכער מענטש, וואס האט צוגעצויגן מיט זיין לב טוב און אנגענעמער באהאנדלונג, מיט זיין אפנהארציקייט און איידלקייט און זיך דערווארבן א שיינע פאזיציע אין דער געזעלשאפט. האט מען געדארפט באזעצן דעם פרעזידענט־אמט אין איינער פון די גרויסע אינסטיטוציעס וווּ ער איז געווען טעטיק, איז באלד ארויפגעשווומען זיין קאנדידאטור. האט מען געדארפט שיקן א דעלעגאט צו א צוזאמענפאר אין שטאט אדער אין פראווינץ, צי גאר אין אויסלאנד, איז סאלאמאן לערנער געווען אויפן ערשטן פלאץ פון די דעלעגאטן-

נעמען. האָט מען געדאַרפט ערגעץ לייזן אַ סכסוך, פאַרגלעטן אַן עוולה, האָט מען זיך צו אים געווענדט. צו זײַן וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט און זײַן באַליבטקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. נושא חן געווען האָט ער פאַר זײַן טאַקט, פאַר זײַן באַשיידענער האַלטונג און פאַר זײַן טיכטיקייט. ער האָט געדינט דער געזעלשאַפט מיט איבערגעגעבנקייט און געלאָזט זיך אַ סך קאָסטן פאַר פאַרשיידענע קהלשע צוועקן.

זײַן הויכע, דיקלעכע פיגור, זײַן קײַלעכיק פנים, אין וועלכן עס האָבן זיך באַוועגט צוויי לאַכעדיקע בלויע אויגן, וואָס האָבן אויסגעשטראַלט גוטסקייט וואָס פלעגט זיך צונױפּשנירלען מיט דעם צעעפנטן שמייכל און זיך אַראָפּקײַקלען צו די שמאַלציקע פאַלדן פון דעם גוידער וואָס איז געווען אָנגעהויפט אויף זײַן האַלדז, פלעגט שטענדיק זײַן דער אָביעקט פון מענטשנס סימפּאַטיע. אין האַרמאָניע צו אָט דעם אויסזען איז אויך געווען זײַן געטאָקטע נאָז און די אויף אַהינטן פאַרקעמטע געדיכטע האָר וואָס האָבן שעמערירט מיט אַ טונקל גאָלדיקן גלאַנץ.

זײַן רײַכע היים איז געווען אַן אַדרעס אין שטאָט, אַהינצו האָבן זיך געצויגן אַ סך האָפענונגען און וואַרעמע געפילן.

געווען אין סאַלאָמאָן לערנער אַ חשובער געשעפטסמאַן און האָט פאַרנומען אַן אויבנאָן אויך אין דער האַנדלס־וועלט. זײַנע געשעפטן זײַנען געווען צעצווײַגטע איבערן גאַנצן לאַנד. טיף אין האַרצן האָט אים געוואַרעמט אַ שטאָלץ, וואָס ער האָט דאָס אַלץ דערגרייכט מיט זײַן אייגענער מי, אַ דאַנק זײַנע פעאיקייטן און געניטשאַפט. שווער געווען דער וועג ביז ער האָט דערגרייכט אָט־די פּאָזיציע. אָבער עס האָט געלוינט, פלעגט ער טראַכטן. ער דערמאָנט זיך נאָך היינט, ווי אַזוי ער, אַ יינגל, איז אָנגעקומען אַהער פון קאַמפּ, דאָ, אין בוענאָס אײַרעס, שווער און ביטער געאַרבעט, געפעדלט, געהאַנדלט און איז פאַמעלעך געשטיגן עקאָנאָמיש, געעפנט זײַן ערשט געשעפט, אין אַ צײַט אַרום דאָס צווייטע. דערנאָך איז געקומען די פּרוי. זײַן דאָניאַ טערעסאַ, טײַבל, די טאָכטער פון מאָיסעס אַלטמאַן, דער מעבל־פאַבריקאַנט און דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון פאַראיין „אחוה־ושלום”.

חתונה געהאַט, זיך איינגעאָרדנט אַ רייכע היים, פון וועלכער מען פלעגט זען די שיינע לעבעדיקע פּייסאַזשן און עס האָבן געצוויבערט די מאָלערייען פון די איינגעראַמטע בילדער... אויך האָט אָראָפּגע־לויכטן אַ שיינע ביכער־שראַנק, וואָס האָט זיך אַלע מאָל פאַרגרעסערט, ווייל מען פלעגט אים קומען אַנבאָטן אַלע ניי־דערשינענע ביכער און ער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט זיי צו קויפן.

ער האָט אויך ניט פאַרגעסן אין זיינע עלטערן אין קאָלאָניע און פלעגט אַ מאָל אַראָפּקומען צו זיי אויף באַזוך. ער האָט זיי געוואָלט אַריבערנעמען אין שטאָט, אָבער ער האָט דאָס ביי טאַטע־מאַמע ניט געקענט פועלן. ר' יחיאל האָט דעם קאָמף ניט געוואָלט פאַרלאָזן, דאָס רחבותדיקע פעלד — ניט טוישן אויף דער שטאָט. דאָ וועט ער שוין אויסלעבן זיינע יאָרן, — האָט ער געזאָגט.

אַזוי איז עס געווען. אין אַ צייט נאָך סאָלאָמאָנס חתונה האָט אַ וויסטע בשורה אים פאַרטונקלט דאָס טאָג־ליכט. ר' יחיאל איז געשטאָרבן אויף זיין געליבט פעלד. צווישן צעגרינטע ביימער און צעדופטעטע סעדער האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט. נאָך זיין טויט איז ער זיך נאָך מער צעוואַקסן אין די הערצער פון זיינע קינדער. מיט ערפורכט און ציטער־דיקע זכרונות פלעגן זיי אים אויפברענגען. און ווען טייבל האָט אים זיין ערשטן און איינציקן זון געבוירן, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן נאָכן זיידן, יחיאל. רירנדיק האָט פאַר אים געצערטלט אָט דער טייערער נאָמען. טייער אין צווייען: ווי אַ זכר פון זיין געהויבענעם פאָטער און ווי דער נאָמען פון זיין איינציקן קינד, וואָס האָט זיין לעבן אָנגעפולט מיט גליק.

ער האָט אַ סך מי געלייגט אויף דער דערציאונג און געוואַכט אויף זיין אַנטוויקלונג. אין זיין פאָטערשן הארץ האָט זיך געוואָרעמט די האָפענונג אַז זיין יחיאל, אָדער כוליאַ, וועט איבערנעמען די פירונג פון זיינע צאַלרייכע, גרויסע געשעפטן.

אָבער די דאָזיקע האָפענונגען זיינען צערונען. שוין אין די ערשטע יאָרן פון יחיאלס לערנען אין דער האַנדלס־שול, איז אין אים פאַרגעקו־מען אַ גרויסע ענדערונג.

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ו ן

דורך זײַנס אַ ייִדישן שול־חבר איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון זײַן געגנט און איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט לײַב און לעבן, מיט זײַן גאַנצן נשמה־ברען פונעם עליה־אידעאַל. עס האָט ניט געהאָלפן קיין טענות און געבעט. קיינע טרערן פון די עלטערן. ער האָט פאַרלאָזט זײַן שטודיום, די באַקוועמע היים און איז אַוועק אויף הכשרה. צו דער ערד־אַרבעט. יחיאל, דאָס גבירישע בן־יחידל, וואָס האָט אין זײַן לעבן קיין אַרבעט ניט געטאָן, אויף וועמען עס האָט געוואַרט אַ רײַכע צוקונפט, האָט דאָס אַלץ איבערגעלאָזט.

אין תחילת האָבן סאַלאָמאָן און טערעסאַ געמיינט, אַז ער וועט זיך אַ ביסל אָנפלאָגן אויף דער הכשרה, און וועט זיך צוריקקערן צו דער זאַטער היים. אין גיכן האָבן זיי זיך איבערצײַגט אין דעם פאַרקערטן: כוליאַ האָט נאָך מער זיך צוגעקניפּט צו זײַן אידעאַל, צוגעשמידט געוואָרן צו דער אַרבעט, צום לעבן אויף הכשרה, אדרבא, ער האָט געפילט ווי ער וואָלט זיך דאָ ערשט געפונען, אַז זײַן לעבן האָט ערשט באַקומען אַ זין. און זײַן גאַנץ וועזן האָט זיך געריסן אַהינצו, קיין מדינת־ישראל, צו פאַרווירקלעכן זײַנע שטרעבונגען, באַאַרבעטן די מוטער־ערד און זיך אײַנבויען אין איר.

און אין איינעם אַ רעגנדיקן טאָג האָט ער צוזאַמען מיט אַ צוואַנציק חלוצים, צווישן זיי זײַן קוזינע אינעס, דעם פעטער ד״ר בערנאַרדאָס טאָכטער, זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף, געלאָזט זײַן טאַטע־מאַמע, דעם פעטער ד״ר בערנאַרדאָ און זײַן מומע מאַבעל, צווישן די באַטריבטע עלטערן, וואָס האָבן מיט פאַרוויינטע אויגן צוגעזען ווי די שיף גליטשט זיך אַרויס פון פּאָרט, און צוזאַמען מיט איר גליטשן זיך זייערע קינדער אַוועק אין מרחקים. ווי אויסגעליידיקטע האָבן סאַלאָמאָן און טערעסאַ לערנער, ד״ר בערנאַרדאָ און מאַבעל לערנער, דערנאָך געלאָזט טרײַבן זייערע אויטאָמאָבילן צו סאַלאָמאָנס שטוב.

ד״ר בערנאַרדאָ איז געווען אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. זײַנע דיקלעבע ליפּן האָבן פון נערוועזער דערדריקטקייט געציטערט. זײַן איידל פּנים מיט די סאַמעטענע אויגן, איז געווען באַגאָסן מיט אַ גליווערדיקער

בלאַסקייט, זײַנע גאָלד־געראַמטע ברילן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן הויכן ווײַסן שטערן, זײַנען געווען באַהויכט פון טרערן־דאַמף.

זײַן אײדל, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז אַוועק ווײַט פון איר היים. עפּעס זינלאָז איז אים אַלץ פאָרגעקומען: יונגע קינדער מיט אַ צוקונפט, זאָלן פלוצעם זיך אויפהייבן און געטריבן פון אַ שטורעמ־דיקן אומרו, פאַרלאָזן זייער לערנען, זייערע עלטערן, זייער נעכטן, און גיין אַנטקעגן אַ האַרט לעבן. אין דעם זאָלן זיי געפינען זייער גליק!

ער, ברוכקע, האָט זיך אַרויסגעריסן פון קאַמפּ, געצויגן אין דער גרויסער שטאָט, צו לערנען, צו דערגרייכן עפּעס. וויפל מי האָט דאָס אים געקאָסט! וויפל אָנשטרענגונגען ביז ער האָט באַקומען זײַן דאָקטאָר־טיטל! וואָס פאַר אַ אַרבעטן האָט ער דען ניט געטאָן, זיך צו קענען אויס־האַלטן, און אַ דאַנק זײַן דאָרשט נאָך וויסן, זײַן פעסטן ווילן, האָט ער דערגרייכט זײַן איצטיקע פּאָזיציע, זײַן רום, און אײנעם ציט גאָר פאַר־קערט: לאָזט איבער דאָס אַלץ און ציט צוריק צום פעלד, צו דער נאַטור.

ד״ר בערנאַרדאָ איז געווען אַ דערפאָלגרײַכער מעדיקער, זייער גע־שעצט אין די וויסנשאַפטלעכע קרײַזן. זײַן נאָמען האָט זיך אויך געלאָזט הערן אין אויסלאַנד, אַ דאַנק זײַנע פילצאָליקע מעדיצינישע פּובליקאַ־ציעס און ערנסטע פאָרשונגען. אין פּועל־יוצא פון זײַן כסדר׳דיקער התמדה, איז ער מיט אַ פּאָר יאָר צוריק נאָמינירט געוואָרן פאַר פּראָפעסאָר פון מעדיצינישן פאַקולטעט און דער גאַנצער ייִדישער ישוב האָט זיך מיט אים געגרויסט.

איבערהויפּט האָט שטאָלצירט מיט אים זײַן שווער, דער מיליאָ־נער גרעגאָריאָ האָלצמאַן, וואָס האָט אים אײַנגעאָרדנט, גלײַך ווי ער איז אַ חתן געוואָרן פאַר זײַן טאָכטער מרימל, אַ פײַנע קאָנסולטאָריע און אים נאָך געגעבן אַ שײנעם נדן. באַזונדער האָט גרשון האָלצמאַן זיך גע־שפּיגלט אין זײַן אייניקל, אין דער געראָטענער אינעס, וואָס האָט גע־שמייכלט זײַן זיידעשן געמיט.

ד״ר בערנאַרדאָ און מאַבעל האָבן זייער בת־יחידקע אַרומגערינגלט מיט ציטערדיקער ליבע. אונטער זייער אויפזיכט האָט אײדל זיך צע־

אין מיטן פעלד זענען געשטאַנען יחיאל און איידל און געמאָסטן
מיטן בליק די גאָלדענע שפע...

בליט ווי אַ געפֿלעגטע בלום, און האָט אָנגעפֿילט די שטוב מיט שטראַ־ ליקן ליכט.

איר דערציאונג איז געווען אַ אָפּגעהיטענע; ביכער האָבן באַרײַ־ כערט אירע געדאַנקען און פּיאַנאָ־קלאַווישן האָבן אונטערגעטאַנצט בײַם באַריר פֿון אירע ווײַסע הענטלעך. אויסגעוואַקסן איז די צאַרטע איידל, וואָס האָט געהייסן נאָך איר באָבען, און דעם ד״ר בערנאַרדאָ שטענדיק דערמאָנען זײַן גאָטזעליקע מוטער, מיט ראַפֿינירטע מאַנירן, מיט חן און פּראַכט.

און וואָלט עמעצער מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געזאָגט אירע עלטערן, אַז זי וועט אַוועק פֿון איר היים און פֿאָרן צו די פֿעלדער פֿון ישראל, וואָלטן זיי יענעם אָנגענומען פֿאַר אַ וואַנזיניקן.

די ווירקלעכקייט איז דווקא געווען אַזעלכע. איידלס קוזין, כוליאָ, האָט איר איין מאָל מיטגענומען אין זײַן אָרגאַניזאַציע, און פֿון דאַן אָן איז אין איר פֿאָרגעקומען די זעלביקע ענדערונג וואָס מיט כוליאָן. זי איז אַוועק אויף הכשרה, ביז אין איינעם אַ טאָג איז זי, צו דער גרויסער שטוינונג פֿון טאַטע־מאַמע, אַוועק צו יענעם ברעג, צו וועלכן עס האָט שטאַרק געצויגן איר יונג היים הארץ.

אויף די שוימיקע כוואַליעס פֿון ים הייבט זיך די שיף אין וועלכער עס שווימען יחיאל און איידל. בײַ זיי הייבן זיך די הערצער פֿון קלאַפּנ־ דיקער פֿרייד, און דאָ, בײַ סאַלאָמאָן לערנער אין הויז, גליווערן די הער־ צער פֿון טאַטע־מאַמע, וואָס זיצן אין צער און טיפֿער זאָרג.

III

די זון האָט זיך געגאָסן איבער די פֿעלדער פֿון קיבוץ און באַגילדט די זיך וויגנדיקע הויכע זאַנגען.

אין דער לופֿט האָט געשוועבט אַ דורכזיכטיקייט און זיך געצויגן צום לויטערן בלויען הימל. פֿייגל זיינען געפֿלויגן אין אומקרײַזן און אָנגעפֿילט דעם רוים מיט פֿריידיקע טרעלן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן זשומען פֿון די פֿליגן.

מרדכי הערבסט

אין מיטן פעלד זיינען געשטאַנען יחיאל און איידל — זי האָט מען איצט געראָפן עדינה לענרער — און געמאָסטן מיטן בליק די גאָלדיקע שפע. פרייד האָט אויפגעזונגען אין זייער געמיט און גליק האָט אַרויסגע־שטראַלט פון זייערע פאַרברוינטע געזיכטער.

שוין אַ יאָר ווי זיי זיינען אין מדינת ישראל און לעבן דאָ אין קיבוץ, באַאַרבעטן די ערד, ציען איַין אין זייערע לונגען די פרישקייט פון פעלד. ווי אַריינגעוואַקסן זיינען זיי אין דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט און זייער יונג געזאַנג שפּילט אַריַין אין דער נאַטור־סימפאָניע, מישט זיך אויס־מיטן טרעלן פון די פייגל, מיטן געוויג פון זאַנגען, מיטן שאָרכן פון די בוים־בלעטער, מיטן געזשום פון פליגן און געפּליסטער פון וואַסער.

זיי קלאַמערן זיך צו דער מוטער־ערד און שטרעקן זיך צו איר מיט ליבשאַפט ווי זיי וואָלטן געוואָלט איר זאָגן: ,

„— מאַמע־ערד, מיר זיינען צוריקגעקומען צו דיר! מיר זיינען אויף אייביק פאַרקנסט צו דיר!”...

און די פעלדער קוקן זיי אַנטקעגן, צעהעלטע מיט טויזנטער גאָלדי־קע שמייכלען...

אַ יידיש פידעלע

א

זיינע אויגן האָבן שטענדיק געפיבערט מיט גלוסטונג. צי איז דאָס געווען פון הונגער, צי פון נישט אויסגעלעבטע פאַרלאַנגען, נאָר תמיד האָט אַ העליש פייער געגליט אין זיינע שוואַרצאַפּלען. דאָס שוואַרצע קמיץ־בערדל האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם געפיבער פון זיין לענגלעך געזיכט, וואָס האָט זיך פאַרשפּיצט ביי דער גאָמבע.

מיט אַזאַ היץ איז אויך זיין פידל געווען אָנגעפילט. אויך זיינע סטרונעס האָבן אַרויסגעפיבערט עפּעס וועלנדיקע, גלוסטנדיקע קלאַנגען, וואָס לעכצן נאָך עפּעס, וואָס ציען נאָך עמעצן.

ביי יעדן באַריר פון זיינע לאַנגע פינגער, האָט עס ווי אַרויסגעוויינט, אַ פאַרבענקטס, זיך איינגעזיפּט אין אייער האַרץ, דאָרטן זיך פאַרנורעט און באין־אופן נישט געוואָלט אַרויס, נאָר רק אייך געוויינט אינעווייניק און אויך אייער אויג געמאַכט אויפטרערן...

שטילערהייט פלעגט ער זיך אַריינשאַרן, ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיין טיף־בלויען אָפּגעטראָגענעם אָנצוג, אין זיין שוואַרצן הויכן הוט, זייטיק איבערגעבויגן איבערן שטערן; מיטן אַלטן פידל־שיידל אונטער זיין אָרעם, האָט ער זיך אַריינגעשאַרט און פונקט אַזוי שטיל פלעגט ער

זיך ארויסשארן, אומבאמערקט, און נעלם ווערן. שטענדיק האָט ער איבערגעלאָזן הינטער זיך פארבענקטע קלאנגען, אויף דער נשמה אן אומעט אָפּגעפּרעסט.

— ווער איז ער? — פון וואנען? — וואס איז ער? — איינער האָט ביים אנדערן געפרעגט, יעדער האָט געפּרוווט טרעפן, באשיידן די רע־טעניש, אָבער קיינער האָט נישט געוווסט.

זיין סודותדיקע געשטאלט איז געבליבן נאָך סודותדיקער, עפּעס א געהיימעניש האָט פון אים ארויסגעוויעט און זיך אין זיין פידל ארײַנ־געהויכט...

זײַן בליק פלעגט וואנדערן ערגעץ אין דער ווײַט ארײַן, ווי ער וואָלט זיך דאָ נישט געפונען, נאָר אין אנדערע וועלטן.

בעת ער פלעגט שפּילן אויפן פידל האָט איר באשײַנפּערלעך גע־פילט ווי ער געפינט זיך ווײַט־ווײַט פון דאנען און זײַן געדאנק בליקט ארײַן אין דער פארגאנגענהײַט...

ב

אך, ווי שטארק בענקט ער, שמחה־בונם, נאָך זײַן אומגעבראכ־טער חנה'לען! ווי ער גארט און לעכצט נאָר איר!... עס בלוטיקט אים זײַן הארץ פאר זײַנע פארשניטענע קינדערלעך: זײַן טייער עטעלע, זײַן זיס יונה'לע... פארוואס האָט ער זיי איבערגעלאָזט, און איז געקומען אליין קיין ארגענטינע? — פרעגט ער זיך צום טויזנטסטן מאָל, גלײַך ער וואָלט געוואָלט זיך נאָך מער ווײ־טאָן, זיך אליין באשטראָפן פאר זײַן שולד. — וואס האָט ער זיך געלאָזט זוכן „גליקן" אין דעם „גילדע־נעם" לאנד?... ערשט דאָ האָט ער דערפילט, אז זײַן גליק האָט ער געלאָזן דאָרט, אויף יענער זײַט ים, צוזאמען מיט זײַנע טײַערסטע, צוזאמען מיט זײַן היים.

ווידער א מאָל זעט ער די פארוויינטע שיינע אויגן פון זײַן חנה'לען, ווי זי שטייט אויפן וואָקזאל... דער אמת איז, אז גלײַך ווי ער האָט

...עפּעס אַ געהיימעניש האָט פֿון אים אַרויסגעוויעט
און זיך אין זײַן פֿידל אַרײַנגעהויכט...

צ ײַ ט מ אַ ט י ו ן

זיך אַרײַנגעזעצט אין דער באַן, האָט ער געװאָלט אַראָפּשפּרינגען און צוריק לױפֿן צו איר, צו די קינדער, אָבער דער גורל האָט אים אַהער געפֿירט. דער גורל, װאָס פֿאַר אַ ביטערער גורל!

דאָ לעבט ער אײנער אַלײן, זינלאָז לעבט ער. און זײ, חנה'לע, עטעלע, יונהלע... טרערן שטיקן אים, פֿילן אָן זײַנע אױגן...

ער נעמט דאַן זײַן פֿידעלע, פֿאַרמאַכט די נאַסע אױגן און פֿאַר־בענקטע קלאַנגען, װאָס זײַנען פֿאַרגאָסן מיט זײַן האַרצװײטיק, צעפֿליסן זיך און לעכצן, מאָנען, צאַפּלען זיך... אָט הײבן זײ זיך װי כװאַליעס, און אָט פֿאַרגײען זײ אין דינע, שטילע טענער, צעשטורעמען זיך װידער, װי זײ װאָלטן העפֿטיק אױסגעשריען און גײען זיך גלײַך פֿונאַנדער אין צערפֿולע טענער, רירנדיקע, בענקנדיקע.

און אין מיטן פֿון דעם קלאַנגען־געװירבל שטײט שמחה־בונם אין אַ גײַסט־דראַיקן עקסטאַז, שטײט מיט פֿאַרמאַכטע אױגן אין דערצונ־דענעם געזיכט, און זײַן גוף װיגט זיך מיט די פֿידל־קלאַנגען, אָט האַסטיק כװאַליענדיק, און אָט שטיל־רופֿנדיק, לעכצנדיק...

ג

שמחה־בונם מוזיקאַנט, דער כּלי־זמר, איז שטאַרק באַליבט געװען אין זײַן קלײנעם פּױלישן שטעטל. יונג און אַלט פֿלעגט זיך מיט אים הײמיש גריסן, און מען פֿלעגט זיך מיט אים דערפֿרײען, װען מ'פֿלעגט אים זען גײן מיט זײַן פֿידל. שמחה־בונמס פֿידעלע איז געװען אַ שם־דבר. אױף אַלע שמחות, צי גאָר אַזױ אױף אַ יום־טוב, פֿלעג דאָס פֿידעלע מחיה־זײַן די געסט. שמחה־בונם איז געװען אַ מאַדים אױף פֿידל־שפּילן. קוים פֿלעגט ער אָנהײבן שפּילן, פֿלעגן פֿרײלעכע און אַמאָל רירנדיקע טענער אַרײנדרינגען אין אַלע הערצער, עפּעס אַזױ נשמה'דיק, זיס.

און האָט שמחה־בונם זיך אָפּגעגעבן צום שפּילן, האָט ער זיך פֿרײ־לעך, האַסטיק געװיגט צום טאַקט פֿון פֿידל־קלאַנג, זײַנע אױגן האָבן זיך פֿאַרמאַכט און דעם קאָפּ פֿאַרריסן פֿון דבקות, און באַלד װידער זיך אַ

צעשאָקל געטאָן. דאָס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן פון עקסטאַז, דאָס שוואַרצע קמץ־בערדל האָט ווי געפלאַקערט, דער שטערן האָט זיך גע־פערלט פון שוויים, און די קאַפּאָטע האָט זיך געבוואַליעט.

דאָס שטעטל האָט ליב געהאַט שמחה־בונמען, פאַר זײַן שפּילן און פאַר זײַן גוטסקייט. איבערהויפּט האָט אויסגענומען זײַן שפּילן אין רבישן הויף אין וואַרשע, וווהין שמחה־בונם פלעגט עטלעכע מאָל אין יאָר פאָרן מיט זײַן פידעלע. דער רבי אַליין פלעג זיך גאָר דערפרייען מיט שמחה בונמען און בעטן אים ער זאָל שפּילן. און איבערגליקלעכער האָט שמחה־בונם אַ שפּיל געטאָן, אַז דער גאַנצער „הויף" האָט זיך צעזונגען, דער רבי אַליין האָט זיך צעשײַנט.

און פּלוצלינג פלעגט ער אַרײַנפאַלן אין אַ דבקות'דיקער שווײַגע־ניש, פאַרמאַכן די אויגן, ווי ער וואָלט געהאַט עלית־נשמה. האָט ער ווידער צעעפנט די אויגן, האָט ער געשטראַלט, מיט ליפּן געוויספּערט. די חסידים פלעגן צופּאַטשן מיט די הענט און בײַ אַ פרייליכן מאַרש זיך אַוועקלאָזן אין קאַראַהאָד מיט אַזאַ פײַער אין די האַפּקענדיקע פיס, אַז פונקען האָבן געשפּריצט פון זיי. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַ פּאָרע זעצט פון דער פּאָדלאָגע... און אין מיטן דעם טאַנץ־קאַראַהאָד, פלעגט שמחה בונם אַ צעוויגטער זיך גליטשן מיטן סמיטשיק אויפן פידעלע און זײַנע לאַנגע דינע פינגער האָבן זיך גיך־גיך באַוועגט.

— אַ כישוף אין דעם פידעלע! — האָבן צעפלאַמטע חסידים זיך איבערגעשריגן.

— יישר־כוח, שמחה־בונם!

שטאַרקער פון אַלעמען האָט, דוכט זיך, ליב געהאַט זײַן שפּילן זײַן חנה'לע. זי איז אַ קראַסאַוויצע, און ער האָט געפילט צו איר אַ רירנדיקע ליבשאַפט, און די ליבשאַפט האָט ער אַריבערגעטראָגן אויך צו זייערע קינדערלעך; ער איז געווען גליקלעך מיט עטלען און יונהלען, און אין מאָמענטן פון דאַנק צום אייבערשטן, פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן זײַן פידעלע און אויסניגונען אויף דעם זײַן פרייד. חנהה'לעס גרינלעכע אויגן פלעגן אים דערבײַ אָנקוקן מיט אַ סך ליבשאַפט. אויך די קינדערלעך פלעגן

צײַטמאַטיוון

שײַנען דערפֿון שמחה־בונם פֿלעגט דאָן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טענער־ים, וואָס פֿלעגט זיך כוואַליען צום ברעג, שלאָגן זיך און צעשטויבט ווערן.

— נאָך, נאָך! — פֿלעגן די קינדערלעך זיך בעטן

— שפּיל נאָך, — איז אויך חנה׳לע קינדיש־שטיפעריש צוגעשטאַנען צו זייער געבעט, און שמחה־בונם פֿלעגט ווידער שוועבן, אַ גליקלעכער, אויף די קלאַנגען פֿון זײַן פֿידעלע...

ביז...

פֿון שטעטל האָבן אַ סך משפּחות אָנגעהויבן אַרויסצוּוואַנדערן קײַן אַרגענטינע.

אַ גאָלדן לאַנד — האָט מען גערעדט אין שטעטל — מען שאַרט געלט אין די גאַסן... אַ רײַזע־פֿיבער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטל. און אויך שמחה־בונמען האָט דאָס נישט אויסגעמיטן.

חנה׳לע האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט אים. אין דער אמת׳ן איז שמחה־בונמען אַליין געווען זייער שווער זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער היים, דאָך האָט ער זיך נישט געקענט גובר זײַן. ער האָט געהאָפֿט אַז עס איז נאָר אויף גאָר אַ קורצער צײַט. ער שיידט זיך מיט פֿרוי און קינדער נאָר אויף דערווײַל. ער וועט גלײַך „מאַכן אַמעריקע" און זיי אַרויסנעמען צו זיך.

רירנדיק איז געווען זײַן פֿאַרלאָזן דאָס היימאָרט. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים אַרויסבאַגלייט מיט ברכות. חנה׳לע איז מיט־געפֿאָרן ביזן וואָקזאַל.

שמחה־בונם האָט איר, פֿאַרן געזעגענען, אויסגערעדט, אַז די צײַט וועט גיך אַריבערלויפֿן, און זיי וועלן ווידער זײַן צוזאַמען חנה׳לע האָט פֿאַרוואָרפֿן אירע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז, אים היים געקושט און געוויינט...

אַ וויינענדיקע האָט ער זי געלאָזט אויפֿן וואָקזאַל.

מרדכי הערבסט

ד

שמחה־בונם איז אָנגקומען קיין ארגענטינע און „קיין אַמעריקע“ נישט געמאַכט, קיין געלט אויף די גאַסן נישט געשאַרט. ער האָט שוין געהאַט בדעה אָנצוזאַמלען געלט אויף אַ שיפס־קאַרטע און צוריקפאָרן אַהיים, צו זיין פרוי און קינדער, מחמת עס האָט זיך אים שטאַרק גע־בענקט. נאָר פּלוצים האָט אַ פינצטערע בשורה זיך אַריינגעשניטן אין זיין טאָג־ליכט. ווי אַ דונער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די ידיעה: „מלחמה!!!“... „דער דייטש גייט אויף פּוילן!... און באַלד נאָך דעם איז געקומען איינס נאָכן צווייטן: מלחמה, חורבן, טויט!...

שמחה־בונמען האָט עס אין קאַלטס און וואַרעמס געוואָרפן. עס האָט אים מוראדיק געפּייניקט. אַ שולד־געפיל האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט רק געטראַכט פון דאָרטן, פון חנה׳לען, פון עטעלען און יונה׳לען, פון שטעטל, ביז... דאָס שרעקלעכסטע איז געשען. אַ טרויעריקע ידיעה האָט פאַרצערט זיין לעבן און עס געוואָרפן אין אומענדלעכן פּיין. חנה׳לע, זיין שיינע גוטע חנה׳לע, זיין טייער חנה׳לע... טויט!... עטעלע, יונה׳לע, זיינע זיסע, האַרציקע קינדערלעך... — אוי, רבונו של עולם... טויט, טויט, טויט!

מיט וויפל צער און אומעט, מיט וויפל בענקשאַפט און גאַרונג, פּלייצט איצט זיין פידעלע וואָס האָט אַמאָל דעם רבין מיט די חסידים משמח־געווען! ווי עס קאַרטשעט זיך פון יסורים, ווי עס וויינט, ווי עס וואָלט אויסגעצערטלט אין געוויין: — חנה׳לע, עטעלע, יונה׳לע... און אָט צעשטורעמט עס זיך, ווי עס וואָלט אויפגעציטערט:

ט ו י ט !... ט ו י ט !... און פאַרגייט זיך אין אַ געוואַי.

און מען פילט באַשיינפּערלעך ווי דער פידל־שפּילער געפינט זיך בעת־מעשה ווייט־ווייט פון דאַנען. זיין געדאַנק בליקט אַריין אין דער צעוואַקלטער פאַרגאַנגענהייט.

דער אַלטער שמש

אין גרויסן ליכטיקן זאַל האָט געזשומעט. אַ טומלדיקע פרייד האָט זיך געטראָגן אין רוים און פאַרפלייצט די ווײַס־געדעקטע טישן, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט מיט געטראַנקען און צובײַסעכץ.

פון די גאַלעריען האָט אַלעמאָל אַ פרישׂ געזאַנג אַדורכגעריסן די לופט און איז אויפגעכאַפּט געוואָרן אין ווידערקול אונטן.

די ווײַסע בלוזקעס פון די מיידלעך און די העמדלעך פון די יונגע ייִנגלעך האָבן זיך געוויגט און געכוואַליעט און ריטמיש זיך געהויבן בײַ דער שירה בציבור. פּנימער זענען געווען צעפלאַמט, די אויגן צעפינקלט און טראָפּנס שווייס האָבן זיך פון גרויס ענטוזיאַזם געפּערלט אויף די צעהיצטע שטערנס. אַ טעמפּ געראַיש האָט זיך געטראָגן פון דעם הויכ־רעדער. אין דעם באַטויבנדיקן קולות־קנויל האָבן זיך אויסגעמישט באַסאָווע ייִנגל־שטימען, דינע מיידלשע סאָפּראַנאָס, און קוויטשענדיקע קינדערשע קולכלעך.

פרויען זענען אומגעגאַנגען צווישן די טישן און באַדינט דעם עולם. די זײַטיקע אַרויסגאַנגען, וואָס פירן צום הויף, זענען געווען פאַרשטעלט מיט מענטשן און בײַם הויפּט־אַרײַנגאַנג, אין דער הינטערשטער טייל, איז מען געשטאַנען אין געדיכטן געדרענג. אויף אַ טישל, נעבן דער גרויסער בלויער קרן קימת פּושקע איז געלעגן אַ קינסטלעריש־געצייכנ־

טער פערגאַמין, אין וועלכן די באַטייליקטע אויף דער מסיבה האָבן אַרייַנגעשריבן זייערע נעמען.

דאָס האָט די חלוצישע אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָמפּאַקטן בוענאָס אײַרעסער ייִדישן געגנט פּאַראָפּשידט צוויי פון אירע חברים, ערב זייער עליה קיין ישראל.

פון דעם היכרעדער האָבן זיך געטראָגן באַגריסונגען און ווונטשן פאַר די עולים. עס רעדן דערוואַקסענע מיט שטאָלץ וועגן דער דאָזיקער אידעאַליסטישער יוגנט, וואָס וועט זיך אײַנבויען אין דער ייִדישער מדינה. עס הערט זיך דאָס וואָרט פון יוגנטלעכע. זיי רעדן מיט ברען און אינער־לעכער איבערצײַגונג און רופן די יוגנט העלפן מיטבויען דאָס לאַנד און שאַפן אַ גליקלעכע צוקונפט פאַרן פאָלק. צום לעצט — עס רעדן די פּאַראָפּשידטע. דער ענטוזיאַזם וואַקסט אין זאַל. צענדליקער פּאָר אויגן עסן זיך אין זיי אײַן מיט פרייד און שטאָלץ.

אויגן פון מאַמעס ווערן יעדע ווײַלע אויסגעוויש מיט ווײַסע טיכלעך. מאַנכע אויגן פון די אָרגאַניזאַציע־יוגנטלעכע גליִען מיט קנאה און דריקן אויס דעם אומגעדולדיקן באַגער צו געפינען זיך אויפן פּלאַץ פון די אָפּפאָרנדיקע.

די געזעגענונגס־ווערטער פון די צוויי חברים וואָס פאָרן אָפּ, וואָס קומען אַרויס מיט עמאָציע, מיט האַרץ, מיט נאַטירלעכער איבערצײַגונג, גרייכן צו זייער סוף.

דער גאַנצער עולם גיט זיך אַ הייב אויף און הונדערטער מײַלער זינגען מיט פײַער די „התקוה“. אין זאַל פּלאַטערט. אַ היץ־כוואַליע גיסט זיך אויס אויף אַלע אָנוועזנדע. די התלהבות האָט דערגרייכט איר העכסטן קלימאַקס. העענט פאַרלייגן זיך אויף אַקסלען און די פיס זענען שוין גרייט צו אַ טאַנץ־געווירבל.

אָבער פּלוצלונג, האָט זיך אַ געשׂ שקערײַ איבערגעטראָגן איבערן גאַנצן זאַל און די צוזאַמענגעפּלאָכטענע הענט־קייט האָט זיך פּויל אויפגעלייזט, ווי רינגלעך פון אַ שנור, וואָס צעפאַלן ווען דער מיטפּאָ־דעם רײַסט זיך פּלוצלונג איבער...

* * *

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ו ן

אַ גליווערדיקע בלאַסקײַט האָט אָפּגעטונקען די צעהיצטע פּנים׳ער פון די אַנוועזנדיקע אויף דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער מסיבה.

באַדויערונג און דערשטוינונג האָבן זיך אויסגעשנירלט אין דער לופטן אין אַ שנײַדנדיקער פראַגע:

— דער שמש געשטאָרבן?!

ר׳ משה יוסף, טויט?...

אַן אומגלויבן געמישט מיט צער און שרעק האָט זיך צונויפגעקייטלט מיט אַן אויקעדיקן קרעכץ. בײַ אַסך פון די באַטייליקטע האָט אַ פײַכטקײַט אויפגעגלאַנצט אין די אויגן. בײַ אייניקע מיידלעך האָט דאָס מויל נערוועז געקרומט זיך און געציטערט און בײַ די יינגלעך האָט זיך געקײַקלט דער האַלדז־קנאָפּ אַרויף און אַראָפּ ווי עס וואָלט זיי עפּעס געשטיקט.

די לופט וואָס איז ביז ערשט־אָ געווען ווי אָנגעגליט פון דער התלהבות וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון די יוגנטלעכע, איז איצט געוואָרן ווי פאַרפרוירן, אַזוי ווי אַ פאַרע, וואָס ווערט ראַפּטאָם אין אײַז פאַרגליווערט. און עס רײַסט זיך טאַקע אַרויס פון מויל הויך פון די מסובים אַ פראָסטיקער זאַץ:

— ר׳ משה יוסף איז געשטאָרבן, אָה, נעבעך!...

* * *

ר׳ משה יוסף זילבערקראַנץ איז אַ נידעריק יידל, אַ דיקלעכער, מיט קורצע קײַלעכדיקע פיס און אַן עטוואָס געהויקערטע פּלייצע. זײַן ברייטלעך געזיכט איז באַזוימט מיט אַ געדיכט קורץ געקרײַזלט בערדל וואָס פאַרדעקט זײַן האַלדז און די שיטערע האָר גרייכן הויך איבער די באַקן, ביז האַרט פאַר די אויגן־לעכער. זײַן רונדער שטערן איז צעאַקערט מיט קאַרבן, וואָס ציען זיך אָפּטמאָל אײַן אין קנייטשן אונטער זײַנע אַשיקע האָר, וואָס שטעקן אפיר פון זײַן פירקאַנטיקער יאַרמולקע.

פון הינטער די פאַרגרעסערונגס־גלעזלעך פון די גאָלד־געליישטע ברילן, וואָס זענען אַרויפגעאַנקערט אויף זײַן קורץ פליישיקער נאָז, בליאַסקען אַרויס צוויי ווײַנשל־אויגן, וואָס וואַרפן אַ קלוגן בליק, באַ־

שפריצט מיט פונקען איראָניע, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אַן אָנגעלאָדענע לעבנס־חכמה וועלכע קווערט אַרײַן אין זײַנע געדיכטע וואָנצעס, ווו גרויע האָר פאַרפעדעמען זיך און הענגען אַראָפּ איבער די רויטע דיקע ליפּן.

זײַן גאַנג איז אַ שנעלער און זײַן פיגור שאָקלט זיך אויף בײדע זײַטן, ווי צו מאַכן געשמאַקער זײַנע טריט בעת ער ברומט אונטער אַ חסידישן נגון מיט זײַן הייזעריק געבראָכענער שטימע.

אַזוי איז אויך זײַן רעדן: שנעל־שנעל, קאָכיק, מיט התפּעלות, ווי זײַנע ווערטער וואָלטן פאַרן אַרויסקומען פון מויל פלאַך דורכגעזאָטן געוואָרן אין זײַן אינערלעכן פײַער. און פון זײַן גאַנץ וועזן טראָגט זיך עפּעס אַ וואַרעמקייט וואָס ציט צו און פאַראינטערעסירט.

די אויגן זענען תמיד אָנגעפילט מיט אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט אויף אַלץ און אַלעמען, ווי קיין שום זאַך וואָלט ניט געווען פרעמד פאַר זײַן אָבסערוואַציע, און דערבײַ אַרבעטן די געדאַנקען אין קאָפּ און געבן צו נאָך אײַנדרוקן אין זײַן געוואַלטיקן זכרון.

ר' משה יוסף שמט טאַקע מיט זײַן אָפענעם קאָפּ, מיט זײַן זכרון און מיט זײַן טביעות־עין.

ער איז בײַ קליין און גרויס באַליבט און צו זײַן וואָרט באַציט מען זיך מיט חשיבות און צוטרוי.

קינד און קייט קען דעם שמש, ר' משה יוסף'ן, און ער קען אַלע די וואָס באַזוכן די געבײַדע. אַסך עלטערע קען ער נאָך פון קינדווײַז אָן, ווען זיי זענען נאָך געגאַנגען אין קורצע הייזלעך און אַנדערע, ייִנגערע, פון זייער געבורט אָן.

ער איז אַ לעבעדיקער עדות פון דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן בנין, פון זײַנע ענדערונגען און זײַן וווּקס ביזן הײַנטיקן טאָג.

*

* *

מיט עטלעכע פערציק יאָר צוריק, ווען ר' משה יוסף האָט אַריבערגעטראָטן צום ערשטן מאָל די שוועל פון דעם דאָזיקן הויז, איז נאָך קיין

ער איז אַ לעבעדיקער עדות פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון
דעם דאָזיקן געזעלשאַפֿטלעכן בנין...

צ ײַ ט מ אָ ט י װ ן

סימן ניט געװען פֿון דער הײַנטיקער מאַיעסטעטישער און רחבֿות׳דיקער געבײַדע. עס זענען דאַן אױף דעם פּלאַץ בלױז עטלעכע צימערן געשטאַנען. פֿון די פֿײַכטע װענט האָבן זיך די פּאַפּירענע טאַפּעטן אָפּגעקלעפּט און ערטערװײַז אַראָפּגעהאַנגען, אַנטפּלעקנדיק אַ נאַקעטע אָפּגעקראָכענע שטיק װאַנט. די מעבל זענען באַשטאַנען פֿון האַרטע ניט לוסטרירטע טיש און בענק פֿון אַ טונקעלן געהילץ.

דער מיט מאָך באַדעקטער פּראָנט פֿון דעם הױז האָט עדות געזאָגט אױף זײַן אַלטקײַט און דלות.

רעב, אין דער דאָזיקער אָרעמקײַט, איז געװען אײַנגעאָרדנט די אַמאָליקע „עדת־יעקבֿ“ שול און תּלמוד תּורה. אױך די מתפּללים זענען געװען אָרעמע אימיגראַנטן, ניט לאַנג געקומענע אין לאַנד. האָבן זײ אָפּגעדונגען מיט זײערע אָפּגעשפּאָרטע ביסנס אָט דאָס געבעט־הױז, װוּ מען זאָל קאָנען תּפֿילה טון צו ג׳ און זיך צונױפֿקומען צװישן ייִדן אין זײער ערשטער עלנט און אָרעמקײַט צײַט. דאָ האָבן זײ אױך געשיקט זײערע קינדער, כּדי זײ זאָלן לערנען ייִדישקײַט און ניט פֿאַרגױישט װערן ח״ו אין דער דאָזיקער פֿרעמדער מדינה. פֿרומקײַט און אָרעמקײַט האָבן דאָ געהױזט אין פֿרידן און אַז ר׳ משה־יוסף איז דאָ אָנגעקומען, האָט ער זיך זײער גוט אַרײַנגעפּאַסט.

געװען איז ער אַן אײדעלער יונגערמאַן, אַ בר־אוריין, פֿון דעם שענסטן יחוס אין זײַן פּױליש שטעטל, אַ רבס אַ זון, און איז געװען אױסגעװײקט אין חסידות און פֿרומקײַט. געקומען אַהער, אָן אַ פּאַך אין האַנט, אָן געלט, איז ער דאָ אין „עדת־יעקבֿ„ שול געװאָרן דער שמש און פֿלעג אױך לערנען אַ שיעור מנחה צײַט פֿאַרן עולם, װאָס איז באַשטאַנען פֿון ייִדן מיט בערד און פּאות, מיט קאַפּאָטעס און הײמישע אַלט שטעטלישע ייִדישע היטלעך און הוטן און װאָס האָבן פֿאַרמאָגט חסידישע התלהבֿות און בטחון, פֿרומקײַט און ייִדישן שטײגער לעבן.

דאָ, אין דער שול, האָבן זײ זיך געזעלשאַפֿטלעך אױסגעלעבט און געשאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פּונקט װי אין דער אַלטער הײם, צו װעלכער דאָס האַרץ האָט שטאַרק געבענקט און געצױגן און װאָס האָט אַלעמאָל, װאָס װײַטער די צײַט האָט זיך גערוקט, אַלץ ראָמאַנטישערע פֿאַרבן

אָנגענומען אין זייער הארץ און מח. שווער האָט מען געאַרבעט אויף חיונה, אויף צו שאַפן זיך אַ היים, אַריבערברענגען די פרוי און קינדער פון יענער זייט ים, אָבער אין שול האָט מען זיך געפילט אין העכערע וועלטן, אָפּגעטאָן פון דאגות און זאָרגן, נאָר מען איז געשוואומען אין ים התלמוד, זיך פאַרגעסן אין אַ משניות און גענאָסן פון אַ עין־יעקב.

און ווער איז געווען גלייך צו זיי, בעת אַ „מלוה מלכה", ווען זיי פלעגן פאַרציען די חסידישע נגונים אָנגעפילט מיט ראָמאַנטישן טרויער, מיט האָפענונג און ברי, ווען מען פלעג פון גרויס דבקות דעם קאָפּ פאַררייסן, די אויגן פאַרמאַכן, די באָרד צעפּאָכען, דעם גאַנצן גוף צע־שאָקלען און מקיים־זיין דעם „כל עצמותי תאמרנה שיר".

ר' משה יוסף האָט זיך געפילט דאָ אייגן, ווי אין דער אַלטער היים. דאָ האָט מען אים אויך ווי געהעריק אָפּגעשאַצט, פאַר זיין לומדות, זיין חריפות, זיין טביעת־עין און קלוגשאַפט. ס'איז נאָך געווען יענע צייט ווען פאַר אַט די דאָזיקע אייגנשאַפטן פלעגט מען אַנטקעגנטראָגן דעם מזרח...

אין אַ צייט אַרום, האָט ער אַריבערגעבראַכט זיין יונגע פרוי און זיינע פיצלעך קינדער און זיך גענומען פאַרוואָרצלען אין דעם נייעם לאַנד. אין אַ יאָר אַרום האָט באַשעלע, זיין פרוי, געבוירן אַ זון און אין אייניקע יאָר אַרום אַ מיידעלע און ר' משה יוסף האָט שוין געהאַט צוויי אַרגענטינער אין זיין משפחה און נאָך מער כורת־ברית געווען מיט דער נייער היים. די קינדער האָבן געקראָגן אַ פרומע דערציאונג, געגאַנגען אין דער תלמוד תורה, וווּ מען האָט געלערנט לויט דעם אַלטן יידישן שטייגער, געווען אונטער דער וואַכזאַמער השגחה פון די עלטערן, און אַריינגעזאַפּט די טראַדיציאָנעלע אַטמאָספערע פון זייער היים און סביבה.

* * *

אָבער נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין יידישן לעבן און אויף זייערע פליגלען פאַרטראָגן ר' משה יוסף'ס זין. דעם טאַטנס טיש איז געוואָרן אַ אידייען שלאַכט־פעלד און זיינע פעכטער — דעם שמש'ס

קינדער. נײַע טערמינען, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעקלונגען אין די פרומע ד׳ אַמות פון דער רעליגיעזער שטוב, האָבן איצט זיך געלאָזט נאָכאַנאַנד הערן: סאָציאַליזם, אַרבעטער, קאָמוניזם, וועלט דערלייזונג, ציוניזם און אַנדערע „ייִזמען" האָבן אָנגעהויבן אָפּצושלאָגן אין ר׳ משה יוסף׳ס אויערן און אים געגרילצט בײַ דער נשמה. געמיינט און געהאָפט האָט ער, אַז זײַנע קינדער וועלן ממשיך זײַן אין זײַנע וועגן אויף וועל־כער ער האָט זיי אַזוי ציטערדיק געפירט און מדריך־געווען, אַז זייערע מוחות וועלן זײַן פאַרטאָן אין אידישע ספרים און זייערע הערצער אין עבודת־הבורא. אָבער ווײַזט אויס אַז די צײַט, אין וועלכע נײַע געדאַנקען האָבן ראַשיק אויפגעבליצט אין די מוחות פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן צו נײַע וועלטן און זיך אַרויסגעריסן פון די אַלטע ייִדישקייט מויערן, איז געווען מעכטיקער פון זײַן ווילן און שטרעבונגען.

איין זון זײַנער, דער עלטערער, שליאָמקע, איז געוואָרן אַ באַקאַנ־טער טוער אין דער אַרבעטער באַוועגונג און דאָרטן טאָג און נאַכט גע־פּרעדיקט רעכט פאַרן פּראָלעטאַריאַט און אַנדערע „ווילדע נאַרישקייטן" וואָס זײַנע אבות אבותינו האָבן זיך דערמיט ניט געעסקט — האָט ר׳ משה יוסף געטראַכט.

דער צווייטער זון, הענעך, איז גאָר געווען נאָך פאַרקאָכטער אין „וועלט־דערלייזונג", קעגן אונטערדריקונג, און איז אַוועק קײַן רוסלאַנד מיטצוהעלפן אין דער „גאולה". ביז הײַנט צו טאָג ווייסט מען ניט וווּ זײַן געביין איז אַהינגעקומען.

דער דריטער זון, וועלוול, איז געוואָרן אַ פײַערדיקער ציוניסט און רעדט נאָר פון אומקערן זיך קײַן ארץ ישראל, פון אויפריכטן צוריק דאָס לאַנד „עו׳ וויל משיח׳ן אַראָפּברענגען פאַר דער צײַט. דוחה זײַן דעם קץ" — האָט זיך ר׳ משה יוסף מיט ווייטיק געטראַכט. — אַמאָל זענען קײַן ארץ ישראל געפאָרן פרומע ייִדן שטאַרבן. צדיקים, אָנגעפּולט מיט מצוות און מעשים טובים" און הײַנט, וויל מײַן בן מיט זײַנע פרײַ־דענקענדיקע חברים פאָרן אַהינצו אויפצולעבן דאָס לאַנד. בכן זיי וועלן —זאָגן זיי— מיט שוויס און בלוט, מיט אידעאַליזם (אַ נײַער איזם

וואָס גרילצט שוין אין די אויערן, ביז באַטויבט צו ווערן) אויפבליען די וויסטעניש, צוהעלפן דעם רבונו של עולם אופצוריכטן זיין חרוב אויסדערוויילטן רו־אָרט, בעת זיי האָבן פורק־עול געווען פון זיינע תרי"ג מצוות, פון זיינע דרכים, און איינגעשטעלט א נייעם שלחן ערוך פון שוויים, בלוט „אידעאַליזם".

מיט ווייטיק און פאַרדראָס פלעגן דאַן זיינע געדאַנקען שנעל־שנעל זיך קאָכן, אזוי ווי ער וואָלט געערדט.

און זיין יינגסטער זון לייבקע, דער היזיקער, האָט ניט קיין חשק געהאַט צו טראָגן אויף זיך דעם עול־מצוות און יראת־שמים. דאָס איז גאָר געוואָקסן אַן אינטעליגענט, געלערנט זיך מעדיצין, געשלונגען זיינע שפּאַנישע ביכער און גע'חבר'ט זיך רק מיט גלאַט־פּאַרקעמטע ענגאָמי־נירטע שקצים און תמיד געטראָגן א שוואַרץ קנופּל אויפן האַרטן קאָלנער.

די צייט לויפט, די קינדער ווערן דערוואַקסן, האָבן חתונה.

שליאָמקע, דער בכור, האָט חתונה געהאַט מיט א סאָציאַליסטקע, וואָס וועט אים מיטהעלפן אין זיין „קאַמף". דערווייל, וואָס־ווען, ביז די וועלט וועט „לייטישער" ווערן, האָט ער זיך געשאַפן א שניט־קראָם און עס גייט אים נישקשה.

זיין דריטער זון, וועלוול, האָט געהייראַט א טאָכטער פון א היגן שול־מתפלל, א פרומען יידן, און חלומ'ט רק צו פאָרן קיין ארץ ישראל. ער פעדלט אַלס קוענטעניק און האָט שוין א פיינע „קליענטעלע."

לייבקע, דער יינגסטער פון די זין, האָט שוין א בראַנדזענע שילד אָנגעקלאַפּט אויף זיין קאָנסולטאָריע און אַן אויסגעשמינקעוועט און מאַניקירט רייך ווייבעלע דרייט זיך אין זיינע צימערן אַרום, שפּיגלט זיך אין די גרויסע געראַמטע שפּיגלען און „רוט" זיך אָפּ אין די פּאָטעלן. („וואָס זי טוט — טראַכט ר' משה־יוסף — ווייסט ער ניט, חוץ פּוצן זיך. מען קען זיך אויף די דינסטן פאַרלאָזן, ווען נישט, ווער ווייסט וואָס פון דער שטוב וואָלט געוואָרן...").

בריינדל, זיין עלטערע טאָכטער, האָט גענומען אַן עלטערן רייכן יונגערמאַן, אַן „אַמעריקאַנער גביר", אַן אַרויפגעאַרבעטער, און זיי

אַנונסירן זייער קומען אויף באַזוך צו די עלטערן מיטן מאַטאָר־טרובע פון זייער שיינעם אויטאָמאָביל.

די קלענערע, די „היזיקע", חנה'לע, וואָס האָט געשמט מיט איר שיינקייט און האָט געקאָנט צו אַ פּרינץ גרייכן, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרעמען אַרבעטער. אמת, מיט אַ שיין פּנים'ל און אַ געדיכטן קאָפּ האָר, נאָר מיט, במחילה, אָפּגעריבענע הויזן. „ליבע" הייסט דאָס בײַ איר. — „ליבע — האָט זי טאַטע־מאַמע מיט פאַר'חלומ'טע אייגעלעך געזאָגט— קוקט ניט אויף קיין רײַכטום, מעג דער מאַן זײַן אַן אָרעמער אַרבעטער, פאַרדינען דרײַ פּעזעס אַ טאָג, אַבי איך האָב אים ליב".

עס האָבן פאַרשטייט זיך, ניט געהאָלפן קיין שום טענות. „ליבע־שמיבע" — טראַכט ר' משה־יוסף — איז אויך מסתמא אַזאַ שטאַרקע „קרענק״", וואָס אַפילו מײַן לייבקע, דער דאָקטער, וועט דאָס מיט זײַן גאַנצער דאָקטאָרײַ ניט אויסהיילן. „אַנו, זאָל ער אויף טשיקאַוועס פּרוּוון. . . "

בײַ די קינדער קען ר' משה־יוסף, צו זײַן גרויס ווייטיק, ניט טועם זײַן דאָס מינדסטע. זיי פירן דאָך ניט קיין כשר'ע שטוב. „כאָטש גוט — טראַכט ער זיך מיט צער — וואָס בײַ מיר אין הויז רעספּעקטירן זיי מיך, עסן מיט אַ היטל, רויכערן ניט שבת, מאַכן קידוש, האַלטן־מיר־אונטער אַ ניגון און זינגען אויס די זמירות ווי פרומע אָפּגעהיטענע ייִדן, אַזוי ווי איך וואָלט זיי געוואָלט זען, און האָב תמיד געהאָפט און גע־חלומ'ט".

דערפאַר פלעגט אָבער ר' משה יוסף אָנקוועלן פון זײַנע געראָטענע אייניקלעך, איינס שענער און קלוגער פון דעם צווייטן. — אָבער — פלעגט אים אין מח פּיקן — ווען אַזעלכע טײַערע קינדערלעך ווערן דערצויגן אויפן „ייִדישן" אַרט, אַזוי ווי ער פאַרשטייט, וואָלטן פון זיי דאָך געקענט אַרויסקומען די „שמנא וסלתא" פון ייִדנטום. קלוגשאַפט פאַרמאָגן זיי — אַ וועלט; שיינקייט — קיין בייז אויג זאָל ניט... בלויז ייִדישקייט, אַ שאָד, אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, פלעג זיך פון אים אַרויס־רײַסן.

נאָר אָנמעכטיק איז ר' משה־יוסף געווען קעגן דער גרויסער קראַפט

פון דער צײַט. געוווּסט האָט ער, אַז קײן מוסר און טענות װעלן שױן ניט העלפן, כאָטש ער פלעג עס בײַ יעדער געלעגנהײַט אָנװענדן. אַ סך מאָל האָבן די קינדער געפּרוּװט צעגישט מאַכן זײַנע „אַלט־פרענקישע" השגות, װאָס זענען שױן אױסגעשטאַנען זײער צײַט. טײלמאָל, אױס רעספּעקט און פּיעטעט, פלעגן זײ אים געדולדיק אױסהערן און ניט שפּאַרן זיך מיט אים, בכדי אים ניט װײ צו טאָן. אָבער טיף אין הארצן, האָט ר' משה־יוסף געװוּסט, אַז ער האָט אױף קײן האָר ניט געװירקט אױף זײ. „אַנדערע צײַטן, הײַנט, אַנדערע דורות", האָט אים דער מח אונטערגעזאָגט.

די אײניקלעך זענען געװאַקסן. אײדער מען האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, זענען זײ שױן געװען בחורים און פרײַלנס, מיט זײערע סביבות, זײערע קאַריערעס, זײערע פּראָבלעמען. און זעענדיק זײ אַזױ גרױס, האָט ר' משה־יוסף אָנגעהױבן פילן, אַז ער איז שױן אַזױ, מיר נישט־דיר נישט, אַלט.

„שױן אַ זײדע פון אַזעלכע גרױסע אײניקלעך — פלעגן בײַ ר' משה־יוסף'ן אין מח די געדאַנקען אַרבעטן, — באַלד, מיר זאָלן געזונט זײַן, װעלן מיר זײַן אַן עלטער־זײדע.

און די צײַט לױפט געשװינד און דרײט זיך װי אין אַ פילם. אױך דאָס לעצטע האָט ר' משה־יוסף דערלעבט: געװאָרן אַן עלטער־זײדע!

*

* *

אױך די „עדת־יעקב"־שול האָט דורכגעמאַכט גרױסע ענדערונגען און די צײַט האָט אָפּגעפּרעסט אױף איר איר חותם. פון יענע אַלטע צימערן, איז קײן שפּור ניט פאַרבליבן. מען האָט זײ צעװאָרפן, צוגעקױפט דעם דערנעבנדיקן גרױסן פּלאַץ, און איצט הױבט זיך אױף אים אַ גראַנדיעזער געשמאַקפולער בנין, מיט זאַלן און צימערן, אײַנגעריכטעט לױט די לעצטע פאָדערונגען פון צײַט און גוסט.

אַ פּרעכטיקער טעמפּל דינט צו דאַװנען אין די ימים־טובים, פאַר חופה־קדושין און אַנדערע רעליגיעזע פײַערונגען. די געבײַדע איז אױך

צ ײ ט מ א ט י ו ן

פארזען מיט א גרויסן אקטן־זאל אויפן צווייטן שטאק, ווו מען פראוועט אויך חתונות, תנאים און אנדערע שמחות. אנשטאט די אמאליקע תלמוד־תורה מיט די לאנגע הארטע בענק, פונקציאנירט דא היינט א גרויסע שולע מיט גערוימע לופטיקע און ליכטיקע צימערן, העל־געפארבטע, מיט איינצל־בענק פאר די עטלעכע הונדערט תלמידים וואס לערנען דא. און נאך א צאל זאלעכלעך און צימערן געפינען זיך דא, אין וועלכע עס פירן זייער טעטיקייט א רײע פאראיינען, קאמיטעטן, יוגנט־צענטערס און ארגאניזאציעס פון דער געגנט. פארשטייט זיך, אז אויך א ווינקל פארן שמש האט מען שוין אינאיינוועגס אויפגעבויט. אין דער געבײדע קאנצענטרירט זיך די כלל־טעטיקייט פון דער קאמפאקטער יידישער געגנט און אלע איניציאטיוועס, פראגראמען און פראיעקטן שטאמען פון דאנען ארויס.

ר׳ משה־יוסף שטייט אין צענטער פון אט דער גאנצער פיבער־האפטיקער אקטיוויטעט וואס ווערט דא ארײנגעלייגט, ער קען יעדן פאראיין באזונדער, אלע פראבלעמען וואס הויזן אין דער דאזיקער גע־בײדע, יעדע טעטיקייט באזונדער און אלע טויער און באזוכער.

„—א גאר גרויסן מהלך זענען מיר אפגעגאנגען זינט יענע גרינע יארן, בעת מײן קומען קיין ארגענטינע" — טראכט זיך ר׳ משה־יוסף, באטראכטנדיק דעם אימפאזאנטן בנין און צוקוקנדיק זיך צו די פארשיידענע ארבעטן וואס ווערן אפגעטון אין אירע קעמערלעך.

ר׳ משה־יוסף איז אין די לעצטע יארן היפש פארעלטערט געווארן. זילבער האט זיך ארײנגעכאפט אין זײנע האר און אין זײן בארד, און קנייטשן האבן זיך פארעקשנט אויף זײן פנים. זײן פיגור איז געבויגן געווארן און אין זײנע פײערדיקע יונגע אויגן, באשפריצט מיט איראניע־פונקען, גנב׳עט זיך ארײן אפטמאל א טרויער־אפשײן וואס שפיגלט אפ אן אינערלעכן צער. דאס מערקט זיך זינט זײן באשעלע איז אפגעשטארבן.

געווען איז זי אן אשת־חיל, א כשר׳ע יידישע טאכטער, א געטרײע פרוי און הארציקע מוטער, און זי פעלט אים איצטער, אויף דער עלטער, זייער שטארק אויס.

מרדכי הערבסט

אָבער אַ נאָך טיפערע וואונד, וואָס האָט זיך איינגעשניטן אין זיין האַרץ, און וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין זיין פאַרעלטערונג, איז זיין אייניקל פאַני, זיין זונס, לייבקע דעם דאָקטער'ס טעכטערל. ס'איז אים אַפילו אַ חרפּה צו טראַכטן דערפון און אַ ווייטיק נאַגט אים יעדעס מאָל ביי דער נשמה: „ער, ר' משה־יוסף, אַ רב'ס אַ זון, אַ פרומער ייד אַלע זיינע יאָרן, וואָס האָט געגעבן אויך זיינע קינדער אַ ייִדישע דערציאונג און געזוכט צו ווירקן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט זיי זאָלן זיך האַלטן ביי ייִדישקייט, ער, דער שמש פון „עדת־יעקב"־טעמפּל זאָל אויף דער עלטער צוקוקן ווי זיינס אַ אייניקל זאָל חתונה האָבן מיט אַ, רחמנא ליצלן, אַ... אַ גוי. אוי, טאַטעניו זיסער, אַז ווי איז מיר, מיין פאַניטשקע האָט אַ... שגץ גענומען! צו אַזאַ מדרגה דערגאַנגען. צו וואָס ער האָט דערלעבט!... ווי די אַסימילאַציע האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין הויזגעזינד ביז אויף אַזוי ווייט, ווי אַרויסרייסן, מיט אירע נעגל זיין, ר' משה־יוסף'ס, אַ אייניקל!... דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר זיינע אַלטע פּלייצעס. אמת, ער האָט געוווּסט פון אַ סך אַזעלכע פאַלן. כמעט אין יעדער צווייטער משפּחה, בעוונותינו הרבים, קען מען אָנ־טרעפן אויף אַזאַ אומגליק, אָבער דאָ גילט ניט — שטעכט אים אין מח — דער „צרת־רבים חצי נחמה". ס'איז דאָך שרעקלעך! איך האָב דאָך קיין ערגערס ניט געקאָנט חלומ'ען"...

און זיין קאָפּ גרויט זיך פון עגמת־נפש, זיין געזיכט בלאַסט זיך פון חרפּה און די פּלייצע הויקערט זיך פון ווייטיק.

— "מיינע אַנדערע אייניקלעך זיינען אויך ניט קיין פרומע ייִדן, אָבער, דאָך חתונה געהאַט מיט ייִדן. ווי ס'זאָל נישט זיין, אָבער צווישן ייִדן. דאָס פאַרן זיך מיט גויים דאַרט דאָך אָפּ אין גאַנצן דעם משפּחה־גליד, דעם פאָדעם וואָס פאַרבינדט מיט אונדזער פאָלק. זייערע קינדער וואַקסן דאָך גויים, פאַרשניידן אונדזער משפּחה".

נאָך דעם דאָזיקן אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן, שאַצט ער אָפּ יעדן אידישן קנייטש פון די אַנדערע אייניקלעך זיינע. ס'איז אים שוין ניחא זייער ניט־פרומקייט, אַבי זיי לעבן זיך אויס ווי ייִדן, צווישן ייִדן. אַמאָל האָט ער געקוקט קרום אויף אַלע זייערע טועכצן, וויַל ביי ר' משה־

צ ײַ ט מ אָ ט י װ ן

יוסף׳ן איז געווען אַ „ייִד“ דער, וואָס פירט זיך לויטן שלחן־ערוך, לויטן דור־דורות׳דיקן שטייגער־לעבן. אַנדעריש, איז ער בײַ אים געווען אַן „אַפּיקורס“, א „גויעץ“, אַ מומר להכעיס“.

אָבער הײַנט, נאָכן צוקוקן זיך צו דעם גאַנג פון דער צײַט, האָט ער זיין אייגענעם דרך און קוק אויף ייִדישקייַט טאַקע ניט געענדערט, נאָר זײַן באַציאונג צו די אַנדערע אידישע לעבנס־פאָרמען, איז געוואָרן בעל־כרחו, מילדער, טאָלעראַנטער. ער האָט געזוכט און געזען דאָס פּאָזיטיווע און פאַרקוקט דאָס, לויט אים, נעגאַטיווו׳ע. אַזוי איז בײַ אים געווען אַ גדולה, אַז זײַנס אַן אייניקל, אַ פרײַלן, איז געגאַנגען אין אַ ייִדיש קלוב. אַמאָל האָט ער געקוקט קרום אויף אַזעלכע קלובן, „ווו ייִנגלעך און מיידלעך טאַנצן די גויישע טענץ. הײַנט האָט דאָס בײַ אים אַ גרויסע באַדײַטונג. — „וועלן זיי ניט גיין אין די גוישע קלובן, וועלן אַרויסקומען ייִדישע זיווגים, עס וועלן זײַן שידוכים צווישן ייִדן“.

און אַ שטאָלץ וואַרעמט זײַן זיידישן געמיט, ווען מען גיט אים איבער וועגן זײַן שליאָמקעס זונדל, זײַן חיימל, וואָס איז אַ חלוץ אין מדינת־ישראל און העלפט בויען דאָס ייִדישע לאַנד.

—„אמת, ער איז אין אַ פרײַען קיבוץ, אָבער דאָך אַ ייִד, צווישן ייִדן. אַי, ווען ער וואָלט נאָך דערצו אָפּגעהיט וואָס מען דאַרף!... נו, דאָס וואָלט שוין צופיל גליק פאַר מיר געווען“...

אַזוי זיצט זיך און טראַכט ר׳ משה־יוסף. פון תמיד־אָן האָבן זײַנע געדאַנקען געאַרבעט, באַקלערט, געמאָסטן, געוווגן, זיך געזאָרגט וואָס וועט זײַן מיטן פאָלק א. ד. גלײַכן.

אָבער לעצטנס, איז ער נאָכמער פאַרזונקען אין רעיונות. די זכרונות זענען אָנגעהויפּט אין זײַן מח ווי אַ צײַטיקע אָנגעגאָסענע פרי.

ס׳איז שוין די צײַט, ווען דער מענטש קוקט אַלץ אויף צוריק, בליקט אַרײַן אין זײַנע אָפּגעלעבטע יאָרן מיט אַ ראָמאַנטישן קוק און מיט אַ באַנג־געפיל...

*

* *

מרדכי הערבסט

זיצט זיך ר׳ משה־יוסף, ציט דעם פאָדעם פון זיינע זכרונות און טראַכט:

— „געווען אמאָל אנדערע צייטן! אנדערע ייִדן! שבת־יום־טובדיקע ייִדן, ייִדישערע! אַך ווי עס בענקט זיך נאָך זיי, אַזש די נשמה גייט אויס! אמאָל איז די טעגלכע שול, יענע „עדת־יעקב״־שול, געווען פול מיט ייִדן למדנים, יראי־שמים, חסידים, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר ייִדישקייט. און היינט, ווער קומט עס דאווענען? — קוים א מנין פון א ביסל זקנים! קיין יינגערע פון זעכציק יאָר זעט מען ניט און דאָס זענען אויך ניט די ייִדן פון אמאָל״.

אַט שווימט פאַר אים אַרויף ר׳ שאול, דער בעל תפילה. עס ליגט אים נאָך אין טעם זיין מתיקות׳דיק דאווענען.

„—א שטיין האָט ער דאָך געקענט רירן, ווען ער פלעג שטיין אין זיין קיטל, מיט דעם לאַנגן טלית, אויף וועלכן עס האָט זיך געזילבערט א גרויסע עטרה! אלע היינטיקע חזנים, מיט די הויכע הוטן און שוואַרצע כאַלאַטן וואָלטן זיך ביי אים געמעגט לערנען!... — און ווי נעמט מען היינט אַזעלכע ייִדן ווי ר׳ יחיאל־מאיר, וואָס פלעג אלע פריי־מאָרגנס זיצן אין שול, פון פינף אַזייגער פאַרטאָג אָן, איבער א ספר און נעימות׳דיק זיך אריינקוקן, ביז מען פלעגט זיך שטעלן דאווענען. און אַז מען פלעגט אים אויסלויבן פאַר זיין תמידות, פלעג ער תמימות׳דיק זאָגן, אַז ער איז ניט קיין למדן, נאָר „איך האָב ליב אריינצוקוקן אין א ספר״. געהאַט האָט דער דאָזיקער ר׳ יחיאל־מאיר א פּאַטריאַרכאַלן אויסזען: זיין לאַנגע גרוילעכע באָרד פלעגט זיך ענדיקן אין צוויי שפּיצן, ווי די צוויי פאָלעס פון זיין קאַפּאָטע...

—און ווו זעט מען עס היינט אַזעלכע פּייערדיקע ייִדן ווי ר׳ דוד בענזינער! ער געדענקט נאָך איצט, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געשען, ווי ער, ר׳ ד.ד, איז אויף א חתונה כדי משמח־צו זיין חתן־כלה, אַרויף אויפן טיש פון דער תלמוד־תורה, פאַרקאַטשעט די קאַפּאָטע און געהויבן פיס ביים טאַקט פון דעם כלזמרים־שפּיל, אַז פונקען זיינען אַזש געפלויגן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען באַדאַרפט רופן א סטאָליאַר, דעם טיש צו פאַרריכטן.

קינדער פלעגן דאָך מיט זייערע דינע קולכעלעך אויך מיטדאווענען

און זיך אַרויסזען. — און הײַנט, וויפֿל קינדער טרעפֿט מען אין שול? און דאָס עם־הארצות איז דאָך שרעקלעך!...

אַמאָל האָט דאָך אַלץ געאָטעמט מיט ייִדישקייט, מיט ייִדיש וויסן. טאַקע געווען אָרעם, אָבער דערפֿאַר רײַך אין גײַסט. אין די חדרים און ישיבות איז מען געזעסן אויף הארטע בענק, אין איין צימער, אָן הפסקות, אָן „פּעדאַגאָגיע", אָן „אינספּעקציעס". און דאָך... הלוואי אויף הײַנטיקע קינדער! עס האָבן דאָך געקענט אַרויסקומען גאונים, וועלט־מוחות און, להבדיל, אַפּיקורסים. הײַנט קענען קיין אַפּיקורסים אויך ניט אַרויסקומען... —וויפֿל שטויב קער איך אַראָפּ יעדע וואָך פֿון דער ייִדישער ביבליאָטעק, וואָס שטייט ווי פֿאַר'יתומט און פֿאַר־שעמט אין איר עלנט?

אָבער פֿונדעסטוועגן —שפּאַרט ער זיך אַליין— איז דאָך אַלץ בעסער פֿון גאָרניט. אַלץ בעסער ווי בײַ זײַן פֿאַנים קינדער, דעם גוים..

גייען די קינדער ניט אַרויס פֿון דער ייִדישער שולע קיין גרויסע למדנים, אָבער ווערן כאָטש צוגעצויגן צום ייִדישן פֿאָלק. אָט גייען אַ סך אַרײַן אין די סעמינאַרן, ווערן גאָר ייִדישע לערער און לערערנס, אַנשטאָט צו ווערן דאָקטוירים, אינזשעניִרן, אַדוואָקאַטן, פֿאָרן אויף קורסן קיין ישראל, און זענען אַרײַנגעטאָן בלב ונפש אין ייִדישע פּראָ־בלעמען און זאַכן. זענען זיי דאָך גרייט זיך מקריב צו זײַן פֿאַרן ייִדישן לאַנד. אָט יענע וואָך איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַן אַראַבישן אַטענטאַט, אַ ייִנגל פֿון דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע פֿון דער געגנט. ער האָט אים אַליין געקענט. אַ שיינער לעבעדיקער יונג, מיט אַ צעשמייכלט פּנים און צוויי בלויע לאַכנדיקע אויגן. דער מאַמעס מילך איז אים נאָך געלעגן אויף די ליפּן.

אַמאָל האָט ער געקוקט מיט שפּאָט אויף די דאָזיקע „ייִנגלעך", אָבער לעצטנס זענען זיי געשטיגן אין זײַנע אויגן מיט אַ צוואַנציק עטאַזש.

ער וואָלט אַ בעלן געווען זיך דורכצופֿאָרן קיין ישראל, אָנקוקן די מדינה און אינאייינוועגס שוין זען, וואָס די „ייִנגלעך" האָבן דאָרט אויפֿגעטאָן.

—אי, דאָס ייִדישקייט הינקט ביי זיי אונטער? — נו, דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע מחלה. —אי, די טראַדיציע איז ביי זיי אַ פּאַר־קריפּלטע? — אָבער דאָך בעסער ווי גאָרניט!

בכלל קוקט ער מיט ליבשאַפט אויף די ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך, און כאָטש די ליבשאַפט באַהאַלט זיך הינטער זיין איראָניע־בליק, דערשפּירן זיי זי, די יוגנט, און האָבן אים אויך זייער ליב. דער שמש, אָדער „דאָן משה־יוסף", ווי זיי רופן אים, איז זיי אייגן, און אין דעם ליבשאַפט־שטראָם צווישן זיי, ווערט פאַרווישט דער חילוק פון עלטער, פון אנשויאונגען און השגות. ער לעבט זיך אַריין אין זייערע עסקים, ווי ער וואָלט אַליין נאָך אַ ייִנגל געווען. מיט אינטערעס און ליבע פאָלגט ער נאָך זייער טעטיקייט, איז אָנוועזנדיק אויף זייערע אַקטן און קוקט זיך צו מיט נחת ווי עס קלאַפּט אין זיי שטאַרק־שטאַרק אַ וואַרעם ייִדיש האַרץ.

„—געביטן זיך דער שטייגער, די ייִדישקייט איז גאָר אַן אַנדערע, „פּושט צורה ולובש צורה", אָבער דאָס ייִדיש האַרץ, די ייִדישע נשמה —דענקט ר' משה־יוסף— איז געבליבן די אייגענע. דאָס פילט אים אָן מיט פרייידיקער האָפענונג און גיט אים בטחון אויף ווייטער.

*

*   *

דער זונטיקדיקער פרימאָרגן האָט דערוואַכט אַ פינצטערער און אַן אָנגעכמורעטער. ווינטן האָבן זיך געיאָגט מיט אַ ווילפישן געוואָי, און אַ מבולדיקער רעגן האָט געשמיסן מיט זיינע וואַסערדיקע ריטער.

אָבער נאָכמיטאָג, האָט אַן אויסגעוואַשענע זון אַ שווים געטאָן אויפן בלויען הימל, וואָס האָט אויסגעזען נאָך בלויער, נאָך די שווערע שוואַרץ־רוויכיקע כמאַרעס וואָס האָבן אים אינדערפרי באַהאַנגען.

ר' משה־יוסף איז געלעגן אויפן בעט, אַרומגערינגלט פון זיינע זין און אייניקלעך. לעצטנס האָט ער זיך זייער שוואַך געפילט און איז געווען קראַנק. געפילט האָט ער, ווי דאָס זענען זיינע לעצטע טעג אויף

צ ײַ ט מ מ אָ ט י ו ן

ג־טס ערד. זײַן געדאַנק איז געווען קלאָר ביז דער לעצטער מינוט. אַ לײַטזעליקײַט, ווי פון עפּעס אַן אַנדער וועלט, איז געווען אויסגעגאָסן אויף זײַן געזיכט.

ער האָט נאָך געהערט דעם טומל פון די „ייִנגלעך" אין סאַלאָן, דעם טעמפּן געריוש פון דעם הויכרעדער בײַ דער אָפּשיידס־מסיבה פאַר די צוויי חלוצים, אַפילו אויפגעכאַפּט דאָס געזאַנג און אָפּגעריסענע ווערטער בײַם אָנפאַנג פון דעם אַקט. אָבער מער האָט ער שוין גאָרנית באַנומען...

פונקט ווען די „התקוה" האָט זיך אויסגעזונגען אין סאַלאָן, האָט ר' משה־יוסף אויסגעהויכט זײַן נשמה.

אין זאַל האָט געפּלאַטערט, און אין דעם מאָמענט האָט אַרויסגע־פלאַטערט ר' משה יוסף'ס נשמה, די נשמה פון אַן אַלטן ייִדישן שמש, וואָס איז געווען דער עדות פון דעם געשיכטע־פּראָצעס און ענדערונגען אין דעם ייִדישן לעבן, און איז ביזן לעצטן אָטעם־צוג געווען אָנגעפילט מיט ציטער פאַרן גורל פון ייִדישקײַט און מיט זאָרג פאַר דער צוקונפט פון זײַן פאָלק.

איטשע-מאירקע

א ליגד ווינטל האט געגלעט די הויכע גראָזן פון גרויסן ברידער־קבר. די זון האָט נעימות׳דיק און העל־גאָלדיק צוגעוואָרפן אירע וואַרעמע שטראַלן דעם צעגרינטן קבר, ווו עטלעכע צענדליק ייִדישע געביינען האָבן געשטומט אין זייער אייביקייט־רו, און זיך מתיחד־געווען מיטן פייַנלעכן שטילשווייַגן פון די לעבעדיקע קרובים, וואָס האָבן אַצינד זיי אַרומגערייַפט מיט טיף־דריקנדיקן צער.

די ביינערדיקע מידע געזיכטער פון דעם שטייענדיקן מענטשן־רינג, זענען געווען אָנגעצויגן, און פון די אויגן האָט אַרויסגעגליט אַן אומענדלעכער ווייטיק. א ווייטיק וואָס טריפט טיף פון הארצן אַרויס, צעפרעסט דעם גוף און פארקלעמט די נשמה. אויגן רויטע, אויסגע־טריקנטע און טיף פאַרדעכלטע אונטער די צונויפגעצויגענע ברעמען אין די אייַנגעבויגענע קעפּ, האָבן, ווי צוגעשפּיזלטע צום קבר, דורכ־דרינגענדיק געקוקט, ווי זיי וואָלטן אַרייַנגעבליקט און דורכגעזען אונטער דעם גרין־זוניקן דעק. טיף איז זייער בליק געווען, און נאָך טיפער זייער שווייַגן, ווי זיי וואָלטן מיט דעם דאָזיקן טיף־אייַנגעאָטעמטן שווייַגן, געוואָלט אויסשרייַען זייער גרויליק געמיט.

א שווער שווייַגן איז דאָס געווען, וואָס באַקומט פון רגע צו רגע א פאָרם, ווערט הארט ביז צום דערטאָפּן, באַקומט א קאָליר פון זוניקער

העלקייט און גראַזיקער גרינקייט. באַלד וועט מען דאָס שווייגן קענען אויך שניידן...

פלוצים, האָט אַ געשריי אויפגעלייזט די אָנגעהויפטע שווייגעניש. צווישן דעם מענטשן־רינג אַרום דעם קבר, האָט זיך האַסטיק אַן עפּן געטון אַ וועג אַן אויפגערעגט קליין ווײַז, פון וועלכן עס האָט אַרויס־געפלאַמט אַ צעצאַפּלטע נשמה.

פריער, האָט אַ באַהיטלט קעפּל, אין וועלכן צוויי צעבלויטע דער־שראָקענע אייגעלעך, וואָס וואַרפן זייער בליק הין און הער, אימפּעטפול זיך אַרויסגערוקט, און נאָכגעשלעפּט הינטער זיך אַן אויסגעמאָגערט קינדיש גופל, אויף וועלכן עס האָט געפּאָכעט אַ טלית קטנדל, האָט זיך האַסטיק דערשלאָגן ביז האַרט נעבן קבר, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז און אַ געשריי געטאָן מיט אָנגעפלאַמטן געקוויטש: „— טאַטע, איך האָב דײַן צוואה דערפילט!... דײַן צוואה דערפילט!... דײַן צוואה דערפילט!...”

און אַ שטראָם הייסע טרערן האָבן בלוילעך אָפּגעפינקלט אויף זײַנע גליאיקע אייגעלעך, און האָט זיך גיך אַראָפּגעקײַקלט איבער די צערויטלטע בעקעלעך...

ב

דעם טאַטנס ווערטער, איידער מען האָט אים צום טויט אַוועק־געפירט, קלינגען נאָך ביז הײַנט אָפּ אין איטשע־מאיר'קעס אויערן. ער געדענקט נאָך אַזוי לעבעדיק, ווי אָט ערשט וואָלט עס געווען, ווי זײַן פאָטער, מיט די גוטע בלויע אויגן, מיטן ווײַסן איידעלן געזיכט, האָט אים, מיט ליבשאַפט אינעם בליק, אָנגעזאָגט מיט זײַן זיסער שטימע, וואָס ער וואָלט אייביק געהערט:

„— איטשע־מאיר'קע, מײַן טײַער קינד: איך ווייס ניט, צי איך וועל זיך צוריקקערן, צי מיר וועלן זיך נאָך זען. הער זשע מיך אויס, מײַן זיסער, און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט דערפילן מײַן פאַרלאַנג, מײַן... צוואה:

צייטמאַטיוון

זאָלסט געדענקען שטענדיק, אַז דו ביסט אַ ייִדיש קינד, און ווי דו זאָלסט ניט זיין, זאָלסטו ניט פאַרגעסן אַלע טאָג איבערצוזאָגן די תפילות וואָס איך האָב דיר געלערנט. אויב דו וועסט קענען דאַוונען פון אַ סידור און הויכערהייט, זאָלסטו עס טאָן. און אויב ניט, זאָלסטו זיי איבערזאָגן פון אויסנווייניק, אפילו שטילערהייט. אפילו דו וועסט פאַרגעסן אייניקע ווערטער און פסוקים, מאַכט אויך ניט אויס. היט אויך אָפּ דיין טלית־קטנדל, און אויב דו וועסט עס קענען טראָגן, זאָלסטו עס, למען השם, שטענדיק טראָגן. וויים מיין קינד, אַז דער טלית באַגלייט דעם ייִדן פון זיין געבורט ביז זיין קבר..

— נו, זאָגסטו עס מיר צו, איטשע־מאיר'קע? — וועסטו מיין צוואה דערפילן?".

ער געדענקט ווי זיין טאַטנס אויגן האָבן דערביי אויפגעטערערט און אַ ציטער איז זיין קערפּער אַדורך. עפּעס האָט זיין קינדיש הערצל דאַן איינגאַנצן פאַרקלעמט, און אַ כליפּנדיקער האָט ער אים געענטפערט:

„— יאָ טאַטע, איך וועל אַזוי טאָן".

עס האָבן זיך באַלד נאָכדעם דערהערט שווערע סאָלדאַטן־טריט אין זייער הויף. זיין טאַטע, געדענקט ער, האָט אים גיך איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס, און מיט קושן און טרערן זיין פנים באַדעקט.. דעם טאַטנס לעצטן בליק, וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן... — „טאַטע! — האָט דאַן זיין פאַרצווייפלט געשריי נאָכגעשריען זיין פאָטער, וואָס איז אוועק מיט די נאַצים...

אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זיין טאַטן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק ייִדן פונעם שטעטל, ווען זיי האָבן זיך געפונען הינטער דער שטאָט, געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב און באַפוילן זיך שטעלן ביים ראַנד. נאַצישע ביקסן־קוילן האָבן דערנאָך זיי אַראָפּגעשאָסן אין גרוב אַריין, און דאָרט האָבן זיי זייער קבר געפונען...

*

* *

אויך זיין טייערע מאַמען געדענקט ער. זי פלעגט אים אַזוי צערטלעך גלעטן און קושן... איר ווייס געזיכט פלעגט זיך צעשמייכלען אַזוי ליבלעך, ווען ער פלעגט צו איר רעדן... ווי שיין און מילד איז זיין מאַמע געווען!

„—אַה, מאַמע, מאַמע!“— וויינט אין אים זיין הערצעלע.

ער שוידערט ווידער אויף, ווען ער דערמאָנט זיך יענע נאַכט, ווען ער איז איינער אַליין געבליבן מיט דער מאַמען. דעם טאַטן האָט מען אַוועק אַרבעט פאַרנומען. די טיר האָט זיך דאַן פלוצים אויפגעפראַלט און אַ דייטשער אָפיציר איז אַריינגעקומען. ער דערמאָנט זיך מיט איבל, ווי זיין רויט-אָנגעגאָסן געזיכט מיט די בלוי-וואַסערדיקע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין זיין מוטער און עפעס אַ מפאַרשטענדלעכעס איר געזאָגט. זיין מוטער האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל זי אָפלאָזן און אַוועקגיין. אָבער דער אָפיציר איז צוגעגאַנגען צו איר און זי גע-וואָלט אַרומנעמען. איטשע מאיר'קע איז אין אַ ווינקעלע געשטאַנען אַ צונויפגעקאָרטשעטער און מיט שרעק זיך איינגעקוקט. פלוצים האָט זיין מאַמע אַראָפגעלאָזט דעם דייטש אַ פאַטש. יענער, געדענקט ער, איז געוואָרן אויפגעקאָכט, האָט עפעס אַרויסגעשטשירעט צווישן די ציין, אַרויסגעכאַפּט זיין פיסטויל און אַ פייער געטאָן אויף זיין מאַמען. זי איז אומגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטע. איטשע-מאיר'קע איז צו איר צוגע-פאַלן מיט אַ געשריי: „—אוי, מאַמע, מאַמע מיינע!“. דאַן האָט אים דער דייטש, מיט פאַרבלינעטן כעס, אַ כאַפּ געטאָן, און אים אַ וואָרף געטאָן מיט גרויס קראַפט אויפן דיל. ער איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו דער וואַנט. מער געדענקט ער ניט, וואָס עס איז געשען נאָכהער.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען זיין מאַמען מקבר געווען... דער טאַטע איז אַ צעדולטער אומגעגאַנגען לאַנגע טעג...

ג

נאָכן טאַטנס טויט איז איטשע-מאיר'קע פאַרבליבן דער איינציקער פון זיין משפחה. ער איז דאַן אַלט געווען אַכט יאָר.

זיין זיידע, דער לימדנישער רב, וואָס האָט גע'שמ'ט איבער גאַנץ

פּוילן מיט זײַן גאונות, און מיט װעמענס ספרים עס האָבן זיך געקװיקט די זײדענע לערנערס פֿון די ישיבות און בתּי־מדרשים, האָט געהאַט אַ שװידערלעכן טויט.

די דײַטשן, האָבן אים, נאָך פֿיל מוטשעניש, אַ לעבעדיקן באַגראָבן, איבערלאָזנדיק אויף דער אויבערפֿלאַך זײַן הדרת־פּנים׳דיקן קאָפּ... די באָבע, די רבנית, איז פֿון הארצװייטיק נאָכדעם געשטאָרבן. זײַנע פֿעטערס, די אויסגעאײדלטע רבנישע קינדער, האָבן אויך ניט געהאַט קײן בעסערן טויט. בלויז אײנעם פֿון זײ, איז געלונגען צו אַנטלויפֿן קײן סאָװעט־רוסלאַנד, און ער האָט זיך איצט אומגעקערט, אויף קבר אבות... בײַ אים איז איצט איטשע־מאיר׳קע, און װעט מיט אים גאָר אינגיכן אַפּרײַזן קײן ארץ ישראל.

אַ גרויסע װוּנד האָט זיך טיף אײַנגעשניטן אין איטשע־מאיר׳קעס נשמה. דער טויט פֿון זײַנע עלטערן און פֿון זײַנע קרובים האָט זיך אײַנגעקריצט אין זײַן מוח. אַ גרויליקע שרעק שוידערט־אויף דאָס קינד, פֿון מאָל צו מאָל, בײַם דערמאָנען זיך, און אַ האַס, אַן אומענדלעכער האַס און נקמה־דורשט צו די דײַטשע הענקערס פֿון זײַן טאַטע־מאַמע, האָט זיך אײַנגעעסטיקט אין זײַן האַרץ. צו דער זעלבער צײַט, גלעט אים די נשמה, אַ דאַנקבאַרקייט־געפֿיל צו זײַנע רעטער, די פּוילישע דינסט און איר משפּחה. זי, מאַרישאַ, די דינסט, האָט אים, נאָך דעם טאַטנס טויט, אװעקגעפֿירט אין דאָרף אַרײַן, צו אירע עלטערן, און דורך דעם איז ער געראַטעװעט געװאָרן. ער װאָלט זיכער געװען אומגעקומען, װי אַ סך אַנדערע ייִדישע קינדער־יתומים —טראַכט ער— װען נישט זי, מאַרישאַ. מאַרישאַ האָט אים שטאַרק ליב געהאַט. אויך זײַן מאַמען, האָט זי ליב געהאַט, און זי איז געװען װי אַן אײגענע אין שטוב.

װען זי האָט אים אַװעקגעפֿירט אין דאָרף, געדענקט ער, האָבן אירע עלטערן אים באַלד אָפּגעשאָרן די פּאה׳לעך, פֿאַרבאַהאַלטן זײַנע מלבושים, דאָס היטעלע, דאָס טלית־קטנדל, דאָס קאַפּאָטקעלע, און זײ האָבן אים אָנגעטאָן װי אַ פּויעריש קינד פֿון דאָרף. זײ האָבן אים

אויך אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער הייסט יאַנעק, אַז מאַרישאַ איז זיַין מאַמע און ער זאָל זי טאַקע אַזוי רופֿן.

פּאַר אַלע שכנים האָבן טאַקע די אַלטע דערציילט, אַז דאָס איז זייער אייניקל, און זיַין טאַטע, מאַרישעס מאַן, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט אין שטאָט, איז געשטאָרבן.

די אַלטע פּויערים זענען צום אים געווען גוט און אים באַהאַנדלט מיט צערטלעכקייט.

איטשע מאיר'קע האָט שטענדיק געדענקט דעם טאַטנס צוואה, און פלעג, דריַי מאָל אין טאָג, ווי ער איז דאָס געוווינט געווען פון זיַין פריסטער עלטער, מורמלען אין דער שטיל, אויף אויסנווייניק, די תפילות. אמת, אייניקע פסוקים האָט ער פאַרגעסן. אַ סך ווערטער זענען פאַר־שוווּנדן פון זיַין זכרון, אָבער זיַין צוזאָג צום טאַטן, האָט ער געהאַלטן.

ווו ער איז נישט געווען, צי אין דער כאַטע, צי אויפן פעלד, ווו ער האָט אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט זיַינע „זיידע־באָבע", פלעגט ער אין דער באַשטימטער ציַיט דאַווענען. דערביַי פלעגן פאַר זיַינע אויגן ווידער דערשיַינען זיַין טאַטע, די מאַמע, דער זיידע, די באָבע, די פעט־טערס, די חברים, דאָס שטעטל, די שול, דער מאַרק... און טרערן פלעגן זיך אַראָפּגליטשן אויף זיַינע שעפּטשענדיקע ליפּן. ווען די פּויערים פון דאָרף פלעגן אים דערבליקן אַזוי פאַרטראַכט און פאַר'דבקות'ט, מיט באַוועגנדיקע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך געפונען אויף עפּעס אַן אַנדער וועלט, פלעגן זיי זיך איבערווינקען און צושאָקלען די קעפּ מיט באַוווּנדערונג, וואָס דאָס אייניקל פון זייער שכן, איז עפּעס מטורף, ניט מיט אַלעמען...

ווען דאָס קינד פלעג אַמאָל דערזען דיַיטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דאָרף אָדער דורכגעפאָרן, פלעגט עס מיטאַמאָל אויפציטערן. אין די אויגעלעך פלעג אויפגליען אַ בליק פון שרעק און האַס, נישט קענענדיק אונטערשיידן דאָן, וואָס פאַראַ געפיל איז שטאַר־קער...

אַזוי האָט איטשע־מאירקע געלעבט אין דאָרף דריַי יאָר, ביז דער באַפריַיאונג, דורך דער רויטער אַרמיי.

* *
*

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

דעם טאָג פֿון דער באַפֿרײַאונג וועט ער קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, צוליב אַ פּערזענלעכן טאַט.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט דאַן געדרודערט. אַ פֿרייד האָט זיך איבער אַלעמען אויסגעגאָסן, און אַלע זענען געלאָפֿן זען ווי די רויט־אַרמייער פֿירן אין געפֿאַנגענשאַפֿט דײַטשע סאָלדאַטן. אויך איטשע־מאיר׳קע איז דאַן געווען האַרט נעבן טראַקט. ווען ער האָט די דײַטשע סאָלדאַטן דערבליקט, האָט פּלוצים אין אים אויפֿגעריסן דער אָנגעזאַמלטער האַס און דאָס נקמה־געפֿיל צו זיי, פֿאַרן טויט פֿון זײַנע עלטערן און נאָענטע, האָט אין אים זיך אַ צינד געטון. ווען ער האָט דערזען צווישן די געפֿאַנגענע, אַ דײַטשן אָפֿיציר, מיט אַ רויט־אָנגעגאָסן פּנים מיט בלוי־וואַסערדיקע אויגן, אין וועמען איטשע־מאיר׳קע האָט גלײַך דערקענט זײַן מאַמעס מערדער. צו טיף האָט זיך אין זײַן זכרון אײַנגעקריצט יענע גרויליקע סצענע פֿון זײַן מאַמעס מאָרד, ער זאָל דעם פֿאַרשאָלטענעם דײַטש ניט דערקענען! אַ צעפֿלאַמטער פֿון כּעס, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ גרויסן שטיין, וואָס האָט זיך פּונקט געפֿונען נעבן זײַנע פֿיס, איז צוגעלאָפֿן ראַפּטאָם צום דײַטש און אים מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַ שלײדער געטאָן דעם שטיין אין פּנים, אויסשרײַענדיק:

„— דאָ האָסטו פֿאַר מײַן מאַמען, דו מערדער!“.

יענער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מורא׳דיקן ריטש און איז אַנידער־געפֿאַלן. זײַן פּנים האָט געבלוטיקט. פֿון די אויגן האָט גערונען...

איטשע־מאיר׳קעס הערצל האָט דאַן ווידער איבערגעלעבט די שרעק פֿון זײַן מאַמעס טויט, און עס האָט זיך געקילט מיט דער נקמה אין איר מערדער און ער האָט געפֿילט, ווי ער וואָלט עפּעס אויסגעפֿירט אַ אָנגעצייכנטע שליחות...

די פֿויערים האָבן דעם אָפֿיציר פֿון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט געפֿירט די דײַטשע געפֿאַנגענע, איבערגעגעבן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ קינד וואָס איז עפּעס מטורף, ניט מיט אַלעמען...

מרדכי הערבסט

ד

צוריק מיט אייניקע וואָכן איז זײַן פעטער געקומען אים אָװעקנעמען פון דאָרט. די אַלטע פויערים האָבן איטשע־מאיר'קען צוריקגעגעבן זײַנע מלבושים, דאָס קאַפּאָטקעלע, דאָס היטעלע, און דאָס טלית־קטנדל, וואָס זענען געוועזן פאַרבאַהאַלטן די גאַנצע צײַט אויף אַן אומבאַמערקט פּלאַץ. זיי האָבן אים שטאַרק געקושט און געוויינט. פאַר דער צײַט, וואָס ער איז בײַ זיי געוועזן, האָבן זיי אים ליב באַקומען ווי אַן אייגן קינד, און ער איז זיי געוואָרן שטאַרק נאָענט. — ער וועט זיי — האָבן זיי אים בײַם געזעגענען געזאָגט — שטאַרק פעלן און זיי וועלן נאָך אים זייער בענקען.

איבערהויפּט האָט געוויינט מאַרישאַ... איטשע־מאיר'קע האָט אויך געוויינט און זיי געקושט. ער איז אויך צו זיי צוגעבונדן געוואָרן פאַר די דרײַ יאָר. ער האָט אויף זייער פאַרלאַנג, צוגעזאָגט צו קומען זיך געזעגענען פאַרן אָוועקפאָרן מיטן פעטער.

דער פעטער האָט מיט טרערן געדאַנקט די גוטע פויערים, און געזאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זייער חסד. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אַ זעקעלע, און אָנווײַזנדיק אויפן הימל, האָט ער געזאָגט, אַז ג־ט וועט זיי באַלוינען פאַר זייער גוטסקײַט...

ה

איצט גרייט זיך איטשע־מאיר'קע אָפּצופאָרן קײַן ארץ ישראל, דאָרטן, האָט אים דער פעטער געזאָגט, וועט ער לערנען אין אַ ישיבה און זיך באַטייליקן אינעם אויפבוי פון הייליקן לאַנד. דאָרט וועט ער קענען דערפילן דעם טאַטנס צוואה, צו זײַן אַ ייִד און גיין אין זײַנע וועגן.

הײַנט, האָט אים דער פעטער געזאָגט, איז דער דריטער יאָרצײַט נאָך זײַן טאַטן, דעם קדוש. מען וועט זיך פאַרזאַמלען אַרום דעם ברידער־קבר הינטער דער שטאָט...

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

איטשע־מאיר'קע איז צוגעקומען צום גרין־זוניקן ברידער־קבר, וווּ זײַן איידעלער טאַטע, װעמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז דאָרט געלעגן. װידער האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם טאַטנס צוואה. פאַרן טויט, און אים דערזען אַ לעבעדיקן אין זײַן מוח, און װידער האָבן אָפּגעקלונגען אין זײַנע אויערן זײַן פאָטערס װערטער:

„— נו, זאָגסטו עס מיר צו, איטשע־מאיר'קע? — װעסטו מײַן צוואה דערפילן?".

דאָס קינד האָט האַסטיק זיך אַ װאָרף געטון אויפן קבר מיט אַ געשריי:

„— טאַטע, איך האָב דײַן צוואה דערפילט!... דײַן צוואה דערפילט!... —".

דער פעטער האָט דעם פאַרװײנטן איטשע־מאיר'קען מיט ליבשאַפט אױפגעהױבן פון דעם גראָזיקן קבר. זײַנע הענט האָבן געציטערט, און אַ הייסע טרער האָט זיך אײַנגעװײקט אין דעם קינדס היטעלע...

די צוריקגעקומענע

אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין רייזלען און זיך צעזונגען אין איר געמיט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן, צעשמייכלטע פון נחת, מיט ליבשאַפט געקוקט אויף איר שפּילנדיק קינד. זי האָט זיך איבער דעם געבויגן און אַרויסגערעדט אייניקע זילבן. „—אַה, טו־טו! אַה, טו־טו!". דאָס קינד האָט געפּאַטשט מיט די הענטלעך און זיך אויסגעשמייכלט יעדעס מאָל, ווייזנדיק עטלעכע ווײַסע ציינדלעך, וואָס האָבן זיך געבלאַנקט אויף די ראָזעווע יאַסלעס פון איר ווײַס־דיקלעך גערזיכט.

אירע גרינלעך־גרויע אייגעלעך האָבן פריילעך געגלאַנצט, און אויף אַ רגע האָט רייזל ווידער דערזען דיעגאָס בליק. אָבער באַלד האָט זי, ווי מיט כח, פאַרטריבן זײַן אָנבליק פון איר מוח און צו זיך אַליין גערעדט מיט פייער:

„—איך בין צוריקגעקומען! —ווידער בײַ מײַן פאָלק! אויך דו מײַן פייגעלע —האָט זי צום קינד זיך געווענדט— וועסט דאָ אויסוואַקסן אַ שטאָלצע ייִדישע טאָכטער, אין דעם ייִדישן לאַנד. אַ ייִדישע! אַ ייִדישע! אַ ייִדישע...

דאָס קינד האָט, זעענדיק ווי די מוטער רעדט צו איר, ווידער אַ צעעפן געטון דאָס מײַלעכל מיט די ווײַסע ציינדלעך, און זיך פאַרגאַנגען אין אַ שמייכל...

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

ב

אַז זי, רייזל, זאָל חתונה האָבן מיט אַ קריסט, דאָס קלינגט איר אַליין עפּעס אומגלויבלעך, שטוינענדיק.

—ווי אַזוי האָט דאָס מיט איר געקענט געשען? אַ טיפע בושה נאָגט איר האַרץ, און אַ קלעמעניש נעמט איר אַרום פאַר דער חרפּה און ווייטיק וואָס זי האָט טאַטע־מאַמע אָנגעטאָן.

—זי, רייזל, וואָס איז געווען אַ שטאָלצע יידישע טאָכטער, און איז געוואַקסן אין אַזאַ פאָלקסטימלעכער יידישער שטוב, זאָל גאָר נעמען אַ גוי? —אַך, מיין ג־ט, ווי איז דאָס מעגלעך געווען אַזאַ זאַך? פרעגט זי זיך צום טויזנטסטן מאָל.

—זי, די שיינע בת־יחיד'קע, אין וועלכער טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשפּיגלט, זי געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, אַכטונג געגעבן אויף איר, זי זאָל זיך חלילה ניט אויסגליטשן פון דעם גלייכן וועג, זי געלערנט און נאָכגעגעבן אַלע אירע פאַרלאַנגען, זי זאָל די עלטערן אַזוי מיאוס אָפּדאַנקען פאַר זייער ציטערדיקייט און וואַכזאַמקייט איבער איר?

זי געדענקט, ווי די מאַמע פלעג שטענדיק ווינטשן, צו געפינען אַ ליטישן יידישן בחור, מיט אַ סך מעלות פאַר איר געראָטענער טאָכטער. ווי זי פלעג חלומ'ען און פאַנטאַזירן אין דער הויך, בכיוון, אַז זי זאָל הערן. רייזל פלעג זיך, בשעת־מעשה רויטלען און פאַרשעמט אַ שמייכל טון.

זי פלעג דאַן פילן דעם זייטיקן בליק וואָס דער פאָטער פלעג אויף איר וואַרפן, און האָט אַרויסגעלייענט די זאָרגפולע ליבשאַפט פון איר מאַמעס אויגן.

—און וואָס איז דער סוף געווען?...

דער חלום פון טאַטע־מאַמע איז זיך אין גרוים ווייטיק און שאַנדע צערונען.

ניט זייער געבעט, ניט זייערע הייסע טרערן, ניט זייער גוטן און ניט זייער בייזן האָבן געהאָלפן.

צ ײַ ט מ מ אָ ט י ו ו ן

עס נעמט איר אָרום אַ גרויס רחמנות צו זיי, בײַם טראַכטן, ווי זיי האָבן נעבעך געליטן — אַך, אָרעמע, וויפל צער האָט זי זיי פאַרשאַפט! ...

זי קען זיך ניט שענקען און מוחל־זײַן.

— הלוואי זאָל זי זיי אָפּצאָלן מיט נחת, פאַר דעם גאַנצן שלעכטס וואָס זי האָט זיי געטון — ווינטשט רייזל, און טרערן קײַקלען זיך איבער אירע ווײַסע באַקן...

ג

דיעגאָס אויגן האָבן זי, רייזלען, באַצויבערט. ווי זיי וואָלטן איר אַ כישוף אָפּגעטון. וויפל זי האָט געקעמפט מיט זיך און קעגן זיך, זענען זײַנע אויגן שטאַרקער געווען און האָבן זי באַוועלטיקט.

נאָך דער ערשטער צופעליקער באַגעגעניש מיט אים, האָבן זיך זײַנע אויגן ניט אָפּגעטון פון איר.

וווּ זי איז געגאַנגען און וווּ זי איז געשטאַנען, צי אויף דער וואַך צי אין שלאָף, האָבן זיי געפינקלט צו איר, זי געוואָרעמט, געצויגן...

וואָלט זי אים ניט באַגעגנט מער, וואָלט זי אים מיט כח געווען אַרויסגעריסן פון איר וועזן. אָבער דיעגאָ האָט זי אַלץ אָפטער אָפּגעוואַרט נאָכן אַרויסגיין פון דער נאָרמאַל־שול. זײַנע גרינלעכע אויגן האָבן אַלץ מער זיך אַרײַנגעריסן אין איר האַרץ, אין איר נשמה, זי אינגאַנצן באַהערשט. אָנמעכטיק איז זי קעגן זיי געווען.

בײַ יעדער נײַער באַגעגעניש איז אויך פײַערדיקער געוואָרן זײַן אָטעם, אַלץ בריענדיקער זײַנע ליפּן, אַלץ שטאַרקער זײַן אומאַרמונג...

אַ פאַרשיכורטע פלעג זי אײַנגעקלאַמערט ווערן אין זײַנע אָרעמס. זײַנע שעפּטשענדיקע ווערטער האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין איר און אָנגעפילט איר גאַנצן זײַן, זענען געווען שטאַרקער פון איר אייגענעם ווילן, וואָס האָט מעכטיק געקעמפט קעגן אירע געפילן און איז צו שוואַך געווען זיי צו באַזיגן.

דער קלאָרער שכל האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז מען טאָר נישט,

אַז זי איז אַ ייִדישע, ער איז אַ קריסט, אירע טאַטע־מאַמע וועלן שטאַרק, זייער שטאַרק ליַידן, חס ושלום צוזאַמענברעכן און ווער ווייסט וואָס פֿון זיי וועט ווערן, אָבער דער ניכטערער געדאַנק איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם שכרות וואָס האָט באַטרונקען איר גאַנץ וועזן, פֿון דיעגאָס אויגן — אַך, די אויגן — פֿון זײַן אָטעם, פֿון זײַנע ליפּן, פֿון זײַנע אָרעמס...

ד

ווען די עלטערן האָבן זיך דערוווּסט וועגן איר ליבע מיט דיעגאָן האָבן זיי תחילת ניט געגלויבט אין דער ערנסטקייט פֿון זייערע באַציִונגען און אין די שפּעטערדיקע פֿאָלגן. זיי האָבן ניט געוואָלט אַזעלכעס צולאָזן צו זייער געדאַנק. געמיינט, אַז זייער רייזעלע, האָט זיך ניט־ווילנדיק פֿאַרפּלאָנטערט מיט אַ שגיון:

—נאָך אַ יונג קינד, וואָס ווייסט זי?...

טאַטע־מאַמע האָבן זי אויסגעמוסרט: —וואָס הייסט, אַ ייִדיש קינד זאָל זיך פֿירן מיט אַ גוי. און איר אָנגעזאָגט גלײַך איבערצוריַיסן מיט אים. —קנאַפּ ווילע ייִדישע בחורים זענען פֿאַראַן?. רייזל האָט זיי אויסגעהערט און מיט טרערן צוגעזאָגט מער מיט דיעגאָן ניט צו טרעפֿן זיך.

עטלעכע טעג האָט זי טאַקע געהאַלטן וואָרט, אַהיימגעגאַנגען פֿון דער שול אויף אַן אַנדער וועג און אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט דיעגאָן.

איר האַרץ האָט זיך אין גרויסע יסורים געקאָרטשעט, אָבער רייזל האָט ניט געוואָלט אָנטאָן טאַטע־מאַמען קיין עגמות־נפֿש.

אָבער דיעגאָ האָט זי דאָך געטראָפֿן, און דאַן האָט זי שוין מער קיין כּח ניט געהאַט צו קעמפֿן. פֿאַרקערט, איר ליבשאַפֿט האָט זיך נאָך מער צעפֿלאַקערט.

דיעגאָ האָט אַלץ געוואָלט וויסן די סיבה פֿון איר ניט קומען די עטלעכע טעג. תחילת האָט זי אים געזאָגט אַז זי איז ניט געזונט געווען

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

און איז אין שול ניט געגאַנגען, געלעגן אין בעט און ניט אַרויס פון שטוב. אָבער דיעגאָ האָט זיך דערוווּסט אַז דאָס איז נישט אמת, און רייזל האָט אים, נאָך פיל שטאַמלעניש, אויסגעזאָגט די סיבה, און אַז אירע עלטערן וועלן קיינמאָל ניט מסכים־זײַן צו זייער ליבע.

דיעגאָ האָט דאָס אויסגעהערט. זײַן אָטעם איז נאָך הייסער געוואָרן און געזאָגט האָט ער איר מיט פײַער, אַז ליבע איז שטאַרקער פון אַלע שטויכלונגען, איז איבער גלויבנס און ראַסן, איז הייליקער פון אַלץ, פון אַלעמען. וואָס מער שטרויכלונגען, אַלץ שטאַרקער איז די ליבע. ער וועט דווקא מיט איר חתונה האָבן און דאָס באַווײַזן דער גאַנצער וועלט. זײַנע ווערטער האָבן זי אײַנגעוויגט און געגלעט... זי האָט זיך נאָך שטאַרקער געטוליעט צו זײַן האַרץ. אין דיעגאָס האַרץ איז אָבער אין דער רגע אַ גרויסער צאָרן אויפגעגאַנגען אויף אירע עלטערן, אַ גרויסער האַס האָט זיך צעטליט אויף אַלע ייִדן, און דאָס בלוט האָט אין אים געזאָטן...

ה

אַ גרויל כאַפּט רייזלען אַרום, ווען זי דערמאָנט זיך, ווי די מאַמע האָט זיך די האָר פון קאָפּ געריסן, ווען זי האָט שוין מער גאָרניט ניט געקענט טון צו פאַרמײַדן איר חתונה מיט דיעגאָן.

די עלטערן האָבן מיט איר גערעדט, געטענהט, געבעטן זיך בײַ איר, זי געמוסרט, געבייזערט זיך, געדראָט, אָבער אומזיסט. מיט טרערן האָבן זיי זיך בײַ איר געבעטן, זי זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, זאָל זיי ניט פאַרשאַפן קיין שאַנדע.

אָבער אויב זייערע ווערטער האָבן אויף אַ מאָמענט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין איר האַרץ. פלעגן זיי נאָכהער, אין דער נאָענטקײַט פון דיעגאָן גלײַך אויסגעוועפּט ווערן.

איר היים איז אין אַ גהינום פאַרוואַנדלט געוואָרן. געשרייען, דיס־קוסיעס, געוויינען, טיש־קלאַפּערײַען האָבן אָנגעפילט דעם חלל פון דער אַמאָליקער אַזוי האַרמאָנישער און ליבלעכער שטוב.

זעענדיק, אַז זיי קענען מיט זייער טאַכטער גאָרניט מאַכן, האָבן די עלטערן געפּרוּווט אויף כּח זי אָפּצוּרײַסן פון דעם קריסטלעכן בחור. זיי האָבן זי פאַרשפּאַרט אין שטוב און ניט געלאָזט אַרויסגיין און פּלאַ־נירט, זי אין ערגעץ אַוועקצושיקן אויף אַ צײַט, אָדער זיך גאָר אַרויס־ציען, איבערלאָזנדיק אַלץ און אַלעמען, אַבי צו ראַטעווען זייער טאָכטער.

אָבער דיעגאָ האָט אויך ניט גערוט. זײַן קראַפט איז געווען שטאַר־קער. אין אַ טאָג, האָט ער אַוועקגענומען רייזלען און זי בײַ זײַן אַ פעטער געהאַלטן. טאַטע־מאַמע האָבן ניט געוווּסט וווּ זי איז אַהינגעקומען.

סאיז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז דער ענין איז פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַרן ריכטער, און די צײַטונגען האָבן ברייט געשריבן וועגן דעם.

רייזל האָט חתונה געהאַט מיט דיעגאָן.

די עלטערן זענען איבער נאַכט געעלטערט געוואָרן...

ו

אין אַ קורצער צײַט נאָך דער חתונה, האָט רייזל אָנגעפאַנגען אויס־ניכטערן זיך פון איר ליבע-שכרות.

דיעגאָס אויגן, וואָס האָבן זי פריער אַזוי געכּישופט מיט זייער גלאַנץ, האָבן מיט האַס גענומען שפּריצן. זײַנע ליפּן, וואָס האָבן זי אַזוי געברענט מיט זײַן קוש און האָבן זיסע ליבע־רייד אין אירע אויערן אַרײַנגעשעפּטשעט האָבן איצט רק געשימפּט מיט גראָבע אויסדרוקן און זידלערײַען אויף איר, אויף אירע עלטערן, אויף איר שטאַם, אויף אַלע ייִדן, „שמוציקע יידישקע", איז כמעט געוואָרן איר צונאָמען. זײַנע הענט, וואָס פלעגן זי אַזוי צאַרט גלעטן, האָבן זיך אַלץ אָפטער געבײַלט אין פויסטן קעגן איר און מיט קראַפט אָפּגעקלאַפּט אין איר לײַב.

רייזל איז ביטער אַנטוישט געווען. די טרערן פלעגן שטענדיק באַ־נעצן אירע אויגן, און אַ טיפע חרטה האָט זי אַרומגעכאַפּט.

די אַנטוישונג איז שטאַרקער געווען ווי איר אַמאָליקע ליבשאַפט, ביטערער געווען פון דער פריערדיקער ליבע־זיסקייט.

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ו ן

די ליבע איז זיך ביסלעכווײַז צערונען און איז אַריבער אין האַס וואָס האָט זיך אַלעמאָל געשטאַרקט.

איבערהויפּט איז דער האַס גרעסער געוואָרן, אין די מאָנאַטן פֿון איר שוואַנגער, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דיעגאָ פֿירט זיך אַרום מיט אַנדערע פֿרויען און בשעת זי זיצט אין שטוב אַן איינזאַמע, אַ לײַדנדיקע, פֿאַרברענגט איר מאַן מיט אַנדערע.

ביז אין אַ טאָג האָט זי געפּאַסט איר באַשלוס. זי איז אַוועק צו אירע עלטערן, און מיט טרערן און שלוכצן זיי געבעטן מחילה און אויך הילף.

ז

טאַטע־מאַמע האָבן קײַן צײַט ניט פֿאַרלוירן. זייער רחמנות צו דער טאָכטער, האָט זיי געמאַכט פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער פּײַן און בושה וואָס זיי זענען צוליב איר אויסגעשטאַנען.

זיי האָבן זי גלײַך אַוועקגעשיקט קײַן מאָנטעווידעאָ, און געמאַכט ווי אַמשנעלסטן פֿאַר איר רײַזע־פּאַפּירן קײַן ישראל.

אין דיעגאָן האָט אַ נקמה־פֿײַער זיך געצונדן. ער האָט נאָך לאַנגע זוכענישן, זיך דערוווּסט, אַז זי איז אין מאָנטעווידעאָ און אָן צײַט־פֿאַרלוסט זיך געלאָזט אַהין כדי צו שטילן זײַן נקמה־דורשט אין רייזלען.

ער איז אָבער אָנגעקומען פּונקט אַ טאָג נאָך איר אָפּפֿליען קײַן ישראל.

ווײַטער האָט ער זײַן נקמה־האַס, ניט געוואָלט צילן. די „שמוציקע ייִדישקע" איז דאָס בײַ אים ניט ווערט געווען. האָט ער זיך מיישב־געווען און איז זיך צוריקגעפֿאָרן קײַן בוענאָס אײַרעס.

זײַן גרימצאָרן אויף רייזלען, האָט ער באַלד געשטילט מיט די אַנדערע פֿרויען און זי גאָר גיך אַרויסגעלאָזט פֿון זײַן געדאַנק...

מרדכי הערבסט

ח

ישראל איז פאַר רייזלען אַ קוואַל פון גליק. דאָ האָט זי איר טאָכ־טער געבוירן. זי אַרבעט אין דעם קיבוץ און איז אַרומגערינגלט מיט חברשאַפט, מיט פרייד, מיט טיפערע ייִדישע אינטערעסן.

אַ מונטערקייט באַקוועלט איר געמיט, און זי האָט זיך דאָ־הי צעבליט, אפילו שענער געוואָרן, און עס דוכט זיך איר אויס, אַז זי זעט אויס אַ סך ייִנגער ווי פריער.

פון אירע בריוו צו די עלטערן, וואָס קלייבן זיך גאָר אײַנגיכן צו קומען פאַראייניקן זיך מיט איר, זינגט טאַקע אַרויס איר גאַנץ גליק, פון איינער וואָס איז געפאַלן, געמיינט אַז זי וועט שוין מער ניט אויפ־שטיין, אָבער וואָס האָט זיך גאָר אויפגעהויבן אויף זייער גרויסע הויכן.

זי איז גליקלעך וואָס זי איז צוריקגעקומען צו איר פאָלק, צו איר שטאַם, צו אירע עלטערן, צו דעם ייִדישן לאַנד, אין וועלכן זי לייגט אַרײַן אַזוי פיל ליבשאַפט. דאָ וועט זי זיך אויסקויפן פאַר אירע ווינד.

גרויס נחת שעפּט זי פון איר קינד, און טראַכט בשעת־מעשה, אַז זי וועט שוין ניט דורכמאַכן דאָס וואָס זי, רייזל, האָט דורכגעמאַכט. זי וועט שוין זען, אַז זי זאָל אויסוואַקסן אַ שטאָלצע ייִדישע טאָכטער. איבעריקנס, איז אין דער מדינה ניט פאַראַן אַזאַ סכנה ווי ד י, וואָס האָט זי אַזוי אומגליקלעך געמאַכט.

„—מײַן טײַער פייגעלע — זאָגט זי צו דעם מיט צאַרטער ליב־שאַפט— מײַן טרייסטל!...

דאָס קינד האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענטלעך און זיך צע־שמייכלט...



ישראל איז פאר רייזלען א קוואל פון גליק...

עסייען

אינטעגראַלע ייִדישקייט - דער ריכטיקער וועג

די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליג בילדן בלי ספק אַ תקופה פֿון באַווירקנדיקע געשעענישן אין אונדזער לעבן, אין אונדזער געדאַנקענגאַנג און וועלט־באַנעם.

זײַנען מיר דאָך געווען עדות פֿון דעם גרעסטן ייִדישן חורבן, וואָס האָט אַ טיפֿע ווונד אײַנגעשניטן אין אונדזער פֿאָלקס־נשמה; עס איז פֿאַראַבלט אונדזער געמיט און אין אונדזער האַרץ איז געבליבן אַן אומאָפּמעקלעכער שפּור פֿון טרויער.

צוזאַמענגעבראָכן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן אומגליק, האָבן מיר דאָך פֿרײדיק אויפֿגעצאַפּלט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו דערלעבן די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַ דורות'דיקן טרוים צו באַקומען אַן אייגענע מדינה, און אַ נײַער רוח־חיים איז אין אונדז אַרײַנגעבלאָזן געוואָרן.

די דאָזיקע געשיכטלעכע געשעענישן האָבן אויפֿגעטרייסלט אונדזער לעבן און אַ באַוועג־געטאָן די כוחות, וואָס האָבן געדרימלט אין אונדזער פֿאָלק. מיר זײַנען געלײַטערט געוואָרן דורך דעם פֿײַער פֿון חורבן און דערהויבן געוואָרן אַ דאַנק דעם ליכט פֿון גאולה.

דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט נאַציאָנאַלע דערוואַכונג. עס האָט אַ ריר־געטאָן אונדזער פֿאָלקס־מחנה און אָנגעצונדן אין אים זײַן ווילנס־קראַפֿט צו שאַפֿן, צו אויסלעבן זיך ייִדיש, צו אויספֿורעמען דעם ייִדישן קיום

אזוי אז ער זאָל געבן אַ תיקון אונדזערע נשמה-זוכענישן. פאַר אונדזערע גייסטיקע בלאָנדזשענישן זאָל ענדלעך געפונען ווערן אַ וועג.

אונדזער דור האָט דערשפּירט די גרויסע אחריות צו זיין דער העלד פון אַזאַ היסטאָרישער עפּאָכע און דער געשטאַלטיקער פונעם מאָרגן פון אונדזער פאָלק; דער וואָס וועט דאַרפן לייגן דעם חותם אויפן קומענ־דיקן טיפּ ייִד און דער, וואָס דאַרף אים אָריענטירן און אָנווייזן דעם ריכטיקן לעבנס-וועג.

עס איז פאַרשטענדלעך, וואָס אַרום די יסודות'דיקע פּראָבלעמען האָבן זיך געשאַפן שטרעמונגען, וואָס גלייבן אַז זייער וועג אין ייִדנטום איז דער אמת'ער: ער צילט נעמלעך צו פאַרפעסטיקן און קאָנסאָלידירן אונדזער לעבן און ממשיך צו זיין אונדזער אַנטוויקלונג ווי אַ פאָלק.

אָבער לאָמיר גלייך זאָגן, אַז יעדע איינע פון די דאָזיקע שטרעמונ־גען האָט געקוקט איינזייטיק, זי האָט געזוכט אַ תיקון בלויז פאַר איין גליד פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן גוף. עס זיינען אַנטשטאַנען באַוועגונגען וואָס האָבן ביי אַלע זייערע בעסטע כוונות געקעמפט נאָר פאַר איין עלעמענט פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס הייסט ייִדישקייט און זיי האָבן פאַרזען די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פון די איבעריקע טיילן פון אָט דער גאַנצקייט.

צי קען בלויז איין אבר פון אַ גאַנצן לעבעדיקן גוף אויספירן אַלע זיינע פונקציעס? איז ער אַזוי אַרום נישט פאַראורטיילט אַליין פאַרדאַרט צו ווערן, אויב ער איז אָפּגעריסן פון דעם גוף, פון וואַנען ער ציט זיין לעבנס-יניקה?

און מיט באַווייזן: זעען מיר דאָך אַ געוויסן סעקטאָר, וואָס קלאָ־מערט זיך בלויז אין דער ייִדישער שפּראַך, וואָס איז פאַר אים דער גאַנצער אינהאַלט און אָנהאַלט פונעם ייִדישן לעבן און איז אויסגעטאָן פון וועלכן עס איז ייִדישן שטייגער-לעבן, טראַדיציע, תורה וכו'; דער דאָזיקער צד האַלט אַז דורך דער ייִדישער שפּראַך מוז מען פאַרפעסטיקן דאָס ייִדישע לעבן אין גלות, און מ'שטעלט די שפּראַך אַרויס ווי דעם קען־צייכן פון ייִדנטום און דעם באַריער קעגן אַסימילאַציע.

אַזוי זעען מיר אויך אַ צווייטן סעקטאָר, וואָס וואָרצלט שפּראַכלעך

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ו ן

אין דער אַלטער ייִדישער קולטור און איז קנאות'דיק העברעאיש. דער דאָזיקער סעקטאָר צווישן ייִדן נעגירט יעדן פּאָזיטיוון אויפטו פון ייִדיש און גלייבט כּלל נישט אין דער פאַרוואָרצלונג פון אַ ייִדישן לעבן אין גלות; פאַרקערט. ער באַטראַכט דעם גלות ווי אַ פאַרשווינדנדיקן, לעצטן עטאַפּ פון גערանגל אין אונדזער פײַנפולער געשיכטע. אַט־די זעען בלויז גסיסה־צושטאַנדן אין גלות.

זײַנען מיר עדות פון אַ פּרוכטלאָזן שטילן שפּראַכלעכן געראַנגל אין אונדזערע שולן, ווו מען וועגט אויפן וואָגשאָל דעם דערציִערישן ווערט פון ביידע שפּראַכן; מען וועגט יעדע שפּראַך מיטן געוויכט פון אָנשוויאונג און מ'פאַרלירט בעת מעשה נאַציאָנאַלע וואָג...

נאָך אַן אַנדער סעקטאָר דריקט אויס זײַן ייִדישקייט־אני־מאמין אינעם שטיצן מדינת־ישראל, אין דעם אויפבוי פון דעם הייליקן לאַנד, גלייבנדיק פון טיפן הארצן אַז דער, וואָס גיט פאַרן „פּאַראייניקטן קאַמפּיין" איז אַ ייִד און דער, וואָס גיט נישט — איז דאָס נישט. פון קיין אַנדערע מצוות ווייסן זיי נישט.

מיר באַרמאָגן אויך אַזעלכע, וואָס זעען זייער לעבנס־תיקון אין חלוציזם; זיי גלייבן אַז די ייִדישע געשיכטע הייבט זיך אָן מיט הערצלען, בילו אא"וו. די פריִערדיקע תקופות גייען זיי גאָר נישט אָן. אָפּגערעדט — זיי זײַנען פאַר זיי לגמרי נישט באַקאַנט.

מיר טרעפן דאָס גלײַכן אַזעלכע ייִדן, וואָס שעפּן זייער ייִדישקייט פון איבערגעזעצטע בראשורן און זייער ייִדישקייט איז בכן אַן איבערגעזעצטע, נישט קיין אַרויסקוואַלנדיקע פון דעם אורשפּרינגלעכן מקור.

און פאַראַן אַזעלכע, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דער וויזיע פון וועלט־דערלייזונג און פעלקער־גלײַכהייט און צווישן אַלע פ א ר ש ק ל א פ ט ע און ד ע ר ד ר י ק ט ע פעלקער, נעמען זיי „ברייטהאַרציק" אַרײַן אין זייער מוח אויך דאָס ייִדישע פאָלק, וועמען זיי ווינטשן אויך אַן אחרית־הימימדיקע דערלייזונג...

און פאַראַן ייִדן פון אַלטן שניט, וואָס זײַנען ממשיך דאָס דורות'דיקע פרומע שטייגער־לעבן. זיי אינטערעסירן זיך גאָר ווינציק מיט אַלע נײַע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווי זיי וואָלטן נישט אָפּגעפרישט געוואָרן

מרדכי הערבסט

פון די נייע צייט-ווינטן אין יידישן לעבן, גלייך זייער געדאנקענגאנג וואלט נאך געשטעקט אין א בויבעריק אדער איישישאק.

מיר וואלטן געקענט ברענגען נאך א סך ביישפילן פון אנדערע שפּלי־טערן־שטרעמונגען, אבער מיר ווילן זיך באגרענעצן מיט די אויבנדער־מאנטע.

מיר ווילן לסוף אויך דערמאנען די „פּארעווע" יידן, די, וואס שטעלן זיך נישט איין פאר קיין שום ריכטונג, קעמפן נישט פאר קיין שום אידייע; זיי זיינען נאר פּאסיווע צושויערס פון דעם גאנצן אידייען־געראנגל. זיי שטייען אן א זייט. זייער צאל איז א גרויסע.

שטעלט זיך די פראגע: איז יעדע פון די אויסגערעכנטע טיילן פון אונדזער פאלק בכוח ווייטער צו פלעכטן אונדזער גאלדענע קייט, טראגן אויף זיך די פארצווייגטע ירושה און פארלייגן די באזעס פארן יידישן המשך? איז דען אונדזער פארגאנגענהייט, אונדזערע גייסטיקע אוצרות, אונדזער וועלט־באנעם נישט צו שווער פאר אזעלכע שוואכע פּיס, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר יעדע איינע פון די דאזיקע יידן־גרופּעס?

עס בעט זיך א קלארע תשובה: נישט דאס איז דער וועג! נישט אין די גייסטיקע שפּליטערן ליגט די קראפט, נייערט אין דער שלימות, אין דער פעסטער גאנצקייט פון אונדזער יידישקייט.

אזא יידישקייט וואס זאל כולל זיין אלע שטרעמונגען; א יידישקייט וואס זאל ווארצלען טיף אין אונדזערע אלטע מקורות, זאל זיך ווארעמען ביי אונדזערע גייסטיקע אוצרות און וואס זאל געפינען דעם סוד־ההמשך אין די לאבירינטן פון אונדזער לאנגער געשיכטע.

נישט מיט הערצלען הייבט זיך אן אונדזער געשיכטע, נייערט פון אברהם אבינו, און זי שפּינט זיך אריין אין משה רבינו, אין די נביאים, תנאים, די גאונים ביז צו די חסידים און חלוצים ביז מדינת־ישראל.

נישט מיט דער יידישער ליטעראטור איז געבוירן געווארן אונדזער קולטור, נייערט פיל, פיל פריער. שוין פון אלטע צייטן זיינען מיר דער עם־הספר, דאס פאלק וואס האט דער וועלט געגעבן דעם ספר־הספרים, זיין הויכע עטיק און מאראל. און דאס מוז אויך ווייטער אנפילן דעם אינהאלט פון אונדזער לעבן.

צ ײ ט מ מ אָ ט י ו ו ן

מיר האָבן אַ פאַרגאַנגענהײט, פון װעלכער מיר דאַרפן ציִען אונדזערע פעדעם אויף צו געשטאַלטיקן דעם הײנט און שפּאַנען װײַרדיק אין דער צוקונפט אַרײַן. אין קעגנפאַל װאָלטן מיר געליטן פון געשיכטלעכער קורצזיכטיקײט. און אונדזער פאָלק צייכנט זיך אויס מיט אַזאַ גלענצנדיקן זכרון!...

אינטעגראַלע ייִדישקײט מײנט צונויפגיסן אין אַ װוּנדערלעכער סינטעזע אַלטע חכמה און שטייגער-לעבן מיט נײַעם געדאַנק. עס בלײַבט אונדזער אייגענער קוק און אייגענער באַנעם פאַר אַלע לעבנס-ענינים און נישט זיי אויפצונעמען דורך די שפּאַקולן פון אַ פרעמדער קולטור און אומאייגענע קאָנצעפּציעס.

אַזאַ ייִדישקײט מײנט אָפּשאַצן און פילן אַ פּיעטעט און ליבשאַפט צו די שאַפונגען פון ייִדישן פאָלק אין אַלע צײַטן און אויף אַלע ערטער; אַזאַ ייִדישקײט מײנט, אַז מ׳זאָל היילִיק האַלטן די העברעיִשע שפּראַך װי די כלי פון אונדזער דורות׳דיקער קולטור, אין װעלכער עס זײַנען אַרײַנ-געגאָסן אונדזערע אייביקע װערטן; אַזאַ ייִדישקײט מײנט, מ׳זאָל שאַצן די ייִדישע שפּראַך, אין װעלכער עס האָבן געלעבט, געשאַפן און געקעמפט מיליאָנען און זיי האָבן אין דער ייִדישער שפּראַך געטרוימט און מיט איר געפאַלן מיליאָנענװײַז.

העברעיִש איז די שפּראַך אין װעלכער אונדזער פאָלק האָט אויסגע-גאָסן זײַן תפילה אין אַלע צײַטן, און ייִדיש איז די שפּראַך, אין װעלכער אונדזער פאָלק האָט באַזונגען זײַן טראַגיק און ראָמאַנטיק.

שפּראַך גיט אייגנאַרט דער קולטור. בײַ אונדז איז שפּראַך אויך אַ מעכטיקע נאַציאָנאַלע שוץ-װאַנט קעגן אַסימילאַציע. אָבער אַ פאַנצער קעגן אַסימילאַציע איז די שפּראַך נאָר דעמאָלט, װען זי איז אויך באַגלייט מיט ייִדישן אינהאַלט און ייִדישן גײַסט. אַזױ נאָך איז זי אויך אַ מיטל צו קאָנסערװירן אירע אייגענע װערטן.

שפּראַך איז אַ כלי. אָבער אויך די כלי, װילן מיר, זאָל זײַן אַ ייִדישע, אַ כשר׳ע, אַן אייגענע. װי באַלד זי איז נישט ייִדיש, קענען מיר זי דאָך נישט ניצן. אין דער כלי באַדאַרף מען בכן אַרײַנגיסן אינהאַלט. למשל

לגוף ונשמה.ביידע פורעמען אוים א לעבעדיקן וועזן און קענען נישט עקזיסטירן איינער אָן דעם צווייטן.

אינטעגראַלע ייִדישקייט מיינט שטרעבן קיין ציון, זיך באַשטראַלן מיט איר ליכט, זיך איינבויען אין איר, אָבער דערביי נישט פאַרגעסן דעם גלות, באַפעסטיקן דאָס ייִדישקייט אומעטום, זאָרגן פאַרן ייִדישן לעבן אין אַלע מקומות, וווּ ייִדן זיינען; פאַרוואַנדלען אַזוי אַרום דעם גלות אין דעם הינטערלאַנד פון מדינת־ישראל.

איך רעזומיר: אינטעגראַלע ייִדישקייט איז אַזאַ ייִדישקייט, וואָס פאַראייניקט דורותדיקע ייִדישע טראַדיציע און שטייגער מיט מאָדערנער קולטור, ציט די פעדעם פון אונדזער אַלטער פאַרגאַנגענהייט ביז דער היינטיקער צייט, מיט אייגענעם ייִדישן קוק, וואָס וואָרצלט אין אונדזער טויזנט־יעריקער קולטור, אָנקניפּן אין אַלץ וואָס לעבט היינט צו טאָג אין ייִדישן פאָלק — ליבע צו ייִדיש און העברעיִש, צוגעבונדנקייט צו די דערגרייכונגען און שטרעבונגען פון מדינת־ישראל — אָט וואָס עס מיינט אינטעגראַלע ייִדישקייט. דאָס פאַרפעסטיקן אונדזער קיום און ציִען אונדזער המשך.

אין אַזאַ גייסט דאַרף מען דערציִען אונדזערע קינדער, אונדזער יוגנט. אָט דעם חותם דאַרפן מיר איר געבן, כדי צו פאַרהיטן זי פון גייסטיקער פאַרלוירנקייט און כאַאָס.

אין אַן אומצעשטערלעכער שלימות דאַרפן מיר צונויפגיסן אונדזער ייִדישקייט, ווייל נאָר אינטעגראַלע ייִדישקייט איז דער ריכטיקסטער וועג פאַר אונדז.

די היים - די ערשטע יידישקייט-שול

די לעצטע יאָרן זײַנען מיר עדות פֿון אַ גרויסער דערוואַכונג בנוגע אונדזערע ייִדישע שולן, וואָס האָבן געמאַכט אַ היפּשן פּראָגרעס און וואָס זײַנען אויפֿן וועג פֿון נאָכאַנאַנדיקער אַנטוויקלונג און אויפֿשטײַג. עס גייט ממש אָן אַ פֿיבערהאַפֿטע אַרבעט אין באַצוג צו דער אויסבריי־טערונג פֿון אונדזער שול־וועזן, אין דעם אויפֿבוי פֿון גראַנדיעזע און צוגעפּאַסטע שול־געבײַדעס, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די פּעדאַגאָגישע כּללים און די היגיענישע פֿאָרשריפֿטן און וואָס זאָלן הויבן די חשיבות פֿון דער ייִדישער דערציאונג סײַ מיט זייער אויסערלעכער פּראַכט און גלאַנץ, און סײַ מיט דער מוסטערהאַפֿטער אינערלעכער פֿאַרטיילונג און אָרגאַניזירונג.

צוגלײַך מיט אָט דער אָנגעשטרענגטער בוי־אונגס־ און פֿאַרברייטע־רונגס־אַרבעט, וואָס איז אויך אַ פּראָדוקט און דערגרייכונג פֿון דעם גרויסן אונטערנעמונגס־גײַסט פֿון די שול־עסקנים, ווערט פֿיל גערעדט און געשריבן, געאַמפּערט און געשפּאַרט זיך וועגן דעם עצם מהות פֿון דעם חינוך זעלבסט, ד"ה וועגן זײַן פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרברייטערונג, זײַן פֿאַרוואָרצלונג און די יערהאַפֿטיקײַט. יעדער איינער רעקאָמענדירט דעם אופֿן פֿון למוד לויט זײַן פֿאַרשטאַנד, די מעטאָדן — לויט זײַן באַגריף, דעם סיסטעם — לויט זײַן אַנשויאונג. דאָס אַלץ צילט צו דערגרייכן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין דעם חנוך־הבנים און עס ווערן אַזוי אַרום געזוכט וועגן

און אופנים מקנה־צו־זײַן דעם ייִדישן קינד א וואָס גרעסערע דאָזע ייִדיש־קײַט, אַ וואָס טיפערן ייִדישן אינהאַלט און אַ וואָס שטאַרקערן אָנהאַלט אין אונדזער לעבן.

עס איז מערקבאַר דער ווערטער־ און געדאַנקען־געפעכט איבער דער וויכטיקײַט פון אונדזערע לשונות, העברעיש און ייִדיש, אַרום וועלכע עס גייט אָן אַ שטילער שפּראַכלעכער געראַנגל, איבערוועגנדיק בײַ יעדן איינעם פון די שול־עסקנים און טאָן־געבער אָט די יעניקע שפּראַך וואָס איז אים צום נאָענטסטן, אָדער וואָס שטימט מיט זײַן אידייען־קוק אויפן ייִדישן לעבן. פאַראַן אויך אַזעלכע שולן וואָס גיבן אָפּ ביידע לשונות די זעלבע חשיבות און גלײַכבאַרעכטיקונג, אָבער איינס איז דער פאַקט, אַז נישט איינע און נישט די אַנדערע זײַנען צופרידן מיט דער קוים באַמערקבאַרער שפּראַכן־אײַנוואָרצלונג און אײַנלעבונג בײַ זייערע תלמידים, און וואָס אין בעסטן פאַל, בלײַבן די זעלבע שפּורלאָז נאָכן פאַרענדיקן די באַ־טרעפנדיקע שול.

אַזוי איז אויך נאָך ווײַט — מילד גערעדט — צו זײַן צופרידנ־שטעלנדיק די אײַנבירגערונג פון ייִדישקײַט אין די תלמידים. אין בעסטן פאַל בלײַבן די מערהײַט פון זיי דערווײַטערט פון ייִדישקייט נאָכן פאַר־לאָזן די שול, בילדן נישט קיין קאַדרען פון יוגנטלעכע וואָס פאַראינטע־רעסירן זיך מיט ייִדישקײַט, בילדן נישט קיין שום לייענער־מאַסע פון ייִדישער אינטעליגענץ, קיינע יוגנטלעכע עלעמענטן וואָס זאָלן ממשיך זײַן אונדזער טראַדיציע און וואָס זאָלן זײַן אַרײַנגעוואָקסן אין דעם ייִדישן שטייגער־לעבן. אָדער זיי דערווײַטערן זיך לגמרי פון ייִדישע פּראָבלעמען, אָדער, אין בעסטן פאַל, לעבן זיי אויס זייער „ייִדישקײַט" אין פּורים־ און קאַרנאַוואַל־בעלער וואָס ייִדישע יוגנטלעכע גײַסטלאָזע צענטערן פאַראַנשטאַלטן.

עס גייט אַזוי אַרום פאַרלוירן אַ געוואַלדיק־פּאָטענציעל גרויסער עלעמענט, וואָס וואָלט געקענט בילדן די זײַלן פון ייִדישן קיום און זײַן דער אחריות'דיקער טרעגער פון ייִדישן מאַרגן.

מיר רעדן, פאַרשטענדלעך, וועגן דער איבערוועגנדיקער מערהײַט פון זיי און מיר נעמען דאָ נישט אין אַכט די אויסנאַמען און איינצלנע פאַלן

װאָס זײַנען זיכער פֿאַראַן, אָבער די דאָזיקע פֿאַלן באַשעפֿטיקן אונדז לגמרי נישט און געבן דאָך אונדז נישט קײן שום באַאומרואיקונגס־מאָטיװ.

פֿאַרװאָס איז לײדער אַזױ גרױ די דאָזיקע װירקלעכקײַט? פֿאַרװאָס זעען נישט די שול־אַקטיװיסטן און די אמתע פֿרײַנט פֿון ייִדישן חנוך, קײן גענוגנדיקע פֿאַרגיטיקונג אין זײערע אָנשטרענגונגען און מיפֿולער אַקטיװיטעט?

די תשובה איז אַ באַלדיקע און אַ קלאָרע: מען האָט פֿאַרזען דעם נעסט פֿון ייִדישקײַט, די היים — װוּ עס דאַרפֿן זיך אױסװאַרעמען אין ייִדישער טראַדיציע און שטײגער־לעבן, אין ייִדישן גײַסט און אַטמאָס־פֿערע, די צוקונפֿטיקע איבערנעמער פֿון אונדזער רײַכער ירושה, די פֿאַר־זעצער פֿון אונדזער גאָלדענער קײט און די געשטאַלטער פֿון אונדזער מאָרגן.

מען האָט אָפּנים פֿאַרגעסן אַז די היים איז די ערשטע און װיכ־טיקסטע שול פֿון ייִדישקײט. די, װאָס לײגט איר חותם אױף דער אױס־פֿורמונג פֿון אונדזערע קינדערס ייִדישער פּערזענלעכקײַט, די װאָס זאַפּט זײ אָן מיט ייִדישן באַװוּסטזײַן, און די װאָס דאַרף זײ געבן ייִדישן צידה לדרך אױף זײער גאַנצן לעבנס־װעג.

פֿון תמיד אָן איז דער געבאָט מחנך צו זײַן אונדזערע קינדער און זײ אַרײַנרינגלען אין אונדזער היסטאָרישער פֿאָלקס־קײט געלעגן אױפֿן פֿאָטער. דאָס הײסט אױף דער משפּחה װוּ ער איז דער שעף. אַלע גע־שיכטלעכע פּאַסירונגען און אַלע ייִדישע געזעצן און אָפּהיטונגען זײַנען באַזיפּטראַגט געװאָרן דעם פֿאָטער. דער „והגדת לבנך" און ושננת לבניך" איז געװענדעט געװאָרן צו די ייִדישע פֿאָטערס, אַלס די װאָס טראָגן די אחריות צו איבערגעבן זײערע קינדער אונדזערע אײביקע װערטן און צו באַװירקן זײ פֿון זײער פּריסטער קינדהײַט צו ממשיך זײַן דאָס ייִדישע לעבן.

אַזױ איז אױך בנוגע שפּראַך. עס פֿאָדערט זיך דאָך נישט קײן שום באַריכותדיקע דערקלערונג, צו איבערצײַגן יעדן דענקענדיקן מענטשן, אַז שפּראַך מוז דאָס קינד לערנען פֿון זײַנע ערשטע זילבן־אױסדרוקן און קינדערשע אומפֿאַרשטענדלעכע פּלאַפּלערײַען, בכדי די זעלבע זאָל אים נאָענט בלײַבן, באַליבט זײַן און איבערהױפּט באַקאַנט. אין דער שולע,

וואָס איז זײַן צווייטע היים, שלייפּט ער זײַן שפּראַך, באַרײַכערט זי, אָבער פאַר קײַן פאַל הויבט ער נישט אָן זי צו דערלערנען, ווי עס איז דער טרויעריקער פאַקט אין אונדזערע ייִדישע שולן, ווו במשך די עטלעכע לערניאָר וואָס עס באַזוכט אונדזערס אַ קינד בלויז עטלעכע שעה טעגלעך, מיט גרויס אויסנאַם פון די שבתים, זונטיק־טעג און וואַקאַציעס, און וואָס זײַנע למוד־שעהן זײַנען נעבעכדיק באַגרענעצט, באַווײַזט עס קוים, און דאָס אויך אין בעסטן פאַל, אויסצולערנען די עלעמענטאַרע שפּראַך. דאָס הייסט, אַז עס גייט אַרוים מיט דעם זעלבן שפּראַך־באַגאַזש (אויב ער באַווײַזט דאָס אויך) ווי אַ נאָרמאַל קינד וואָס רעדט ייִדיש זינט זײַן פריסטער קינדהײַט, וואָס גייט ערשט אַרײַן אין ערשטן גראַד.

דאָ ליגט דער גרויסער אמת.

אַזוי געשעט אויך מיט טראַדיציע, שטייגער־לעבן און צוגעבונדנקייט צו ייִדישקײַט און ייִדנטום, און זאָל געזאָגט ווערן אויף דעם קלאָרסטן אופן: ידישקײַט איז נישט קײַן למוד, קײַן קעגנשטאַנד וואָס מען לערנט אויס במשך אייניקע יאָרן אין צוויי, דרײַ שעה טעגלעך אין אַ שולע. ייִדישקײַט איז אַ לעבנס־שטייגער וואָס מען לעבט אויס, וואָס מען פילט אויס אַ גאַנץ קײַלעכדיק לעבן, פּערמאַנענט און אָן... וואַקאַציעס.

מען קען נישט אויסלערנען אין דער ייִדישער שול דעם ווערט און הייליקײַט פון שבת, אויב מען פילט נישט דעם זעלבן אין שטוב. מען קען נישט אויסלערנען דעם ווערט פון אידישע ימים־טובים, אויב די אייגענע היים איז אויסגעליידיקט פון שבת־יום־טובדיקײַט. מען קען נישט אויסלערנען קײַן אידישן לשון, אויב אין דער היים רעדט מען אויף אַ פאַרקערטער שפּראַך.

די היים מוז זײַן אָנגעפילט מיט ייִדישקײַט, מון דערמיט באַאָטעמען און אָנזאַפּן די קינדער, מוז זיי באַווירקן און באַאײַנפלוסן.

ייִדישקײַט איז אויך נישט קײַן סימבאָליק. איך זאָג דאָס אַקעגן דעם וואָס געוויסע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פאַראַנשטאַלטן אַ „קבלת־שבת" און צינדן „סימבאָליש" אָן פּרײַטיק בײַנאַכט ליכט, אָדער אַקעגן דעם, וואָס מען אָרדנט אײַן אין געוויסע ערטער דריטע „סדרים" מוצאי יום־טוב, און מען מאַכט קדוש מיט גרוים כונה, אָן אַ היטל און איבער אַ גלאָז... טיי.

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

אַנדערע גייען נאָך ווײַטער: די מוטער בענטשט ליכט ערב שבת, דער פֿאָטער מאַכט קדוש, און שבת גייט מען אַרבעטן... אָדער פֿיל עלטערן שטייען שבת אין געשעפֿט און שיקן זייערע קינדער אין שול... שוין נישט רעדן פֿון בר־מצוה־שמחות וואָס ווערן געפּראַוועט מיטן „מאָ־דערנסטן" כשרות...

אָט אין דעם ליגט דער הינטערגרונט פֿון דעם גאַנצן חנוך־דורכפֿאַל. מען פֿאַרקוקט און מען פֿאַרזעט ליידער די שטאַרקסטע פֿעסטונג פֿון ייִדישקײַט, די בעסטע שול, די היים.

מען דאַרף אַלזאָ רעווידירן דעם צוגאַנג צום חנוך, אַרײַנלייגן דעם זעלבן ברי און אייפֿער אויפֿצובויען פֿון דער ייִדישער היים אַ פּראַקטפֿולע און שטאַרקע פֿעסטע געבײַדע פֿון ייִדישקײַט, צוגלײַך מיט די גרויסע פּרעכטיקע שול־בנינים. מען דאַרף פֿאַרוואַנדלען די ייִדישע היים אין דעם היכל פֿון ייִדישער טראַדיציע, אמתע און נישט סימבאָלישע. מען דאַרף אַרײַנברענגען אין איר שבת־יום־טובדיקײַט און ייִדישן שטייגער־לעבן. מען דאַרף זי אָנפֿילן מיט ייִדישן לשון און אינהאַלט, מען דאַרף זי פֿאַרקלינגען מיט ייִדישן לשון און זי פֿאַרפֿלייצן מיט ייִדישער אַטמאָספֿערע, ווו דאָס קינד זאָל זיך אויסלעבן אין ייִדישקײַט, זאָל זי אײַנאָטעמען טאָג־טעגלעך און פּערמאַנענט, און וואָס זאָל מיט איר פֿאַרפֿאַנצערט ווערן און דורך איר צוגעצויגן ווערן אויף זײַן גאַנץ לעבן.

דאַן וועט די ייִדישע דערציאונג האָבן אַ האַפֿט און אויסדויער, דאַן וועט די צווייטע היים, די שול, געבן די געהעריקע פּרוכט, אַדאַנק דער מיטווירקונג פֿון דער ערשטער היים — די שטוב, און וועט דערגענצן דאָס וואָס די ערשטע שול גיט אים. דאַן וועלן אַלע קעגנשטאַנדן זײַן פֿאַרשטענדלעכער און קאָנקרעטער און נישט קיין אַבסטראַקטע באַגריפֿן, און נאָר דאַן וועלן מיר האָבן פֿאַרזיכערט אונדזער קיום און וועלן קענען מיט צוטרויען און זיכערקײַט איבערגעבן אונדזער גײַסטיקע ירושה דעם אויפֿוואַקסנדיקן דור, וואָס וועט וויסן זי צו שעצן און טײַער האַלטן און זי ממשיך זײַן און באַרײַכערן.

ארץ-ישראל און גלות-ישראל

נישט ווי אַלע פעלקער איז ישראל און ניט ווי אַלע לענדער איז ארץ-ישראל.

אַנדערע פעלקער, בעת זיי לעבן אין זייער לאַנד, זענען זיי צו דעם צוגעבונדן, זענען גרייט צו קעמפן פאַר דעם, פאַר זײַן פרײַהײַט און זעלבסטשטענדיקייט. ווײַל דאָס לאַנד באַצייכנט דאָס באַטרעפנדיק פאָלק אַלס נאַציע, עס גיט אים עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג אַלס פאָלק, עס היט אויף אין זײַנע גרענעצן דעם פאָלקס-כאַראַקטער, זײַן גאַנצקײַט, זיין נאַציאָנאַלע געשטאַלטונג, זײַן קולטור-אינהאַלט, זײַן שטייגער-לעבן, זײַן שפּראַך און זײַן נאָמען.

דאָס פאַרלירן דאָס לאַנד איז במילא גורם דעם פאַרלוסט פון דעם פאָלק, זײַן צעפאַלונג און פאַרשווינדונג פון דער ערד-פלאַך.

אָן זײַן לאַנד, אַסימילירט זיך דאָס פאָלק, ווערט פאַרשלונגען אין דער נײַער סביבה וווּ עס איז פאַרטריבן געוואָרן, און ווערט צוגעבונדן צו זײַן נײַעם ווינלאַנד. די קינדער פון דעם דאָזיקן פאָלק קערן זיך שוין ניט אָן צום לאַנד פון זייערע עלטערן און אין זייער אַ קורצער תקופה פאַרשווינדט אַזוי אַרום אַ גאַנץ פאָלק פון אונטערן הימל.

צו אַזעלכע דערשײַנונגען איז די מענטשהייט אַן עדות פון די אַלטע צײַטן ביז אין אונדזערע טעג.

אַן איינציקאַרטיקער אויסנאַם איז דעריבער דער אומאיבערגערי־סענער בונד צווישן דעם ייִדישן פאָלק און זיין לאַנד, אַ דערשיינונג וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע.

הונדערטער יאָרן איז דאָס ייִדישע פאָלק געווען דערווייטערט און אָפּגעריסן פון זיין לאַנד, און דאָס האָט פאַר קיין פאַל ניט גורם געווען, עס זאָל פאַרגעסן זיין לאַנד און זיך אסימילירן מיט די פעלקער אין אַלע זיינע וווינערטער. נאָר אדרבא ואדרבא: וואָס ווייטער עס איז געווען פון דעם לאַנד, אַלץ גרעסער איז געווען זיין שטרעבונג זיך אומצוקערן אַהינצו, און וואָס מער צייט עס איז פאַריבער זינט עס איז פאַרטריבן געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט זיין בענקשאַפט צו דעם, ממש ביז נשמה־אויסגאַנג.

ב.

אונדזער גאַנץ לעבן און אונדזער גאַנץ וועזן אין גלות איז אָנגע־זאַפּט מיט ארץ־ישראל. פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, פאָלגט אונדז נאָך דער אָנדענק פון אונדזער לאַנד אויף טריט און שריט.

אין די ימים־טובים און אין די טרויער־טעג הויבן מיר ארויס ציון. אַלע אונדזערע תפילות זענען דורכגעוועבט מיט בענקשאַפט־פעדעמער צו אונדזער לאַנד. אין די פערזענלעכסטע מאָמענטן ווי אין די נאַציאָנאַלע געדענק־טעג, פאַרנעמט ארץ־ישראל אין אונדזער גלות־לעבן דאָס הויפּט־פּלאַץ, דאָס פּריווילעגירטס.

און נישט נאָר דאָס לאַנד, נאָר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן דערמיט, מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מיט זיין געשיכטע. יעדע זאַך וואָס דערמאָנט אונדז אין דעם, איז פאַר אונדז אויך וויכטיק און טייער אין דער זעל־בער מאָס.

אונדזער הארץ איז תמיד מיט ארץ ישראל, אונדזערע געדאַנקען זענען מיט דעם דורכגעדרונגען, אונדזערע תפילות זענען אַהינצו גע־ווענדעט, ניט נאָר אין אונדזער כוונה, נאָר אפילו אין איר געאָגראַ־פישער ריכטונג: צו מזרח.

צײטמאַטיװן

און מיט בײַשפּילן:

אין אַלע אונדזערע תפילות, ציט זיך, װי אַ בלוט־שנור, אונדזער באַגער צוריקצוקערן זיך צו אונדזער לאַנד, אַ רחמים־געבעט צו ג־ט אויף ירושלים, אויף דער אײַנזאַמלונג פון אונדזער פאָלק פון זײַן צע־שפּרייטקײַט אין אַלע װעלט־טײלן, און ער זאָל אונדז פירן צו דעם לאַנד פון אונדזערע אבות.

אין דעם פּראַקטיקסטן טאָג אונדזערן, אין יום־כּפּור, שליסן מיר אונדזערע תפילות מיטן װוּנטש פון „לשנה הבאה בירושלים".

אין די תפילות דערמאָנען מיר אויך אונדזער גלאָררײַכער פאַר־גאַנגענהייט, בעת מיר זענען געזעסן אין אונדזער לאַנד. אויך דערמאָנען מיר דעם בית־המקדש און די קרבנות װאָס מען פלעגט אין אים מקריב־זײַן.

די תפילות זענען אפילו אײַנגעשטעלט לויט דער צײַט און דעם סדר פון די קרבנות און זיי זענען במקום־קרבנות. אויף אַלע ערד־טײלן, װוּ מיר זאָלן זיך ניט געפינען, זענען אונדזערע תפילות רעדאַקטירט לויט די סעזאָנען פון ארץ־ישראל. „משיב הרוח ומוריד הגשם" זאָגן מיר, טראָץ דעם װאָס אויף אונדזערע מקומות פאַלן אוים די צײַטן פון יאָר פונקט פאַרקערט. דאָס זעלבע איז מיטן „מוריד הטל". ביז הײַנט צו טאָג זאָגן מיר „תפילת גשם" אין סוכות און „טל" אין פּסח, און אונדזער געבעט באַציט זיך צו ארץ ישראל.

אַלע אונדזערע ימים־טובים דערמאָנען אונדז אין אונדזער לאַנד. פּסח — דעם „חג־האביב", דעם פרילינגס־יום־טוב פון ארץ־ישראל. שבועות — דעם „חג־הקציר", די שניט־צײַט און דעם „חג־הבכורים"; סכות — דעם „חג־האסיף"; די צײַט צװישן פּסח און שבועות — די ספירת־העומר" פון פאַרצײַטנס, װען מיר זענען געװען אַן ערד־אַרבעטער פאָלק אין אונדזער לאַנד, און ביז הײַנט צײלן מיר טאַקע דעריבער די „ספירה"־טעג. חמשה־עשר בשבט דערמאָנט אונדז דעם „ראש־חדש לאילנות", דעם נײַ־יאָר פון די בוימער אין ארץ ישראל.

אַלע מנהגים װאָס זענען פאַרבונדן מיט אונדזערע ימים־טובים פירן אונדז קײן ארץ־ישראל.

די גרינסן־באַפּוצונג אין שבועות — ווי אַ זכר פון דעם שניט־יום־טוב און פון די בכורים, וואָס עס פלעגן מאַכן אונדזערע אבות פּאַרצייַטנס. דאָס עסן מילכיקע מאכלים אין דעם דאָזיקן יום־טוב — ווי אַ סימבאָל פון „ארץ זבת חלב ודבש", אַ לאַנד וואָס טריפט מיט מילך און האָניק.

די פיר מינים אין סוכות — ווי די פאַרשטייער פון די פלאַנצן וואָס וואַקסן אין אונדזער לאַנד.

דאָס עסן ארץ־ישראל־פּרוכטן אין חמשה־עשר בשבט, פלעג דאָך אונדז אַרייַנברענגען דעם טעם פון ארץ ישראל אויף אַ גאַנץ יאָר.

דער שופר איז געבליבן ווי אַן אָנדענק פון דעם פאַרצייַטיקן טרומפּייט אין אונדזער לאַנד, און דער טלית, וואָס איז בייַ אונדז פאַרהייליקט געוואָרן, איז דאָך דאָס אויבער־קלייד וואָס אונדזערע אבות־אבותינו פלעגן טראָגן אין ארץ ישראל.

ביז איצט — די ימים־טובים. — און ווו זענען עס די טרויער־טעג?

—וואָס פאַרא פאָלק אויף דער וועלט, וואָס איז אָפּגעריסן פון זייַן לאַנד, יאָרטויזנטער, זאָל דערמאָנען דעם חורבן פון זייַן לאַנד אַזוי ווי אונדזער פאָלק?

—וואָס פאַרא פאָלק טרויערט יעדן טאָג און יעדע צייַט אויף דעם חורבן פון זייַן בית־המקדש, אַזוי ווי אונדזערס?

גאַנצע זיבן וואָכן פון „ספירה" האַלטן מיר זיך אָפּ פון שמחות, ווייַל די דאָזיקע טעג דערמאָנען אונדז, צווישן אַנדערעס, דעם חורבן־הארץ און דאָס פאַלן פון בר־כוכבא. די „דרייַ טרויער־וואָכן" זענען טעג פון שווערער אבלות צוליב דעם חורבן פון אונדזער לאַנד, אין וועלכע מיר האַלטן זיך אָפּ פון שמחות, און אַפילו פון עסן פלייש אין די לעצטע נייַן טעג.

—וואָס פאַרא פאָלק פאַסט נאָך הונדערטער יאָרן, אין דעם טאָג וואָס דער שונא האָט באַלאַגערט זייַן הויפּטשטאָט, אין דעם טאָג אין וועלכן עס זענען אייַנגעבראָכן געוואָרן אירע מויערן, אין דעם טאָג אין וועלכן עס איז צעשטערט געוואָרן זייַן בית־המקדש און אין דעם טאָג אין וועלכן עס איז פאַרלוירן געוואָרן זייַן לעצטע האָפנונג צו זעלבסט־

שטענדיקײַט, אַזוי ווי מיר טוען דאָס אין עשרה בטבת, שבעה-עשר בתמוז, תשעה-באב און צום-גדליה?

אין תשעה-באב האָבן מיר במשך דורות אָנגעזאָפּט די „מגילת-איכה" מיט אַזוי פיל בלוטיקע טרערן, אַז אַ פאַרגלײַך אין דער גאַנצער געשיכטע, אַזוי ווי עס וואָלט איצט, אין דעם דאָזיקן מאָמענט, אונדז געטראָפן דאָס אומגליק...

און ניט בלויז אין די באַשטימטע טרויער-טעג, נײַערט טאָג-אײַן טאָג-אויס האָבן מיר אָפּגעריכט „חצות", און מיר האָבן געלאָזט הערן אין דער נאַכט אַרײַן דעם געוויין און דעם וויטיק, וואָס האָט אַרויס-געשטראָמט פון אַ צעבראָכן האַרץ, אויף דעם חורבן פון אונדזער לאַנד און אונדזער הייליק הויז.

בשעת דעם חתונה-צערעמאָניאַל, בעת דער דאָזיקער אַזוי וויכטיקער געשעעניש אין אונדזער פּערזענלעך לעבן, צעברעכט מען אַ טעלער, ווי אַ זכר לחורבן, און מען ברענגט-אויף ירושלים „על ראש שמחתנו!".

פון דעם אויבנגעזאָגטן, קומט דעריבער אויס, אַז אַנשטאָט צו פאַרגעסן אונדזער לאַנד, האָט זיך דאָס לאַנד אײַנגעקריצט, אין פאַר-לויף פון אַלע אונדזערע גלות-יאָרן, נאָך מער אין אונדזער האַרץ און אין אונדזער נשמה.

עס איז אײַנגעזאַפּט געוואָרן אין אונדזער בלוט, געשטיגן אין אונדזערע אויגן, און אונדז געצויגן צו זיך מיט אַן אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט.

היוצא לנו מדברינו: אַז אונדזער גאַנצע גלות-געשיכטע איז אַ ציוניסטישע געשיכטע...

ג

דער בונד צווישן אונדזער פאָלק און ארץ-ישראל זעט אויס נאָך וווּנדערלעכער, ווען מיר ווייסן אַז דאָ האָט אונדזער פאָלק געלעבט לערך אַ קורצע צײַט. נאָך מער: אין דער צײַט וואָס מיר זענען דאָרט געווען, האָבן מיר שטענדיק געליטן, פון די אַרומיקע פעלקער, פון די

פעלקער וואָס זענען געבליבן צווישן אונדז נאָך כיבוש-הארץ, פון די אימפעריעס וואָס האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד און אין דעם גע־הערשט. חורבן נאָך חורבן, און אַ תקופה פון רו און שלום. אין דער אמת'ן, האָבן מיר ניט גענאָסן ניט פון אונדזער לאַנד און ניט אין אונדזער לאַנד, נאָר מיר האָבן בלויז געוווּסט פון ליידן.

דער מדרש זאָגט, אַז דריי זאַכן זענען אונדזער פאָלק געגעבן געוואָרן מיט יסורים און דאָס זענען: די תורה, ארץ־ישראל און עולם הבא. וואָס איז נוגע ארץ־ישראל איז דאָס אַ געשיכטלעכער פאַקט, אַז בלויז מיט יסורים האָבן מיר אין דעם געלעבט און צוליב דעם געליטן זייער אַ סך. און טראָץ דעם אַלעם האָט אונדזער הארץ שטענדיק געצויגן אַהינצו.

אַלס ביישפּיל אין דעם באַרימטן ציוניסטישן קאָנגרעס פון דער אוגאַנדאַ־דעבאַטע, האָבן דווקא געזיגט די „ציוני־ציון" און ניט די „ציוני־אוגאַנדאַ". אַזוי שטאַרק איז געווען דער ארץ־ישראל באַוואוסט־זיין אין אונדזער פאָלק!

דער מדרש זאָגט אויך, אַז ארץ־ישראל געפינט זיך „בטבור־הארץ", אין דעם צענטער פון דער וועלט. אָבער צוליב איר געאָגראַפישער פּאָ־זיציע, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון דער וועלט, אין אַ סטראַטע־גישן פּונקט אין מיטעלן מזרח, האָבן מיר טאַקע אַזוי פיל געליטן פון די עלטסטע צייטן אָן. עס וואָלט אפשר געווען אַ סך בעסער ווען מיר געפינען זיך ניט אין דעם צענטער פון דער וועלט, נאָר ווען מיר זיינען אַן „עם לבדד ישכון"...

אָבער צוליב דעם וואָס מיר זענען געווען אין דעם צענטער פון דער וועלט, האָבן מיר געקענט קומען אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע קולטורן, און מיר האָבן געקענט משפיע־זיין אויף זיי און אויף דער גאַנצער מענטשהייט, מיט אונדזער גייסט און מיט אונדזער אמונה. דעריבער זענען מיר טאַקע געווען די פאַרשפּרייטער פון דעם מאָנאָ־טעאיזם אויף דער וועלט. צוליב דעם זענען מיר געוואָרן אַ וועלט־פאָלק, מיט אַ וועלט־מיסיע, און עס איז דעריבער זיך נישט צום וווּנדערן אַז מיר זאָלן זיין די שעפערס פון די גרויסע רעליגיעס אויף דער וועלט,



...ארץ־ישראל געפינט זיך אין צענטער פון דעם ייִדישן פאָלק...

ווי דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם, און עס איז אויך קיין ווּנדער ניט וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט די „עשרת־הדברות", דעם תנ"ך, און די יסודות פון עטיק און מאָראַל. דעריבער איז אויך בײַ די גויים, ארץ־ישראל דאָס „הייליק לאַנד".

און אויב דער זאָג, אַז ארץ־ישראל געפינט זיך אין צענטער פון דער וועלט, איז בלויז אַ מדרש, איז איינס יאָ זיכער, און דאָס איז, אַז: ארץ־ישראל געפינט זיך אין צענטער פון דעם ייִדישן פאָלק, און מיט ייִדיש פאָלק מיינען מיר ניט בלויז די וואָס וווינען אין איר, נאָר אויך די וואָס וווינען חוץ־לארץ, דעם רב־מנין פון אונדזער פאָלק אין גלות.

יהודה הלוי זאָגט אין זײַן „כוזרי", אַז דאָס ייִדיש פאָלק איז דאָס הארץ פון דער וועלט. און אַזוי ווי דאָס הארץ, לײַדט מער ווי די אַנדערע קערפּער־טיילן, אַזוי לײַדט אונדזער פאָלק מער ווי די אַנדערע פעלקער.

דאָס זעלביקע געשעעט מיט ארץ־ישראל: דאָס איז דאָס הארץ פון עם־ישראל, און כאָטש עס האָט שטענדיק געליטן און אויך מיר האָבן צוליב דעם געליטן, ציט עס אונדז אַהין — ווײַל ווי אַזוי וועלן מיר לעבן אָן דעם הארץ? — צי קען מען דען בכלל לעבן אָן אַ הארץ?

און אין דער אמת'ן: אָן ארץ־ישראל וואָלטן מיר ניט עקזיסטירט. מיר האָבן אפשר ניט געלעבט אין ארץ־ישראל אָבער במשך אונדזער גלות האָבן מיר געלעבט מיט ארץ־ישראל. עס איז אַ פראַגע, אויב דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט געקענט לעבן צווישן די גרענעצן פון ארץ־ישראל, אָבער איין זאַך ווייסן מיר: אָן ארץ־ישראל וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געקענט עקזיסטירן!.

ד

אין פאַרלויף פון אונדזער לאַנגן גלות, האָבן ייִדן געשטראָמט, גרופּעסווײַז און אײנציקווײַז, צום הייליקן לאַנד, און עס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט דער עליה־שטראָם.

אַלע משיחישע באַוועגונגען האָבן געוואָלט פירן דאָס פאָלק קײַן

ארץ־ישראל. די חסידישע רביים, ווי דער בעל־שם טוב, ר׳ נחמן בראַצ־לעווער, זענען געפאָרן און האָבן געהאָפן זייערע חסידים עולה-צו זיין קיין ארץ־ישראל. אויך מקובלים, פון אַלע וועלט-עקן זענען געקומען אַהינצו, כדי צו דערנענטערן די גאולה...

און עס זענען געווען אַ סך פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, וואָס אויב זיי האָבן ניט זוכה־געווען צו וווינען אין דעם הייליקן לאַנד, זענען זיי עולה־געווען דאָרט צו שטאַרבן, אמווייניקסטן. און אין פאַל זיי האָבן די דאַזיקע שטרעבונג אויך ניט געקענט פאַרווירקלעכן, האָבן זיי זיך באַמיט צו קריגן אַביסל ארץ־ישראל־ערד כדי צו באַדעקן דערמיט זייערע קברים.

דער משיחישער געדאַנק איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, און אַזוי אויך דער געדאַנק פון „תחית־המתים“. אַפילו די מתים „יתחוללו מקבריהם“, וועלן זיך איבערקייקלען פון זייערע קברים קיין ארץ־ישראל...

הערצל האָט געשריבן אין זיין „יידנשטאַט“, אַז פריער וועלן זיך אומקערן צו זייער לאַנד די אָרעמע יידן, די האָפנונגסלאָזע, די וואָס האָבן גאָרניט אָנצווערן אין זייערע גלות־ערטער. אמת, אַז אַ סך פון די האָבן זיך צוריקגעקערט און וועלן זיך צוריקקערן אַהין, אָבער עס איז וווּנדערבאַר דער פאַקט, אַז אויך אַ סך רייכע יידן און אַזעלכע וואָס האָבן פאַרנומען הויכע פּאָזיציעס האָבן געשטרעבט עולה-צו זיין און זענען טאַקע עולה־געווען קיין ארץ־ישראל.

מיר וועלן נעמען אַלס ביישפּיל יוסף הצדיק: ער איז דאָך געווען אַ שני־למלך, אַ מושל אין מצרים, און טראָץ דעם האָט ער אָנגעזאָגט, פאַר זיין טויט, אויפצובּרענגען זיינע ביינער קיין ארץ־ישראל, כאָטש ער איז אין מצרים געווען אַ גדול־בארץ, און מען וואָלט אויף זיין קבר געווים געווען אויפגעבויט אַ פּיראַמיד אָדער אַן אַנדערע געהויבענע מצבה.

משה רבנו, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין פּרעה׳ס פּאַלאַץ און איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מצרי׳שער בן־מלך, האָט פאַרלאָזט זיין גאַנצע פּראַכט און איז געגאַנגען מיט זיינע ברידער, די שקלאַפן, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ו ן

יהודה הלוי, וואָס איז געווען אַ מיניסטער אין דעם שפּאַנישן קעניגרײַך, האָט געלאָזט זײַן היכן פּאָסטן, זײַנע קרובים און זײַן משפּחה און איז עולה־געווען קײַן ארץ־ישראל, אין זײַן שטאַרקן באַגער אויס־צוקושן דעם שטויב פון דעם הייליקן לאַנד. זײַן זאָג: „איך בין אין מערב און מײַן האַרץ איז אין מזרח" כאַראַקטעריזירט דאָך אונדזער גאַנצן גלות־לעבן: מיר זענען אין גלות, אין מערב, אין פיזישן זין, אָבער מיט אונדזער האַרץ און מיט אונדזער גאַנצן גײַסטיקן וועזן זענען מיר שטענדיק געווען אין מזרח, אין ארץ־ישראל.

הערצל, וואָס איז געווען אַן אָנערקענטער ווינער שרײַבער, וועמענס דראַמעס זענען אויפגעפירט געוואָרן אין עסטרײַכישן קייזערלעכן טעאַ־טער, און וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער דאָרטיקער אַריסטאָקראַטיע, האָט דווקא געשטרעבט צו פירן זײַן דערדריקט פאָלק, וואָס געניסט ניט פון גלײַכבאַרעכטיקונג און ווערט אומעטום גע'רודפ'ט, קײַן „פּאַלעסטינע", און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אין זײַנע לעצטע לעבנס־יאָרן בלויז דעם ציוניסטישן רעיון.

און אין אונדזער עפּאָכע, האָבן די חלוצים, קינדער פון רײַכע היימען אין גלות, פּראָפעסיאָנאַלן מיט אַ פאַרזיכערטער שטראַלנדיקער צוקונפט, פאַרלאָזט זייערע היימען און זענען געקומען קײַן ארץ־ישראל, באַאַרבעטן די ערד און טריקענען זומפּן. און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן ניט נאָר אַ פּויערישע אינטעליגענץ נאָר אַן אינטעליגענט פּויערטום אין ארץ־ישראל, וואָס האָט ניט זײַן גלײַכן אויף דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ וווּנדערלעכע זאַך! מיר זענען דאָך מיט דעם, אַפילו בלויז דערמיט אַליין אַן „אתה־בחרתנו"־פאָלק, און ניט „ככל הגויים", ווי אַלע פעלקער. און ארץ־ישראל, מיט איר גרויסער צוציאונגס־קראַפט איז ניט ווי אַלע לענדער!...

ה

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז אין גלות האָבן מיר געלעבט אַן ארץ־ישראל'דיקן לעבן, אַ יידיש, און

דווקא אין ארץ־ישראל האָבן מיר געלעבט אַ גלות'דיקן לעבן, אַ פּרעמדס. מיר ווילן זיך באַמיען דאָס צו דערקלערן:

כאָטש מיר האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל, ווי מיר האָבן דאָס אויבן געזאָגט, לערך בלויז אַ קורצע צייט, איז דאָס געגוג געווען מיר זאָלן מיט אונדז מיטנעמען אין גלות די „אווירה" פון ארץ־ישראל, און איר גייסט. דעריבער איז אונדזער ייִדישקייט אין גלות געווען אַן ארץ־ישראל'דיקע, אַן ייִדישערע.

אין גלות האָבן מיר זיך ניט אַסימילירט (מיר רעדן דאָ וועגן די ייִדישע קבוצים ווי פאָלקס־טיילן, און ניט וועגן יחידים) ניט געביטן אונדזער גלויבן און ניט פאַרוואָרפן דעם ייִדישן שטייגער־לעבן און די ייִדישע מנהגים.

נאָך אין מצרים, דערציילט אונדז דער מדרש, האָבן מיר ניט געביטן אונדזערע נעמען און אונדזער לשון, וואָס דאָס זענען די בולטסטע און ערשטע אַסימילאַציע־צייכנס. און מיר האָבן דעריבער זוכה־געווען צו יציאת־מצרים. און אַזוי איז געווען במשך דעם גאַנצן גלות.

ניט אַזוי איז געווען אין אונדזער לאַנד. דווקא דאָ, האָבן מיר צייטנווייז, געדינט דער „עבודה זרה" און מיר זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַרומיקע ווי פון ווייטערע פעלקער. דאָס הייסט, אַז דווקא דאָ, אין דעם הייליקן לאַנד אַריין האָבן מיר אַריינגעבראַכט די גויאישקייט, די השפעה פון דעם גלות.

בשעת מיר האָבן גענומען אין גלות די ארץ־ישראל'דיקייט, און האָבן דאָרט אויסגעפורעמט אין דעם דאָזיקן גייסט אונדזער גאַנץ לעבן האָבן מיר אַריינגעפירט קיין ארץ־ישראל דעם גלות־גייסט די גויאישקייט, און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַסימילירן. דעריבער האָט מען אונדז נאָך פאַרן אַריינקומען קיין ארץ־ישראל געוואָרנט, אַז „בחוקותיהם לא תלכו", אין זייערע געזעצן (פון די גויים) זאָלט איר ניט גיין.

קיין ארץ־ישראל האָבן מיר אַריינגעפירט דעם כנעניזם, דעם העלעניזם, דעם אַראַמיזם וכיוצא מהם.

אין די טעג פון עזרא און נחמיה איז מען געווען געצוווּנגען צו דערקלערן די תורה פאַר דעם המון־העם אויף אַראַמיש, דורך איבער־

זעצערס, ווײַל דאָס פֿאָלק האָט דאַן ניט פֿאַרשטאַנען קיין העברעאיש. חוץ לזה, איז מען אויך געווען געצוואונגען צו מגרש־זײַן די פֿרויען וואָס זיי האָבן זיך גענומען פֿון פֿרעמדע פֿעלקער.

אויך מיט פֿרעמדע נעמען האָבן זיך די ייִדן גערופֿן אין ארץ־ישראל. אפֿילו צווישן די תנאים, די פֿאָלקס־לערער, טרעפֿן מיר אָן פֿרעמדע נעמען (אַנטיגנוס א. א.).

עס קומט דעריבער אויס, אַז צו „שירת־ה׳‟, ג־טס געזאַנג, האָבן מיר געזונגען „על אדמת־נכר‟, אויף פֿרעמדער ערד, אין גלות, און די „שירת־נכר‟, דאָס פֿרעמד געזאַנג, „על אדמת־ה׳‟, אויף ג־טס ערד, אין ארץ־ישראל.

ווען מיר וואָלטן זיך אין גלות געווען אַסימילירט אין אונדזער גײַסט, אַזוי ווי אין ארץ־ישראל, וואָלטן מיר געווען פֿאַרלוירן געגאַנגען. אין ארץ־ישראל, אַז מיר האָבן זיך אַסימילירט, האָבן מיר לפּחות גע־פֿילט אַ באָדן און אַן אָנהאַלט אונטער אונדזערע פֿיס, אָבער אין גלות, ווען נישט אונדזער אמת׳ער און אָריגינעלער ייִדישקייט, וואָלטן מיר פֿאַרשוווּנדן פֿון דער ערד־פֿלאַך.

עס וועט אונדז דעריבער, נאָך דעם אויבנגעזאָגטן איצט זײַן פֿאַר־שטענדלעך, אַז אַלע ריזיקע שאַפֿונגען פֿון דעם ייִדנטום זענען דווקא געשאַפֿן געוואָרן אין גלות. אָט למשל: די צען געבאָט זענען אונדז געגעבן געוואָרן אין מדבר, פֿאַר אונדזער אַרײַנקומען אין לאַנד, און אין מדבר האָט מען אונדז שוין געלערנט אַפֿילו די געזעצן וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט „לקט‟, „שכחה‟, „פּאה‟ א. א.

בכלל, ווערן אַלע געזעצגעבונגען פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער, געשאַפֿן אין די לענדער גופא, נאָכדעם ווי דאָס פֿאָלק פֿאַרפֿעסטיקט זיך דאָרטן. א ו נ ד ז איז די תורה געגעבן און געלערנט געוואָרן פֿאַר דעם. (אין מדבר, פֿאַרן אַרײַנקומען אין לאַנד).

טיילן פֿון תנ״ך זענען געשאַפֿן געוואָרן אין גלות. דער תלמוד וואָס ווערט לרוב געלערנט ביז הײַנט צו טאָג איז דווקא דער „תלמוד בבלי‟, און ניט דער „ירושלמי‟. די מיטלאַלטערלעכע העברעאישע ליטעראַטור איז אין רוב געשאַפֿן געוואָרן אין גלות. די גרעסטע דיכטער, ווי יהודה

הלוי, גבירול, ביאַליק, א. א. זענען אויפגעקומען אין גלות. די גרויסע יידישע גייסט־ און וויסנשאַפט־מענער, ווי דער רמב״ם, רש״י, די פּוסקים, די מפרשים, דער ווילנער גאון א. א. זענען געבוירן געוואָרן אין גלות.

אין גלות האָט דאָס יידנטום באַקומען זיין געשטאַלטונג.

אין בבל און אין פּוילן האָט מען געלערנט די תורה און אירע דינים מערער ווי אין ארץ־ישראל. דווקא אין גלות איז, געשאַפן געוואָרן „שמחת־תורה״.

און אויב מיר האָבן אין גלות ניט גערעדט די העברעאישע שפּראַך, האָבן מיר זי אָבער אויף אַזוי פיל געלערנט, אַז זי זאָל בלייבן אַזוי לעבעדיק אין אונדזער האַרץ און אין אונדזער מוח, כדי מיר זאָלן זי קענען אויפלעבן בעת אונדזער צוריקקער אין לאַנד. ווען נישט דאָס, וואָלט די העברעאישע שפּראַך פאַרגעסן געוואָרן, אַזוי ווי עס האָט געטראָפן, אין אַ קורצער צייט, אין ארץ־ישראל, אין די טעג פון עזרא און נחמיה, צום ביישפּיל.

היוצא מדברינו: אַז מיר האָבן אַריינגעבראַכט ציון אין גלות. און אויב „כי מציון תצא תורה״, איז די תורה אַרויס פון דעם ציון וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדז, אין אונדזער יידיש לעבן אין גלות. לויט דעם קומט אויס, אַז ארץ־ישראל איז ניט בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף, נאָר אַ גייסטיקער און ציון איז ניט נאָר אַ פּאָליטישער סימבאָל, נייערט אַ סימבאָל פון גייסט און פון יידישקייט.

ווען מיר דעריבער פאַרשטיין בעסער הערצלס זאָג, אַז „דאָס צוריקקערן זיך צו יידישקייט איז פאַר דעם צוריקקער צום ציוניזם״.

מיר האָבן ניט געלעבט אין גלות בלויז צוליב דער געאָגראַפישער ארץ־ישראל, נאָר צוליב דעם גייסטיקן ציון וואָס מיר האָבן אין אונדז אַריינגעפירט אין גלות.

דעריבער האָבן די דאָזיקע צוויי זייטן פון **ציוניזם: די געאָגראַ־פישע** און די גייסטיקע, אונדז פאַרמיטן פון אַסימילאַציע און פון אונטערגאַנג און אין אונדז אַריינגעגעבן אַ נשמת־חיים, אַ לעבנס־נשמה.

צײַטמאָטיוון

ו

און אויב מיר זאָלן אַפילו זאָגן, אַז ארץ־ישראל איז בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף, איז זי אין דעם דאָזיקן זין אויך ניט אַזוי באַגרענעצט און ענג, און זי פאַרנעמט ניט בלויז דעם באַגרענעצטן שטח וואָס איז אָנגעצייכנט אויף דער מאַפּע, נײַערט זי איז אַ סך גרעסער, הונדערטפאַכיק גרעסער, ווײַל זי ציט זיך צו אַלע פנות העולם, ווו עס לעבט אַפילו בלויז איין ייִד. נמשל צו שפינוועבס: די שפין זיצט אין צענטער און שיקט אירע פעדעמער אין אַלע זײַטן אַרום איר.

אין גלות האָבן מיר אַפילו געלערנט די דינים וואָס זענען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, ווי די מסכתא „זרעים“ און אַלע דינים וואָס זענען נוגע די אַגריקולטור פון אונדזער לאַנד, כאָטש מיר האָבן ניט געהאַט קײַן פראַקטישע נוצן אין לעבן, און מיר האָבן זיך אַזוי אַרום פאַרבונדן מיט דער געאָגראַפישער ארץ־ישראל. (—וואָס פאַרא פאָלק לערנט אַזעלכע זאַכן, נאָך יאָרטויזנטער זײַן אָפּגעריסן פון זײַן לאַנד?).

פון דעם תנ״ך האָבן מיר געלערנט און געקענט דאָס גאַנצע לאַנד, פון דן ביז באר־שבע. די ימים־טובים דערמאָנען אונדז דעם חג־האביב, חג־הקציר, חג־הבכורים, חג־האסיף, טל, גשם, „ראש־חדש לאלנות“ א. א. וו. דאָס אַלץ האָט אין אונדז געשאַפן אַ סינטעז פון תורה און אַגריקולטור. אַ גײַסטיקע אַגריקולטור, ווי מען פאַרשטייט, טראָץ דעם וואָס מיר זענען יאָרטויזנטער געווען דערווײַטעט פון ערד־אַרבעט. דעריבער, וועלן מיר פאַרשטיין ווי עס האָט זיך בײַ אונדז אויפגעהיטן במשך אונדזער גאַנצן גלות, דער אַגריקולטור־גײַסט און אַ בענקשאַפט צוריקצוקערן זיך צו ערד־אַרבעט. און דאָ איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס צוריקקערן זיך צום לאַנד, מיינט צוריקקערן זיך צו ערד־אַרבעט, אַזוי ווי דאָס צוריקקערן זיך צום ציוניזם, מיינט (לויט הערצל) צוריקקערן זיך צו ייִדישקייט.

צוזאַמען דערמיט וואָס מיר האָבן אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער גלות־לעבן דעם גײַסטיקן ציון, וואָס מיר האָבן געשאַפן ירושלימס אין

אַלע אונזערע ווינקלענדער, ווי „ירושלים דליטא“, ירושלים דארגנטינה“ א. א., וואָס יעדער געטאָ איז געווען אַ ציון אין מיניאַטור און יעדע שול — אַ „מקדש מעט“, צוזאַמען מיט דעם אַלעם, האָבן מיר אויך אויפגעהיטן בײַ אונדז דעם געאָגראַפישן ציון, ווי מיר האָבן געזאָגט, דעם אַגריקולטור־גײַסט, דעם גײַסט פון אונדזער ערד.

ווײַל ציון איז אַ סינאָנים פון ייִדישקײַט („כי מציון תצא תורה“), פון ישראל־גײַסט, און אויך פון אַגריקולטור, פון ערד־גײַסט.

און די ייִדן האָבן אויפגעהיטן דעם דאָזיקן צווייִדײַטיקן ציון אין זייער גלות. זיי האָבן מקיים געווען גענצלעך דעם געבאָט פון „ונשמרתם מאד לנפשותיכם“: זיי האָבן אָפּגעהיט דעם ייִדישן נפש, דעם ציונים־טישן, און דעריבער האָבן זיי זיך ניט אַסימילירט און זיך ניט דער־ווײַטערט פון ציון, און האָבן זוכה־געווען צו עקזיסטירן ביז הײַנטיקן טאָג, און צו דערלעבן צו דער תקופה פון מדינת־ישראל.

ז

עס שטייט אין מדרש, אַז ווען מען וואָלט דעם אויבערשטן געגעבן אויסצוקלײַבן צווישן דער תורה און צווישן ישראל, וואָלט ער אויס־געקליבן ישראל.

— כלפּי וואָס האָבן מיר זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן זאָג?

כלפּי ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל איז אַזוי טײַער און דערהויבן ווײַל זי פאַרמאָגט די טײַערסטע און גרעסטע זאַך אויף דער וועלט, און דאָס איז עם ישראל!

דאָס איז דאָס לאַנד פון ישראל, פון דעם פאָלק וואָס דער אויבער־שטער אַליין האָט אויסגעקליבן און אויף וועלכן עס הערשט זײַן גײַסט.

כשמו כן הוא, אַזוי ווי זײַן נאָמען, אַזוי איז עס: ישר־אל (דעריבער דאַרף אויך אויפן לאַנד הערשן זײַן גײַסט) דאָס הייסט, וואָס די מאָראַל און די מידות טובות הערשן בײַ אים.

צ ײַ ט ט מ אָ ט י ו ו ן

ארץ־ישראל געפינט זיך אין צענטער פון דעם פאָלק, אין אַלע תפוצות־ישראל, און זי איז אײַנגעזאַפּט אין זײַן בלוט און אין זײַן נשמה. נמשל צו אַ ראָד: אויב מען פאַרניכטעט דעם צענטער אָדער די דראָטן וואָס ציען זיך פון אים אויף אַלע זײַטן ארום, האָט דער ראָד קיין קיום ניט.

— אַ פאָלק וואָס איז אַזוי געטריי זײַן לאַנד, טראָגט אַלע יסורים, טראָגט דער לאַנגער צײַט, טראָגט אַלעם!...

— אַ פאָלק וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט זײַן לאַנד, אַז מען קען ניט צווישנשיידן צווישן ביידן, טראָגט דעם פינצטערן גלות! (אפילו דער טערמין „גלות" איז לגבי ארץ־ישראל. „גלינו מארצנו", מיר זענען פ א ר ט ר י ב ן ג ע ו ו אָ ר ן פון אונדזער לאַנד, און ניט, מיר האָבן זי פאַרלאָזט) עס איז געבליבן אין אים וואָך די ליבשאַפט און די טרײַשאַפט צו דעם.

און דאָס לאַנד שיקט אַלע קינדער פון איר פאָלק, אין אַלע וועלט־עקן, אירע ליכט־שטראַלן . . .

ווײַל: א ר ץ ־ י ש ר א ל ו ע ם י ש ר א ל ח ד ה ו א!
און אַזוי אויך:

א ר ץ ־ י ש ר א ל ו ג ל ו ת ־ י ש ר א ל ח ד ה ו א!!!

נשמה-ראַנגלעניש פון היינטצייטיקן ייד

אַמאָל איז דאָס ייִדנטום און דאָס ייִדישקייט געווען גאַנץ, איינ־הייטלעך און איינציקאַרטיק. סיי אין זיין אויסערלעכקייט ווי אין זיין אינערלעך לעבן, האָט מען דערקענט אַ ייִד. אין זיין אַרט לעבן, אין זיינע פירונגען, אין זיין שפּראַך און באַנעמונג, אין אַלץ האָט זיך געשטעמפּלט זיין כאַראַקטעריסטיק אַלס ייִד.

זיין טאָג־טעגלעכקייט ווי זיין יום־טוב, איז געווען איין רינג פון אַ פּערמאַנענטער ייִדישקייט־קייט, לויט וועלכער ער האָט אויסגעפור־רעמט זיין לעבן, געפונען זיין וועג און אויף דעם געטראָטן אַלע טעג פון זיין דאָ־זיין אויף דער וועלט. ייִדישקייט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גאַנצקייט, צו וועלכער עס איז געווען צוגעשמידט זיין גאַנץ וועזן, דורכגעווייקט זיין נשמה און דורכגעדרונגען מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים. אַן אויסגעטראָטענער וועג דורך דורות און אַן אויס־געשמידטע קייט דורך יאָרהונדערטער.

האָט מען אַמאָל גערעדט וועגן ייִדן, האָט מען געוווּסט ווער דאָס זיינען, האָט מען זיך באַצויגן צו אַ ספּעציפישן אייגנאַרטיקן מענטשן־שיכט, וואָס פירט זיך לויט אַ באַשטימטער רעגלאַמענטירטער לעבנס־אַרט, וואָס איז אים בלויז אייגן און איז לגמרי פרעמד פאַר אַנדערע. אַ לעבן וואָס איז פעסטגעשטעלט לויט נאָרמעס, לויט תרי״ג מצוות. און זיין אַ ייִד האָט געהייסן אויסלעבן זיך לויט דעם שלחן ערוך, און זיין

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

אַ גוטער ייִד, האָט געמיינט מקיים־זײַן פּינקטלעכער אַ וואָס גרעסערע צאָל מצוות, מיט מער כוונה און הארץ. דער יעניקער וואָס האָט זיך ניט אײַנגעשפּאַנט אין דעם דאָזיקן מצוות־עול, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַפּיקורס, אַן אָפּנויגער, אַ פּושע־ישראל און אין ערגסטן פאַל ווי אַן אַפּטריניקער.

איז טאַקע געווען „שווער צו זײַן אַ ייִד", און דערפאַר האָבן זיך ווייניק ניט־ייִדן מגייר־געווען. מען האָט דעריבער געוואָרנט אַזאַ איינעם זיך גוט צו באַטראַכטן, איידער ער נעמט אָן אַזאַ דעצידירנדיקן שריט, ווײַל דאָס איז ניט בלויז אַ פאָרמעלער איבערגאַנג פון איין גלויבן צו אַ צווייטן, נאָר דאָס באַדײַט נעמען אויף זיך אַ זייער שווערן יאָך, וואָס דאַרף פּינקטלעך אויסגעפירט און אויסגעפילט ווערן, און נאָר אַ ייִד, וואָס איז שוין, אַזוי צו זאָגן, אויסגעבילדעט און אויסגעשולט אין דער לעבנס־שול פון ייִדישקײַט, איז מסוגל אַזאַ לאַסט צו טראָגן אויף זײַנע פּלייצעס.

אַפילו אַנטיסעמיטן און בכלל ניט־ייִדן, אַז זיי האָבן געדאַרפט פאָרשטעלן אַ ייִד, האָבן זיי אים אָפּגעמאָלט מיט אַ באָרד און פּיאות, מיט זײַנע העוויות און פּירונגען, מיט זײַנע זיטן און אָרט־לעבן.

דאָס ייִדישע פאָלק האָט, אַלזאָ, פאַרגעשטעלט מיט זיך איין כאַראַקטעריסטישע גאַנצקײַט, איז געווען סײַ אויסערלעך ווי אינערלעך איינהייטלעך און איינציקאַרטיק און האָט זיך אויסגעטיילט פון צווישן אַנדערע פעלקער.

און די נשמה פון דעם ייִדן, איז אַדאַנק אָט דער גאַנצקײַט אויך געווען גאַנץ, און ער האָט געגאָסן פון גליקזעליקײַט. דער גוף איז פיל מאָל געווען צעבראָכן, פיזיש האָט ער שטאַרק געליטן, אָבער גײַסטיק איז ער געווען אַ פּרינץ. ער האָט געהאַט בטחון, האָפענונג. האָט ער ניט געהאַט עולם־הזה, האָט ער געגלייבט אין עולם־הבא. איז אים געווען שווער און ביטער, האָט ער געהאָפט און געוואַרט אויף משיח'ן. אַזוי אַלע ייִדן: איין לעבנס־ שטייגער, איין קולטור, איין אידעאַל, איין שפּראַך האָט זיי פאַרבונדן, פאַראייניקט און אויסגעשטאַלטיקט זייער גײַסטיקן פּרצוף. פאַר דער דאָזיקער ייִדישקײַט האָט ער זיך אײַנגע־

שטעלט, ניט געוואָלט מוותר־זײַן אויף קײן האָר, זיך מקריב־געווען און איז אַפילו געגאַנגען אויף קידוש־השם.

אָבער הײַנט איז דאָס ייִדנטום און דאָס ייִדישקײַט גאַנץ אַנדערש. עס איז ניט גאַנץ, ניט אײנהײַטלעך און ניט אײנציקאַרטיק. עס איז ניט ענלעך אײן ייִד צום אַנדערן, ניט אויסערלעך און ניט אינערלעך. עס בינדט ניט צו אַלע ייִדן צו אײן און דעם זעלבן שטײגער־לעבן, צו אײן און דערזעלבער שפּראַך, צו דער זעלבער קולטור צו דער זעלבער ייִדישקײַט.

ווען מען זאָל וועלן הײַנט אָנווײַזן, וואָס עס איז אַ ייִד, וואָלט מען ניט געקענט. אין בעסטן פאַל, וואָלט מען געקענט אָנווײַזן אויף אַ גרויסער צאָל טיפּן ייִדן, וואָס זײער קוואַנטיטעט וואָלט זיך גאָרניט אויסגעשעפּט, אָבער ניט אויף אַ באַשטימטן כאַראַקטעריסטישן טיפּ, אויף וועלכן מען זאָל קענען אָנצײַגן: — אָט דאָס איז אַ ייִד!

אַפילו די אַנטיסעמיטן און סתם ניט־ייִדן, וואָלטן זײער אַ שווערע מערכה געהאַט, ווען זײ דאַרפן הײַנט פאָרשטעלן אַ ייִדן. יעדנפאַלס, וואָלט יעדער אַנטיסעמיט אים פאָרגעשטעלט אַנדערש, לויט זײַנע באַקאַנטע ייִדן, ווײַל קײן אײנהײטלעכער טיפּ ייִד איז הײַנט ניט פאַראַן.

מיר האָבן ניט הײַנט אײן סאָרט ייִדן און אײן סאָרט ייִדישקײַט, נאָך אַ סך, זײער אַ סך טיפּן ייִדן און אַזױפיל מינים ייִדישקײַטן, וואָס האַלטן זיך אין אײן מערן פון טאָג צו טאָג.

פאַראַן אַ פילפעלקערדיקײַט אין אונדזער אײגן פאָלק.

מיר מײנען דאָס ניט אין געאָגראַפישן זין, נאָר אין דעם גײַסטיקן. אַזוי קענען מיר אויסרעכענען פרומע ייִדן און פרײַדענקערישע ייִדן, לינקע און רעכטע, טראַדיציאָנעלע און וועלטלעכע, ציוניסטישע און „פּראָגרעסיווע", קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע.

— וועלכע איז דאָס ריכטיקע ייִדישקײַט? — וואָס הײסט הײַנט זײַן אַ גוטער ייִד? אַז מען האָט אַמאָל, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, ניט געהאַלטן פון ייִדישקײַט, איז מען געווען אַן אַפּיקורס. האָט מען ניט מקיים געווען דעם שלחן ערוך, איז מען געווען אַ פּושע־ישראל. הײַנט קען דאָס ניט גילטן. הײַנט זענען קײנע אַפּקורסים און קײנע

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

„פושעי"-ישראל" ניט פאראַן, ווייל היינט גילט ניט דער אַמאָליקער שלחן־ערוך, וואָס איז געווען דער איינציקער אין דעם ייִדישן לעבן, נאָר אַ סך שלחן־ערוך׳ס. יעדע שטרעמונג מיט איר קאָדעקס, יעדע פּאַרטיי מיט אירע נאָרמעס. יעדע רעליגיעזע פּראַקטיק מיט איר געזעצגעבונג. היט מען ניט אָפּ איין שלחן־ערוך, היט מען אַ צווייטן, און יעדער איינער, איז אַ ייִד, און נאָך אַ גוטער ייִד לויט זיין געשמאַק, לויט זיין פאַר־שטאַנד און לויט זיין אינטערפּרעטאַציע.

איז מען ניט קיין רעליגיעזער ייִד, איז מען אַ וועלטלעכער, איז מען אַ נאַציאָנאַלער, איז מען אַ „פּראָגרעסיווער", איז מען אַ הארץ־ ייִד (מיטן הארצן), איז מען אַ ייִדישיסטישער ייִד, איז מען אַ העברעי־ איסטישער ייִד, איז מען אַ רעפאָרמירטער ייִד, איז מען אַ כנענישער ייִד, און נאָך און נאָך.

און איז מען שוין אַ רעליגיעזער ייִד, קען מען זיין אַן אָרטאָ־ דאָקסישער, אָדער אַ קאָנסערוואַטיווער ייִד, צי גאָר אַ רעפאָרמירטער. אַלץ הייסט זיין אַ ייִד און אַלץ הייסט ייִדישקייט.

אַמאָל האָט געקענט זיין אַן אונטערשייד צווישן אַ מתנגדישן רב און אַ חסידישן רב אין זייערע תנועות, אין דעם נוסח־התפילה, אין זייערע העוויות, אָבער די גרונט־פּרינציפּן פון ייִדישקייט זענען דאָך געווען איינע און די זעלביקע פאַרביידע. היינט פאַרמאָגן מיר אַן אָרטאָ־ דאָקסישן רב, מיט אַ באָרד און פּיאות, וואָס פירט זיך און פּסקנט לויט דעם אַלטן דורות׳דיקן שטייגער־לעבן און אַ רעפאָרמירטן ראַביי, וואָס גייט אָן אַ היטל, שיין־גלאַט ראַזירט, האַלט זונטיק פאַרן יום־השבת א. ד. ג.

צו וואָס פאַרא ייִדישקייט מען געהערט איז גוט. ניט פאַראַן היינט, ווי געזאָגט, קיין אַפּקורסים אָדער פּושעי־ישראל, אָדער אַפּטרייניקער, נאָר טאָלעראַנץ פון איין ייִד צום אַנדערן.

עס איז אויך פאַראַן אַ סענטימענט־ייִדישקייט, אַ קעשענע־ייִדיש־ קייט, אַ סימפּאַטיע־ייִדישקייט, אַ סימבאָלישע ייִדישקייט.

מיט אַ ביישטייערונג פאַר אַ קאַמפּיין איז מען שוין אַ גוטער ייִד, מעג מען ניט רעדן קיין ייִדיש, ניט שיקן אַ קינד אין אַ ייִדישער שולע,

ניט פירן קײן ייִדישן שטײגער־לעבן וכדומה. מיט אויסדריקן װאָרעמע געפילן פאַר דער ייִדישער זאַך, קאָן מען זײַן אַ װאָרעמער ייִד א. א. וו.

ס'איז הײַנט, פֿאָלגלעך, לײַכט צו זײַן אַ ייִד. װען מען װאָלט הײַנט געװאָלט מגייר־זײַן ניט ־ייִדן, װאָלט מען עס זײער אָבער זײער לײַכט געקענט טאָן. ממש אױגנבליקלעך, מיט אײן „שמע ישראל" (אָדער גאָר אָן אַ „שמע ישראל") (מיט אײן בײַשטײַערונג אָדער אײן סענטימענט־אויסדרוק פאַר ייִדן און געגנוג...).

— איז, אַז מען װיל זיך פֿאָרשטעלן, װי אַזױ עס איז אויסערלעך און אינערלעך אַ ייִד, װי קען מען דאָס באַהױפּטן? און אַז מען זאָגט הײַנט אויף אײנעם, אַז ער איז אַ ייִד, און נאָך דערצו אַ גוטער ייִד, װעמען מײנט מען און װאָס מײנט דאָס צו זאָגן?

— אָדער, אַז מען װיל דעפינירן אַן ישראלדיקן ייִד, װעמען זאָל מען נעמען אַלס מוסטער? — אַ פרײַדענקערישן קבוצניק, צי אַ פרומען מאה־שערים'ניק, צי אַ נטורי־קרתא'ניק, אָדער גאָר אַ ייִדישן מ"קי (קאָמוניסט)? דאָ גײט אונדז זיכער ניט אין דער פּאַרטײאישער אײַנ־שטעלונג פון יעדן אײנעם פון זײ, נאָר אין זײער גײַסטיקער אומ־אײנהײַטלעכקײַט און אומפאַרגלײַכהײַט, אין די קעגנזאַצן און סתירות אין זײער אַרט־לעבן, אויסערלעך װי אינערלעך, אין זײער ייִדישער באַנעמונג, ייִדישער אָנשױאונג, ייִדישער געדאַנקען־גאַנג און אין זײער ייִדישקײַט־אינטערפּרעטאַציע און אויספירונג.

עס איז ממש אַ כאָאָס. יעדער ייִד איז אַ שפּליטער. און יעדער שפּליטער איז אויך ניט גאַנץ מיט זיך. אַזױ זעען מיר, װי װעלטלעכע ייִדישקײַט שמעקט מיט רעליגיע, אָרטאָדאָקסישע ייִדישקײַט מיט פאַר־װעלטלעכקײַט, נאַציאָנאַלע ייִדישקײַט מיט בנעלישקײַט, קעשענע־ייִדיש־קײַט מיט פאַרגױישקײַט, סענטימענט־ייִדישקײַט מיט אַסימילאַציע א. א. וו. א. א. וו.

— איז װאָס הײסט הײַנט זײַן אַ ייִד, און דערצו נאָך אַ גוטער ייִד, אַז עס זענען פאַראַן, כ'לעבן, צענדליקער מינים ייִדישקײַטן, װאָס יעדע אײנע איז כשר און גילטיק, און טאָמער געפעלט אײַך ניט קײן אײנע פון זײ, קענט איר זיך דערפינדן אַ שפּאָגל־נײַע ייִדישקײַט, לױט אײַער אײגענעם גוסט און געשמאַק?

מרדכי הערבסט

אַמאָל, האָבן מיר ביים אָנפאַנג געזאָגט, האָט אַ ייִד געלעבט לויט פעסטגעזעצטע נאָרמען, מצוות, וואָס ער האָט אויף זיי ניט געוואָלט מוותר זיין אויף קיין שפּאַן, ניט געוואָלט זיי טוישן, און איז געווען גרייט מקריב זיך זיין און גיין פאַר זיי על קידוש־השם. — אָבער היינט, אויף וועלכער יידישקייט זאָל מען מקדש־השם־זיין, אַז מען קען מוותר־זיין אויף איין סאָרט יידישקייט און גלייך איבערגיין צו דער צווייטער, אַז מען קען טוישן איינער אויף דער אַנדערער, און זיין דער זעלבער פיינער גוטער ייִד?

מען קען שווין לייכט פאַרשטיין, וואָס פאַראַ גייסטיקן כאַאָס עס שטעלט מיט זיך פאָר היינט דאָס יידישע פאָלק, און וויפל בלאָנדזשעניש, נשמה־בלאָנדזשעניש, דאָס פאַראורזאַכט דעם היינטצייטיקן ייד, איבער־הויפּט, דער יידישער יוגנט, וואָס זוכט אַ וועג אין יידישן לעבן.

די אַמאָליקע איינהייטלעכע און גאַנצע יידישקייט, האָבן מיר גע־זאָגט, האָט געגעבן גייסטיקע רו, גליקזעליקייט דעם פאַרצייטיקן ייִד. אָבער היינט, גיט אונדז די נשמה־צעשפּליטערטקייט ניט קיין רו, מיר געניסן ניט פון קיין גליקזעליקייט און עס פעלט אונדז אינטעגריטעט.

דער גייסט איז צעשפּליטערט, און, פאָלגלעך, איז דאָס געמיט דענערווירט.

אַמאָל, ווען דאָס יידישע לעבן איז געווען גאַנץ, האָט מען געהאַט גלויבן בטחון. היינט האָט מען דאָס ניט. אויב אַמאָל, אין שלעכטע צייטן, האָט מען געהאָפט אויף עולם־הבא צי גאָר געוואַרט אויף משיחן, נעסטעט ניט איין דער היינטצייטיקער ייד אַזעלכע האָפענונגען און דערוואַר־טונגען.

מיר לעבן היינט אין אַ צייט פון איבערגאַנג. דאָס אויפרייסן און צעשטערן, אין אונדזער דור, די אַלטע יידישקייט־מויערן פון יאָרהונ־דערטער, האָט ווי אַ באָמבע אויך אויפגעריסן און צעשפּליטערט אונדזער גאַנץ לעבן, צעריסן אונדזער נשמה אויף שטיקלעך און זי צעטרייסלט.

מיר זענען היינט צעטיילט, אָפּגעטיילט, איינגעטיילט אין גייס־טיקער איינשטעלונג און אינטערפּרעטאַציע פון יידישקייט. מיט אונדזער גייסט שטעקן מיר נאָך אין די אייראָפּעאישע אַלטע היימען, מיר זוכן



...וויפל נשמה־בלאָנדזשענישן, דאָס פאַראורזאַכט דער
ייִדישער יוגנט וואָס זוכט אַ וועג אין יידישן לעבן...

צײַטמאָטיוון

אַ נײַעם וועג און זענען דערוויַיל, אַלס פֿאָלק, פֿאַרמלאָז, פֿילאַרטיק, פֿילפֿעלקערדיק, כאַאָטיש און האָבן נאָך ניט קיין נײַעם נאַציאָנאַלן גײַסטיקן פּרצוף, קײַן נײַע כאַראַקטעריסטיק.

מיר, דער דור פֿון הײַנטיקער איבערגאַנגס־צײַט, זענען בכן ניט קײַן פּריווילעגירטער דור, ניט קײַן גאַנצער, נאָר אַ בבל'דיקער, וואָס איינער פֿאַרשטייט ניט דעם צווייטן, אַ צעשוווּמענער, אַ פֿאָרמלאָזער, מיט נשמה־ראַנגלעניש און בלאָנדזשעניש.

די נשמה ווערט דעריבער געוואָרפֿן פֿון איין שטרעמונג צו דער צווייטער, און ווייסט ניט ווּ צו בלײַבן. און אַז מען וויל שוין, אין בעסטן פֿאַל, מאַכן אַ סינטעז פֿון אַלע סאָרטן ייִדישקײַטן, איז דאָס אויך ניט קײַן גאַנצע ייִדישקײַט, נאָר אַ צונויפֿגעשטוקעוועטע ייִדישקײַט, אַ געלאַטעטע מיט פֿיל־קאָלירנדיקע לאַטעס. דאָס הײַנטיקע ייִדישקײַט, איז דעריבער ניט קײַן עכטס, ניט קײַן אידעאַלס און ניט קײַן דווערהאַפֿטס. עס איז אַן ענדערבאַרס, אַן איבערגאַנגבאַרס און אַ טױשבאַרס.

עס וועט מוזן באַקומען צוריק אַ תּיקון, אַ פּרצוף, אַ פֿאָרם. עס וועט מוזן אויסגעקנאָטן ווערן, גאַנץ ווערן, פֿאַראיינהײַטלעכט, פֿאַר־איינציקאַרטיקט ווערן און באַקומען אַ כאַראַקטעריסטישן דערקען־צייכן.

מיר זענען זיכער, אַז די קומענדיקע דורות וועלן זיך ניט אָנשטויסן אויף אַזעלכע נשמה־ראַנגלעניש און בלאָנדזשעניש, נאָר וועלן ווידער צוגעשמידט ווערן צו אַ גאַנצער און עכטער ייִדישקײַט, ווי זי זאָל דאָן ניט אויסזען. ווידער וועט זײַן איין גאַנץ פֿאָלק. מען וועט קענען דער־קענען און כאַראַקטעריזירן אַ ייִד, סײַ אויסערלעך, סײַ אין זײַן אינער־לעכן גײַסטיק און אַרט לעבן.

—ווער וועט דורכפֿירן אָט די אויפֿגאַבע, פֿון אויסשמידן פֿון אַלע שפּליטערן איין גאַנצקײַט, און פֿון דער פֿילפֿעלקערדיקײַט — איין פֿאָלק?
— ווער וועט גאַנץ מאַכן די ייִדישע נשמה?

די צ ײ ט, די אייביקע שמידערן פֿון דעם מענטשן, וועט, האָפֿנטלעך, אויך זײַן די וואָס וועט פֿאַראייניקן, פֿאַראיינהײַטלעכן און פֿאַראיינ־ציקאַרטיקן אונדזער געאָגראַפֿיש צעשפּרייט און גײַסטיק צעשפּליטערט פֿאָלק.

פאַרקריפּלטע טראַדיציע

טראַדיציע איז, כּידוע, דער קען־צייכן פון אַ פאָלק, זיין אייגנאַרט, זיין נוסח, זיין באַנעם. מיט איין וואָרט: זיין גייסטיקער פּרצוף.

אין איר איז איינגעפאַסט די נשמה פון אַ פאָלק, זיין אופן פון דענקען, זיינע מידות און זיינע געפילן, וואָס בילדן די פאַרשיידענע ניואַנסן פון זיין כאַראַקטער.

אויף איר זענען אויך אָפּגעשטעמפּלט די שפּורן פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן אויסגעפורעמט דאָס פאָלק און געלאָזט אויף אים זייער חותם אויף דור־דורות.

דעריבער איז טראַדיציע דער אייביקער אינספּיראַציע־קוואַל פון אַ פאָלק, זיין באַוווּרקנדיקע קראַפט און בינדנדיקע אייניקייט. דאָס איז דער וואָרצל וואָס פאַרפלעכט און נערט אים מיט זיינע דורות׳דיקע זאַפטן, וואָס קרעפטיקט און באַלעבט אים.

דאָס ייִדיש פאָלק איז אין דעם זין אַ טראַדיציע־מאַגנאַט. יעדער טריט און שריט אין זיין לעבן איז פאַרבונדן מיט טראַדיציע. זי איז די טאָג־טעגלעכע באַגלייטערן וואָס פילט אָן זיין אינהאַלט. יעדע טוּאונג און אונטערנעמונג ציען זייער יניקה פון איר. דאָס איז דער קוואַל פון זיינע עכטסטע עמאָציעס און איבערלעבונגען.

מיט טראַדיציע איז דאָס ייִדיש פאָלק אָרגאַניש צוזאַמען־געלעבט. דאָס איז זיין פּערמאַנענטע אָטעם־לופט און שטענדיקע גייסטיקע שפּייז.

דעריבער איז דער ייִד געווען אַזוי ענג געקנופּט במשך יאָרטויזנ־טער מיט טראַדיציע, זיך מקריב־געווען פאַר איר, אויב נויטיק׳ און אויך אַ דאַנק איר אַרוים נשמה־גאַנץ פון אַזוי פיל לווירנדיקע געפאַרן אויף זײַן לאַנגן וואַנדער־וועג.

און דאָ קען מען מיט רעכט פּאַראַפראַזירן אחד־העם׳ס זאָג, אַז: מער וויפל דער ייִד האָט אָפּגעהיטן זײַן טראַדיציע, האָט די טראַדיציע אים אָפּגעהיטן, בעסער געזאָגט פ אַ ר ה י ט ן. אָפּגעהיטן זײַן גאַנצקייט, און פאַרהיטן אים פון פאַרפרעמדונג און אָפּדאַרונג פון דעם פאָלקס גוף, פון אַסימילאַציע און פאַרשווינדונג אַלס ייִד. ,

*

*   *

דאָס אַלץ קומט אונדז אויפן זינען בײַם צוקוקן זיך ווי אונדזער טראַדיציע ווערט, ביודעים, ובלא יודעים, פאַרקריפּלט און געפעלשט. ווי יענע טיף איבערגעלעבטע און עכט־נשמה׳דיקע מאָמענטן פון דער־הויבנקײַט, וואָס דער אמת׳ער טראַדיציאָנעלער ייִד האָט בײַם אָפּהיטן זײַן לעבנס־שטייגער, פאַרלירן זייער עכטקייט אין „סימבאָלישע" נאָכ־געמאַכטקייטן און קינסטלעכע געפילן וואָס מען פילט דערבײַ.

דער אמת׳ער טראַדיציאָנעלער ייִד פילט דאָך׳ לעבט דאָך איבער׳ האָט אַן ענג רוחני, ווערט באַהערשט פון עכטע עמאָציעס בײַם אָפּהיטן זײַנע מנהגים כתקונם.

דאַקעגן יענע פאַרקריפּלער און צעדרייער פון די אמת׳ע פאָלקס־טראַדיציעס, די פאַבריצירער פון אַרטיפיציעלער „טראַדיציע", מוזן, נאַטירלעך, בײַם דורכפירן זייערע „צערעמאָניעס" לויטן אייגענעם אויס־געטראַכטן און צוגעמאָסטענעם שלחן־ערוך, אויך פילן דערבײַ קינסט־לעכע עמאָציעס, אַרטיפיציעלע איבערלעבונגען און געפיללאָזן פאַרגעניגן.

אַזאַ מין פּסעוודאָ־טראַדיציע איז לגבי דער אמת׳ער, ווי אַ שאָטן פון דער זעלבער, וואָס איז אי טונקל און פאַרבלאַסט ווי אַ שאָטן קען נאָר זײַן, אי רידיקולעז און צעצויגן ווי אַ שאָטן קען דאָס אויך זײַן בײַם אָננעמען פאַרשידענע דיספּראָפּאָרציאָנירטע פאָרמען.



...דעריבער איז דער ייִד געווען אַזוי ענג געקנופּט
במשך יאָרטויזנטער מיט טראַדיציע...

צ יי ט מ א ט י ו ן

אזא פעלשונג אין דער אריגינעלער פאלקס־טראדיציע ברענגט אריין אומאויפריכטיקייט, וואס דאס מיינט היפאקריטיע׳ חוזק׳ פארמאסקירונג וכיוצא מזה.

און לאמיר באגרינדן דאס אויבנגעזאגטע מיט א רייע קלארע באווייזן׳ וואס באשטעטיקן זיך אין אונדזער געזעלשאפט.

אט לאמיר נעמען פאר א ביישפיל די „ענג־שבת׳ן" אדער „קבלת שבת׳ן" וואס געוויסע יוגנט־ארגאניזאציעס פאראנשטאלטן, אויף וועלכע מען צינדט אן... פרייטיק צו נאכט ליכט אלס סימבאלישער אויסדרוק פון... שבת, מען גיט א פיאנא־קאנצערט און מען האלט א „שיחה" איבער א וואכעדיקער טעמע ..

אפשר פילן די אנטיילנעמער פון אזא „ענג־שבת" אן ענג, אבער פון שבת האט אזא פאראנשטאלטונג אבסאלוט גארניט. און אז מען נעמט דאס נאך פארגלייכן צו דעם אמת׳ן שבת, לויט דעם אמת׳ן צערעמאניאל, צו דער פייערלעכקייט פון דעם פרייטיק־צונאכטיקן דאווענען, דעם „לכה דודי", דעם „רזא דשבת", דעם „שלום עליכם", די שבת׳דיקע זמירות׳ די שבת׳דיקע רו׳ דאס ניט טאן קיין פארבאטענע ארבעט, ווי למשל אנצינדן ליכט אום שבת׳ שפילן פיאנא וכדומה, דאס פארטיפן זיך אין גייסטיקע ענינים, דאס געפיל אז דער שבת איז אן אויסנאם פון דער גאנצער וואך, א דערהויבענער און געהייליקטער טאג, די, אזוי צו זאגן, נשמה פון דער וואך, דאן דערשיינען די אויבנגעשילדערטע „ענג־שבת׳ן" ווי סקעלעטן פון א לעבעדיקער און דערהויבענער טראדיציע.

און לאמיר ברענגען נאך ביישפילן:

אט לאמיר נעמען דעם יום־טוב פסח, מיט זיין קאלירפולן ריטואל, מיט זיין חג עוודיקן קאלאריט, מיט דעם אייגנארטיקן סדר וואס לאזט איבער אומאפמעקבארע צייכנס אויף אונדזער געמיט, ביים דורכפירן אים יידישלעך, אזוי ווי ער איז געבאטן געווארן.

די סדרים וואלטן געדארפט ארגאניזאציעס און פארטייען, וועמענס מיטגלידער, אין זייער מערהייט, פירן זיי ניט דורך אינדערהיים, דורכפירן קאלעקטיוו אויף א יידישן שטייגער. אנשטאט דאס צו טאן, כדי

זייערע מיטגלידער זאָלן פילן דעם מקור׳דיקן טעם פון דעם יום־טוב, האָט מען „דערפונדן" אַ צוגאָב־סדר, גערופן אַ „דריטן סדר", ווי עס וואָלטן ווינציק געווען די ערשטע צוויי סדרים וואָס מען פּראַוועט ניט. און געשאַפן דערמיט אַן „אָריגינעלן" נדחה אָן אַ באַזונדערן מאָטיוו און באַגרינדונג, ווו מען מאַכט אַן אייגענעם קידוש, צוגעפּראַוועט מיט אַ וואָכעדיקער הגדה, וואָס הויבט זיך אָן מיט „עבדים היינו" און ענדיקט זיך מיט... אַ קאָמערציעלן אַנאָנס פון אַ פוטער־געשעפט, באַקניידלט מיט אַ טעאַטער־אויפפירונג פון די „ארבעה בנים", באַהנדלט מיט אַ סאַטירע וועגן די „פּראָגרעסיווע" יידן און פאַרענדיקט מיט אַ פּאַרטייאישן „בענטשן" פאַר די חסדים און אויפטוען פון דער באַטרעפנדיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שוין זוכה־געווען צו פּראַוועןן אַזויפיל און אַזויפיל מאָל דעם „דריטן סדר"...

— און וואָס איז נוגע די שבועות־סעודות און אַקטן וואָס ווערן דורכגעפירט צוויי־דריי וואָכן נאָך דעם יום־טוב, ווי משה רבנו וואָלט פאַרשפּעטיקט זיי צו געבן די תורה...? היינט דער אינהאַלט פון אַזעלכע אָוונטן, זייער „גלאַנץ", זייער טעם!... עס איז איבעריק צו שרייבן וועגן דעם. דאָס איז דאָך יעדן רעכט־דענקענדיקן און יידיש־פילנדיקן מענטשן באַוווּסט.

און די סכות־אַקטן, צו וועלכע מען ברענגט אַראָפּ אַ מאַסגעבנדיקן רעדנער, וואָס דערקלערט דעם גאַנצן באַדייט און די היסטאָרישע אַנטשטייאונג פון דעם יום־טוב, אָבער צו קיין סכות מאַכן קומט דאָס ניט.

— און ווו זענען די פּורים־בעלער? — ווער ווייסט דען ניט ווי „הייליק" אַזעלכע בעלער, וואָס זענען אַפילו אין דער מגילה ניט בנמצא, זענען געוואָרן ביי אונדזערע נאַציאָנאַלע עסקנים, אַז דאָס ניט בייזיין אויף זיי ווערט באַטראַכט ממש פאַר אַן אומפאַרצייַלעכע בגידה קעגן דער „פאָלקס־טראַדיציע".

צו קומען צו דער מגילה און טאַקע טרעטן המנ׳ען לאָזן זיי איבער פאַר די שוואַכע פּיס פון די געציילטע פרומע זקנים וואָס פאַרזאַמלען זיך אין שול. כאָטש פון די „המן־טאַשן" האַלטן זיי גאָר שטאַרק און הייסן זיך דערלאַנגען אין „באַר קאָמערסיאַל"... אָבער חלילה פון ניט

צײַטמאַטיוון

קומען אויפֿן באַל וואָס זיי אָרדענען אײַן אין אַ מאָנאַט אַרום, אויף וועלכן מען ווײַלט אויס אַן „אסתר המלכה" און אַ „מיס..." און נאָך אַ „מיס" און מען טאַנצט פֿאַרשטעלט מיט מאַסקעס, ווי דער ייִדישער „קאַרנאַוואַל" פֿאָדערט דאָס. אגב, פֿון פֿאַרשטעלן זיך האַלטן זיי ביז גאָר...

יאָ, ווײַל לאָמיר דאָס אויסשרײַען גאָר אָפֿן, ניט דאַרפֿנדיק אָנקומען צו נאָך פֿיל בײַשפּילן פֿון אַזאַ חוזק-געמאַכטער ייִדישקייט, אַז דאָס איז אַ פֿאַרשטעלטע טראַדיציע, אַ פֿאַרדרייטע, אַ געפּעלשטע, אַ פֿאַרקריפּלטע, אַ פֿאַרפֿרעמדטע און אַ גרונטלאָזע.

אַזאַ „מין" טראַדיציע קען ניט „קאָנקורירן" מיט דער שלחן-ערוך'דיקער, קען ניט אינספּירירן, באַלעבן, קרעפֿטיקן און דערנערן דעם גײַסט. אַזאַ סאָרט טראַדיציע קען קײַן עמאָציעס ניט אַרויסרופֿן, קײַנע געפֿילן, אויסער די פֿון ווידערווילן און אָפּשטויס פֿון די אמת'ע היטער פֿון דער אמת'ער ייִדישער טראַדיציע.

דאָס איז אַ פֿעלשונג פֿון אַ דורות'דיקן אויסגעציטערטן און מיט פּיעטעט אָפּגעהיטענעם שטייגער פֿון אונדזערע פֿאָרגענגער, פֿון אונדזערע זיידעס און באָבעס, פֿון אַ מיט קרבנות- און מסירות-נפש אויפֿגעהיטענעם אָרט-לעבן, וואָס איז אויסגעוועפּט פֿון עכטן ייִדישן אינהאַלט און באַנעמונג.

אַזאַ טראַדיציע איז ווי אַ פּאַפּירענע בלום, אָן דופֿט און אָן לעבנסזאַפֿט, נאָר בלויז אַ נאָכמאַכונג פֿון אַ בלום.

דאָס דאַרפֿן פֿאַרשטיין די אַלע וואָס פּראַקטיצירן אַזאַ ייִדישקייט. זיי דאַרפֿן אָוועקוואַרפֿן אַלע „סימבאָלישע" פּירונגען און אַלע נאָכקרימונגען וואָס קוועלן ניט אַרויס פֿון די אורשפּרינגלעכע מקורות פֿון דער ייִדישער טראַדיציע, און זיך אומקערן צו דעם לעבעדיקן, דערהויבענעם, גאַנצן און קאָליר־פֿולן ייִדישן שטייגער. צו אָט יענער טראַדיציע וואָס האָט אונדז אינספּירירט, געקרעפֿטיקט, גענערט, אויפֿגעהאַלטן, אָפּגעהיטן און אויפֿגעהיטן.

דאַן וועט אונדזער לעבן זײַן שענער, אויפֿריכטיקער, אינהאַלטסרײַכער, דערהויבענער. מיט איין וואָרט: ייִדישער.

די שבת'דיקע תפילות

ווער עס וויל וויסן וואָס עס איז שבת, זיין וויכטיקייט, זיין מהות, זאָל אַ בלעטער טאָן אין דעם סידור און זיך איינלייענען אין זיינע תפילות, ווייל אין זיי וועט ער געפינען די נשמה פון פאָלק און די נשמה פון דעם שבת.

פון דער דאָזיקער דערהויבענער שירה, וואָס לייכט אַרויס פון דעם שוואַרצן פייער פון אירע אותיות, וועט ער איינזאַפּן דעם פאָלקס־גייסט. וועט ער אויסהערן דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ, וועט ער אַרויספילן די טיפעניש פון זיין נשמה.

ער וועט זיך איבערצייגן אַז אין שבת רוט בלויז דער גוף, אָבער נים דער גייסט. די נשמה און דאָס האַרץ, זיי „אַרבעטן" אום שבת, דערוועקן שטרעבונגען, בענקשאַפטן, ליבשאַפט, זכרונות, ברכות. און דאָס אַלץ מתוך התרוממות־נפש, נשמה יתרה, שמחה, מנוחה, קדושה...

*

* *

דער ייִד נעמט־אויף דעם שבת מיט ליבשאַפט, מיט שירה. אַ שירה וואָס קוועלט אַרויס פון ליבשאַפט און אַ ליבשאַפט וואָס פליסט פון

שירה. דעריבער איז דער פתיחת־דבר ערב־שבת ביי „מנחה", „שיר־השירים", א ליבעס־געזאנג צווישן דער כנסת־ישראל און הקדוש ברוך־הוא. און די ליבע איז אזוי שטארק אין דעם ייִדנס הארץ, ביז ער גייט איבער צו „ידיד־נפש" און דא צעפלאקערט זי זיך אויף אזוי פיל, אז „נפשי חולת אהבתך" „מיין נשמה איז קראנק פון דיין ליבשאפט", און ער בענקט צו זען די פראכט פון זיין שטארקייט.

נאך דעם ליבשאפט־„פרוזדור", פאדער־צימער, גייט אריין דער ייִד צום „טרקלין", דעם זאל, פון דער תפילה: „לכו נרננה". דער נשמה־אויסגוס פון דעם „נעים־זמירות ישראל" שטראמט ארויס פון זיין מויל דורך אייניקע קאפיטלעך פון „תהילים", ביז עס באפאלט אים א גרויסע שמחה, די פרייד פון א חתן וואס איז מקבל די כלה, און מיט התלהבות רופט ער צו איר אוים: „באי כלה", קום כלה! און די כלה איז מלא־חן ווי א מלכה („שבת מלכתא").

בעת דער דאזיקער דערהויבנקייט רייסט זיך ארויס פון זיין מויל „מזמור שיר ליום השבת, טוב להודות לה'" „א געזאנג פון יום־השבת, עס איז גוט צו דאנקען ג־ט". יא, ער איז איבערפולט מיט דאנקבארקייט, דער ייִד, פאר די דאזיקע געהויבענע מאמענטן. און אט דערמאנט ער זיך אין דעם פערטן געבאט פון די „עשרת הדברות" „ושמרו בני־ישראל את השבת" און פילט דערביי די קדושה פון דעם שבת („אתה קדשת את יום־השביעי") און די גרויסקייט פון דעם דאזיקן טאג, וואס איז באשאפן און געבאטן געווארן אויף אפצוהיטן, און איז געהייליקט און געבענטשט געווארן נאך פון ששת־ימי בראשית, ווייל „ויברך אלקים את יום־השביעי ויקדש אותו כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלקים לעשות", „און געבענטשט האט ג־ט דעם זיבעטן טאג און אים געהייליקט, ווייל אין אים האט ער גערוט פון זיין גאנצער ארבעט וואס ג־ט האט באשאפן", און דעריבער איז ער זיך אין אים משמח און פארברענגט ווי עס שטייט געשריבן „ישמחו במלכותך שומרי־שבת וקוראי־ענג" און ער בעט מיט כוונה: „אלקינו ואלקי־אבותינו רצה נא במנוחתנו" און ער דערציילט וועגן ג־טס גרויסקייט וואס איז „מגן אבות בדברו" און ער איז „הוא האל שאין כמהו, המניח לעמו ביום

...דאָס איז זײַן פֿרוים אַרבעט, און אַ לויב־געזאַנג
שפּאַרט אַרויס פֿון זײַן מויל: „אשת־חיל מי ימצא...

שבת קדשו" „דער ג־ט וואָס עס איז געשטאַ אַזוי ווי ער, ער גיט רו זײַן פאָלק אין זײַן הייליקן שבת" און דעריבער „לפניו נעבד ביראה ופחד ונודה לשמו" „וועלן מיר אים דינען מיט מורא און פחד און דאַנ־קען צו זײַן נאָמען"...

*

*   *

מיט פרייד גייט ער אהיים, נאָכן אויסגיסן זײַן תפילה אין שול. און דאָ טרעפט ער אָן חשוב'ע און אנגענעמע געסט, ג־טס מלאכים, און ער גיט זיי אַ ווארעמען און הארציקן „שלום עליכם". ער ווייסט, אַז אויך דער רבונו של עולם האָט אים ליב, אַזוי ווי ער האָט ליב דעם אויבערשטן, און דעריבער האָט ער אים געשיקט מלאכים אים צו בענטשן („ברכוני לשלום") און צו היטן („כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכ'ך"). ער באַגלייט אַרוים זײַנע געסט בשלום און גרייט זיך צו דער שבת'דיקער סעודה.

אַ ליכטיקייט און אַ זויבערקייט איז אויסגעגאָסן איבער דער שטוב, און אַן אנגענעמער ריח פון מטעמים לאָזט זיך פילן. ער דערמאָנט זיך אַז דאָס איז זײַן פרוים אַרבעט און אַ לויב־געזאַנג שפּאַרט אַרוים פון זײַן מויל: „אשת חיל מי ימצא".

ער מאַכט קידוש אויפן ווײַן און פילט ג־טס ידידות: "כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים ושבת קדשך באהבה וברצון הנחלתנו". „וואָרום אונדז האָסטו אויסגעקליבן און אונדז האָסטו געהייליקט פון אַלע פעלקער און דײַן הייליקן שבת מיט ליבשאַפט און ווילן־אונדז געמאַכט אַרבן", איז דעריבער „ברוך אתה ה' מקדש השבת", „געבענטשט ביסטו ג־ט, וואָס דו הייליקסט דעם שבת".

ער איז מקיים די מצווה פון סעודת־שבת און מיט גוטסקייט אויפן האַרצן זינגט ער „כל מקדש שביעי" און ווייסט אַז „כל שומר שבת כדת

מחללו שכרו הרבה מאד", „אז ווער עס היט דעם שבת ווי עס באדארף צו זיין, אים ניט צו פארשוועכן, איז זיין שכר גרויס".

א צופרידענער און א זאטער איז ער מסיים דעם „קבלת שבת" מיט „ברכת־המזון" און ער דריקט אויס זיין באגער צו א „יום שכלו שבת ומנוחה לחיי העולמים" „צו דעם אייביקן טאג פון שבת און מנוחה".

*

*   *

דער ייד קען אין זיין תפילה ניט פארגעסן אין ציון און ער בעט זיך און פרעגט: „מתי תמלך בציון", „ווען וועסטו, ג־טניו שוין קעניגן אין ציון", און ער האפט און איז זיכער אז „בקרוב בימינו לעולם ועד תשכון", „אינגיכן אין אונדזערע טעג, וועט אויף אייביק רוען דיין שכינה" (אין ציון).

ביים דערמאנען זיך אין ציון, דערוואכט אין אים זיין נאציאנאלער באוווסטזיין און ער איז שטאלץ וואס דעם שבת „לא נתת לגויי הארצות, כי לישראל עמך נתת" „האסטו ניט געגעבן די פעלקער פון די לענדער, נאר ישראל, דיין פאלק, האסטו אים געגעבן". זיין נשמה איז אין דער דאזיקער ווייל פארבונדן מיט כלל־ישראל. ער דערמאנט די „קהלות־הקדש שמסרו את נפשם על קדושת השם", ער בעט ג־ט, ער זאל בענטשן די הייליקע קהילות און „את כל העוסקים בצרכי־צבור באמונה". ער ברענגט־אויף אין זיין זכרון — אין בענקשאפט — דעם שטראלנדיקן עבר פון זיין פאלק: „תכנת שבת רצית קרבנותיה" און איין פארלאנג טראגט ער אין הארצן: „שתעלנו בשמחה לארצנו ותטענו בגבולנו", „זאלסט אונדז אויפברענגען מיט פרייד אין אונדזער לאנד און אונדז פארפלאנצן אין אונדזערע גרענעצן", כדי מיר זאלן „נעשה ונקריב לפניך באהבה".

צ ײַ ט מ מ אָ ט י ו ן

ער פֿאַרענדיקט די תּפֿילת־„מוסף“ מיטן „שיר הכבוד“, וואָס דערציילט וועגן דער גרויסקייט פֿון ג־ט און זײַן פּעולה און ער באַמיט זיך „שיערב נא שיחי עליך, כי נפשי תערג אליך“ „עס זאָל דיר זײַן מײַן תּפֿילה אָנגענעם, ווײַל מײַן נשמה בענקט נאָך דיר“.

בײַ דער סעודה בענטשט ער און לויבט ווידער דעם אייבערשטן מיט די זמירות „ברוך אל עליון אשר נתן מנוחה“, „געבענטשט איז דער אויבערשטער וואָס האָט געגעבן מנוחה“.

בײַ מנחה, נאָך אַ טאָג פֿון גײַסטיקן פֿאַרגעניגן, איידער דער שבת ניט אַוועק, ווײַל ער רעזומירן זײַנע אײַנדרוקן וועגן דעם הייליקן טאָג מיט די דאָזיקע ווערטער: „מנוחת־אהבה ונדבה, מנוחת־אמת ואמונה, מנוחת־שלום ושלוה, והשקט ובטח, מנוחה שלמה שאתה רוצה בה“.

*

* *

די זון פֿאַרגייט, די פֿינצטערניש לאָזט זיך אַראָפּ, דער שבת פֿאַרשווינדט...

די וואָך דריקט ווידער, די צרות קערן זיך אום. ווידעראַמאָל פֿילט זיך דער גלות, און דאַן צאַפּלט זיך דעם ייִדנס נשמה אין אָט דעם זמר: „אליהו הנביא... במהרה יבא אלינו עם משיח בן דוד“...

אַרטיקלען

די הייליקייט פון דעם יידיש וואָרט

דאָס יידיש פאָלק איז דאָס פאָלק פון וואָרט, פון דערהויבענעם און געלייטערטן וואָרט, וואָס האָט דאָס דערהויבן און אויסגעצייכנט צווישן אנדערע פעלקער.

מיטן וואָרט מיינען מיר סיי דאָס גערעדטע און סיי דאָס געשריבענע, און ביידע זיינען פון תמיד אָן אָנגעזאַפּט געוואָרן און געלערנט אונז און דער וועלט מיט יידישער עטיק, מאָראַל, קדושה וטהרה.

דאָס מינדלעכע וואָרט איז באַצייכנט געוואָרן ממש ווי דאָס אייגנטום פון אונזער פאָלק, ווי עס דריקט זיך אַמבולטסטן אויס אין „הקול קול יעקב" און דאָס שריפטלעכע וואָרט איז אונדזער קנין און קען־צייכן אין דער וועלט, אַ דאַנק וועלכעס מיר זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס „עם הספר".

אין די ביידע וואָרט־פאָרמען זיינען מיר געשטיגן צו אַ ריזיקער הויך, אויספורעמענדיק די מאָנומענטאַלע און אייביקע ווערק: די „תורה שבכתב" און די „תורה שבעל פה".

דאָס וואָרט האָט אונז באַגלייט אויף אַלע אונזערע וואַנדער־וועגן, און דאָרטן אונז געשטאַרקט און געמוטיקט, געוואָרעמט, באַלויכטן, אויפגעהאַלטן אונזער פאָלקס־גאַנצקייט און אָפּגעהיטן אונזער האָפענונגס־גלי.

פאַרן יידישן וואָרט האָבן מיר זיך דאָך געלאָזט ברענען און טויטן, אויסגעשטאַנען די שווערסטע רדיפות און פורעניות.

מ ר ד כ י   ה ע ר ב ס ט

ס'איז דאָך באַקאַנט דער מאַרטירער עפּיזאָד וועגן ר' חנינא בן יונס קידוש־השם־טויט, בעת ער האָט געברענט איינגעוויקלט אין א ספר־תורה, האָט ער פאַרן אויסהויכן זיין הייליקע נשמה, זיך אויס־געדריקט אז ער זעט ווי דער ספר ווערט פאַרברענט, אָבער די אותיות שוועבן אין דער לופט.

—ווי האָט מען דען אזא פיעטעטפולע און יראת־הכבודיקע באַציאונג און דרך־ארץ צום וואָרט, צום ספר, ווי ביי אונז יידן?

—אוו נאָך טאַנצט מען מיט א ספר־תורה ווי מיט א פאָלקס־כלה, קושט מען דעם ספר ווען ער פאַלט אַראָפּ, פאַסט מען אויך ביי געוויסע אזעלכע פאַלן?

—ווו נאָך שרייבט מען אָן אין א בריוו דעם טאָג־דאַטום, אָנגעבנ־דיק די וואָך־סדרה? ביי וועלכן פאָלק האָט די יוגנט געלאָזט אירע פריי־לינגס־יאָרן טאָג און נאַכט אין התמדהשן לימוד, ווי ביי אונז יידן?

—אין וועלכן אָרט האָבן פרויען איינגעווייקט מיט אזויפיל טרערן ספרים, ווי אונזערע פרומע באָבעס? — וואָס פאַרא ספרים פון אַנדערע פעלקער זיינען דורכגעבריט געוואָרן מיט אזעלכע זודיק־זויערע טרערן ווי אונזער „מגילת־איכה“? — און וואָס פאַרא מזמורים זיינען אויף דער גאַנצער וועלט אזוי פיל געזאָגט און געזונגען געוואָרן, געטייטשט און ציטירט געוואָרן ווי אונזערע תהילים?

אונזער וואָרט האָט דאָך אונז געלערנט און געאיידלט, אויסגע־שמידט און געקרעפטיקט, געשאַרפט אונזער מוח און געלייטערט אונזער געדאַנק און געפיל.

לויט דעם וואָרט דערקענט מען דעם מענטשן, זיינע געדאַנקען, זיינע געפילן, זיין דערציאונג. לויטן וואָרט דערקענט מען אויך די לי־טעראַטור.

דאָס וואָרט איז דאָך דער קען־צייכן פון דעם מענטשן, דער גרעסטער אוצר און דער באַהערשנדיקער כוח צווישן זיינער צווישן די איבעריקע באַ־שעפענישן אין דער נאַטור.

איז דאָך מער ווי פאַרשטענדלעך, אז וואָס ריינער און הייליקער עס איז דאָס וואָרט, אַלץ ריינער און הייליקער איז דער מענטש; וואָס

עטישער און געהויבענער עס איז דאָס וואָרט, אַלץ עטישער און געהויבענער איז דער מענטש. וואָס צניעותדיקער און מאָראַלישער עס איז דאָס גלײַכן איז דאָס דער מענטש.

און דאַקעגן, וואָס נידעריקער, וואָס פאַרשוועכטער, וואָס אומצניעותדיקער עס איז דאָס וואָרט — אַזוי ווירקט דאָס אויך אין דעם זין אויפן מענטשן.

דעריבער האָט מען שוין פון לאַנג אָנגעזאָגט אונזערע חכמים, די פאָלקס־לערער: „הזהרו בדבריכם", זײַט געהיט מיט אײַערע רייד, ווײַל די קראַפט פון וואָרט איז אפשר די מעכטיקסטע קראַפט וואָס מענטשן פאַרמאָגן און אַנשטאָט צו ברענגען נוצן דערמיט, קען מען חלילה ברענגען אומגליק און צעשטערונג.

דערפאַר האָט די ליטעראַטור אַ הייליקע מיסיע: צו דערציען, צו לערנען, צו איידעלען, צו דערהויבן; דעריבער דאַרף זי זיך נוצן מיט איידלקייט, מיט דערהויבענע ווערטער, מיט די ריינסטע געדאַנקען־אויסדרוקן. ווײַל ווען זי וועט דאָס אַזוי נישט טאָן, וועט זי האָבן אַ קעגנווירקנדיקע השפעה. דאָס וואָרט איז דעריבער אַ דעליקאַטער דערציאונגס־אינסטרומענט פון דער מענטשהײַט, וואָס מוז גענוצט ווערן זייער פאָרזיכטיק, סײַ בײַם רעדן און סיי ביים שרייבן. איז דאָך דעריבער זייער פאַרשטענדלעך דאָס וואָס ר' מאיר האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם, אַז מיט איין נישט גוט באַנוצטן אות קען מען די גאַנצע וועלט חרוב מאַכן.

דאָס אַלעס קומט אונז אויפן זינען בײַם באַטראַכטן די ליטעראַטור אין דער ייִדישער פרעסע.

מיר מיינען דאָ נישט די פּאָליטיקערײַען, די וואַל־מאַכערײַען, די פּאַרטיי־שטרײַטן און דאָסגלײַכן „געווינלעכע" טאָג־טעגלעכע ענינים

דאָ מיינען מיר איצט די אומפּאַסיקע, אומצניעותדיקע און נידעריקע ליטעראַטור.

די פרעסע איז דאָך, כידוע, צוגענגלעך פאַר אַלעמען, פאַר אַלט און יונג, מאַן און פרוי, און איבט אויס אַ פּערמאַנענטע ווירקונג אויף דער גײַסטיקער דערציאונג און אויספורעמונג פון די לייענער.

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

עס איז דעריבער ביז גאָר ווייטיקלעך און דערדריקנדיק, דאָס וואָס עס ווערט אין דער ייִדישער פּרעסע אַרײַנגעגעבן אַזויפיל אומצניעותדיקן מאַטעריאַל, וווּ מען דאַרף רויט ווערן פאַר זיך, אָפּגערעדט שוין פאַר אַ קינד, פאַר אַ פרוי און פרײַלן.

עס זענען שוין אַזוי נאַטירלעך די אַלע שלעכטע ראָמאַנען, וואָס קענען ניט אויסקומען אָן אויסגעלאַסענע סצענעס און פּיקאַנטע באַשרײַבונגען, אַז עס באַפאַלט אונז אַ טיפע בושה און חרפּה פאַר דער פאַרשוועכונג פון אונזער הייליק וואָרט, פאַר דער שענדונג פון די אויסגע'תפילה'טע און אויסגעוויינטע ייִדישע אותיות.

אַזאַ ליטעראַטור איז אויף אַזוי פיל אַרײַן אין דער מאָדע, אַז זי ווערט פּרעמירט אויף די בעסטע ליטעראַטור קאָנקורסן, פאַרעפנטלעכט אויף די אָנגעזעענסטע צייטונגס־שפּאַלטן, געלויבט און רעקלאַמירט דורך דער ערנסטער קריטיק.

אַנונסירט מען אַ „קרעפּטיקן" ראָמאַן פון אַ „קרעפּטיקן" שרײַבער, ווייסן מיר שוין וואָס פאַראַ סאָרט „קרעפּטן" אַנטהאַלט אַזאַ ראָמאַן.

די גרעסטע און טאַלאַנטירטסטע שרײַבער, לייגן אַרײַן וואָס מער טאַלאַנט און קונסט אין אַזעלכע אומפּאַסיקע סצענעס, אָן וועלכע מען וואָלט געמצלעך און לײַכט געקענט דורכקומען. אדרבא, דער ראָמאַן אָדער דערציילונג וואָלטן געהאַט מער חשיבות, נישט פאַרשונדעוועט און דעגראַדירט געוואָרן דורך אָט דער שענדלעכער שרײַבעכץ וואָס דעפּילט נישט מיט דער עצם מיסיע פון דערציִען און דערהויבן, וואָס עס האָט די ליטעראַטור, און וואָלטן קינסטלעריש געווען פּערפעקטער.

דורך אָט דער ליטעראַטור קומט אוים ווי זי וואָלט געווען דער עיקר בײַם שרײַבער און לייענער, און דאָס איבעריקע — אַ באַגלייטונג און דאָס אומוויכטיקסטע. און ווי שעדלעך דאָס איז — איז דאָך יעדן דענקענדיקן מענטשן זעלבסט־פאַרשטענדלעך.

— וווּ שטייט דאָס געשריבן, אַז אַ גוטע שריפטשטעלערישע דערציילונג מוז גיין „באַווירצט" און „באַ'טעמ'ט" דערמיט? — פון וואַנען האָט מען דאָס געשעפּט — פון דער קלאַסישער ליטעראַטור? פון דער ייִדישער? צי גאָר פון די מיט הייליקײַט באַהויכטע ייִדישע בלעטער?—

צ ײַ ט מ מ אָ ט י ו ו ן

פאַר װעלכער ליטערטור האָט מען זיך בײַ אונז, ייִדן, געלאָזט ברענען און טױטן, אױב נישט פאַר דער מיט עטיק און מאָראַל אָנגעזאַפּטער? װאָס פאַרא דור קען אַזאַ אומרײנע ליטעראַטור אַרױסברענגען? — זיכער נישט אַזעלכן װאָס װעט זיך פאַר איר זעלבסט אפילו װעלן אײַנשטעלן.

אונזער װאָרט, אונזערע אותיות, טאָרן נישט אַזױ געשענדעט און פאַרשװעכט װערן!

אַביסל מער פּיעטעט און דרך ארץ צו זײ!

אונזער ליטעראַטור, אונזער פּרעסע, אונזערע לײענער טאָרן נישט אַזױ פאַרשונדעװעט װערן, װײַל דאָס קען זיך אָפּרופן געפערלעך פאַר זײ אַלעמען!

זאָל אױך אונזער הײַנטיקע ליטעראַטור, אונזערע צײַטונגען, אָטעמען און באַהױכט זײַן מיט ייִדישער קדושה, מאָראַל און עטיק, װי אױך מיט מענטשלעכער װירדע און דערהױבנקײַט.

די בעסטע לייזונג

טרויעריק איז אויפן קולטור־געביט אויף דער פראווינץ. עס רירט זיך ניט דאס קולטור-לעבן דארטן, נייערט עס ווערט וואס אמאל בלאסער, פארוועלקטער. גאנצע ביבליאטעקן שטייען און באדן זיך אין שטויב. קיין לייענער־קרייזן, קיין קולטור־צוזאמענקונפטן אדער ליטעראטור־פארלעזונגען.

פוסט, לער, אויסגעוועפט.

פון מאל צו מאל קומט אויף א רגל־אחת'דיקן באזוך א שרייבער, א שליח, צי גאר אן אקטיאר. אויף א ווייל ווערט צעצונדן א נאך טליענדיקער פונק, וואס ווערט ווידער פארלאשן ביים אוועקפארן פון דעם גאסט; און ווידער ווערט ש ט י ל, אומעטיק, און דער באזוך לאזט איבער א קולטור־בענקשאפט, וואס צערינט אין די פראזאישע טואונגען פון די לאנגע וואכן, וואס פאלגן נאך אט־די עטלעכע יום טוב'דיקע טעג פון גייסטיקער דערהויבונג .

און אזוי גייט פארביי סעזאן נאך סעזאן, יאר נאך יאר, אן באנייאונג, אן בליאונג אויף דעם קולטור־פעלד. אלץ ווי געוועז.

— פארוואס איז דאס אזוי גרוי, אט די קולטור־ווירקלעכקייט אויף דער פראווינץ? —וועלכע זענען די סיבות פון איר אפגעשטאנענקייט?

גאנץ פשוט: דאס פעלן פון ארטיקער אינטעליגענץ, וואס זאל פארמאגן דעם דראנג נאך יידיש־קולטורעלער אויסלעבונג, וואס זאל

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

באזיצן דעם דורשט נאָך ייִדישן וויסן און וואָס זאָל טראָגן אין זיך דעם קערן פון גײַסטיקער שעפערישקייט.

די פּראָווינץ האָט ניט קיין אייגענע אינטעליגענץ, קיין ייִדיש־געבילדעטע יוגנט, וואָס זאָל באַלעבן קולטורעל איר סביבה און וואָס זאָל זי האַלטן וואַך אויף אַלע קולטור־דערשײַנונגען. דערפאַר איז זי אָנגעוויזן אויף דרויסנדיקער הילף. דערפאַר איז איר בליק געווענדעט שטענדיק צו דער ווײַטער מעטראָפּאָליע, פון וואַנען זי וואַרט אויף אָנרעגונג, אויף שטוים־קראַפט און אויף הילף.

נאָר איז דען די הויפּט־שטאָט בכוח איר דאָס אַלץ צו געבן?

פאַר קיין פאַל ניט! אפשר א ניצוץ דערפון, אפשר א טײלכל דערפון, אָבער ניט אינגאַנצן. ווײַל קולטור איז א טאָג־טעגלעכע שפּײַז, וואָס מוז פאַרדייט ווערן פון א פולסירנדיקן ייִדישן ישוב; דאָס איז די לופט וואָס מוז פּערמאַנענט דורך אים אײַנגעאָטעמט ווערן. די הויפּט־שטאָט קען דאָס איר, דער פּראָווינץ, מיט שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען צושטעלן, אין בעסטן פאַל, בלויז עטלעכע טעג אין יאָר.

פרעגט זיך א פראַגע:

—קען מען דעם בלויז דורך אָרטיקער אינטעליגענץ אָנפילן?

— יאָ.

— ווי אַזוי?

דורך צוגרייטן זי, דורך שאַפן זי, דורך אויסבילדן אונדזער יוגנט, דורך אַרויסברייננגען קאַדרען פון ייִדישע לייענערס, אָנרעגן זי צו ייִדישער שעפערישקײַט און דערוועקן אין איר דעם דראַנג און דעם אומרו נאָך ייִדישן גײַסט.

ס'מוזן געשאַפן ווערן אין יעדער שטאָט ווו עס איז נאָר מעגלעך, העכערע לערן־אַנשטאַלטן, לאָמיר זאָגן, סעמינאַרן ווו די אַרויסגייענדיקע שילער פון די אָרטיקע ייִדישע שולן זאָלן פאָרזעצן זייערע לימודים און ווו עס זאָל אויסגעשולט ווערן א באַוווּסטזיניקע ייִדישע יוגנט, וואָס זאָל בילדן די צוקונפטיקע ייִדישע אינטעליגענץ, וועלכע זאָל פאַרזיכערן דעם ייִדישן קיום און המשך אויף דער פּראָווינץ.

צ ײַ ט מ אָ ט י ו ן

ערשטנס, וועט דאָס הויבן דעם פּרעסטיזש פון דער יידישער שול, אַפילו פון דער בעסטער, ווײַל דאָס וועט צוריקווײַזן די הערשנדיקע טענה, אַז דאָס קינד גייט פון איר אַרויס אָן גענוגנדיקע ידיעות, וואָס איז פאַרשטענדלעך, ווײַל דאָס קינד לערנט ניט מער ווי עטלעכע יאָר און׳ ווען ער טרעט אַרויס פון איר, ווערט ער ווידער אָפּגעריסן פון דער יידישער שפּראַך, פון לעקטור, פון שריפט, פון אינהאַלט, און הויבט אָן צו פאַרלירן, בעסער געזאָגט, צו פאַרגעסן די אין די עטלעכע שול־יאָרן דערוואָרבענע ידיעות.

אַנדערש וואָלט אויסגעזען, ווען נאָכן פאַרענדיקן די שול, וואָלט דער תּלמיד אָדער תּלמידה אַרײַן אין דעם העכערן לערן־אַנשטאַלט, פאַרצוזעצן זײַנע לימודים, וואָלט באַרײַכערט זײַן וויסן־באַגאַזש, צוגע־צויגן צו אונדזערע גײַסטיקע ווערטן און אַרײַנגערינגלט אין דעם קולטור־לעבן, ווו ער איז אַן אַקטיווער און גלײַכצײַטיק אַ פּראָדוקטיווער מיט־גליד, אַן אָנרעגער צו קולטור־פאַרמעסטן און אויפטוען און אַ מיטשעפער פון אַ לעבעדיקער קולטור־סביבה.

דאָס וואָלט, זאָגן מיר, געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער אָנפאַנג־שול און פון דער יידישער דערציאונג בכלל. דאָס וואָלט אויך געווען אַ דערגאַנצונג צו דער מי־פולער אַרבעט פון דער שול׳ און די עסקנים, די לערערס, און דער גאַנצער ישוב וואָלטן געזען אין דעם אַ באַלוינונג צו זייער אַרבעט, און אַ פרייד און נחת אין דעם אונטערוואַקסנדיקן דור.

דאָס וואָלט געלייזט די אַזוי אָנגעווייטיקטע קולטור־פראַגע און באַפרײַלינגט דאָס אַזוי האַרבסטיקע קולטור־לעבן אויף אונדזער פּראָווינץ.

אָט־דער דאָזיקער צוגאַנג וואָלט געווען פיל ווירקזאַמער, ווײַט־גייענדיקער און ווײַטזעעוודיקער ווי דער, וואָס ווערט איצט באַנוצט און נעמלעך: דאָס שאַפן אַ מיטלשול אין בוענאָס אײַרעס פאַר דער אויסבילדונג פון יוגענטלעכער אינטעליגענץ פאַר דער פּראָווינץ —־מיר מיינען דאָ דעם „מכון ללמודי היהדות”, וואָס מיט אונדזער געהויבנס־טער מיינונג און אַכטונג צו אים און צו דעם גרויסן און אָנערקענטן אויפטו— אָנטשפּרעכט ער ניט זײַן אויפגאַבע, נײַערט ער פאַרמערט

מרדכי הערבסט

די בוענאָס אײַרעס'דיקע שטאָטישע אינטעליגענץ, וואָס פאַר זיך אַליין איז דאָס גאָר קיין עוולה ניט, נאָר אַן אומשאַצבאַרע דערגרייכונג. אָבער די פּראָווינץ וועט פון אים אייגנטלעך ניט געניסן, ווײַל די אַבסאָלווענטן פון „מכון", נאָכן אָפּזיצן איייניקע יאָר אין בוענאָס אײַרעס, בלײַבן שוין אויך נאָכן פאַרענדיקן אים אין דער גרויסשטאָט, צו וועלכער זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט און דאָס לאָקט זיי, ווײַל זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט זייערע סטודענטישע יאָרן, הן אין יידישע לימודים, הן אין אַלגעמיינע. אין בעסטן פאַל פאָרן זיי, צוליב זייער פאַראויסגענומענער פאַרפליכטונג מיטן אינסטיטוט, אויף צוויי יאָר אין אַ פּראָווינץ־ישוב, פון וועלכן זיי קערן זיך נאָכדעם צוריק.

אַנדערש וואָלט געווען, ווען עס ווערן געשאַפן אַזעלכע אַנשטאַלטן אויף דעם זעלביקן פּלאַץ.

ערשטנס, וואָלטן געקענט אין אים אַרײַנטרעטן אַ גרעסערע, אַ פיל־צאָליקערע גרופּע תלמידים ווײַל קיין בוענאָס איירעס קענען נאָר פאָרן בלויז געציילטע, אָבער דאָ אויפן פּלאַץ, נעבן די עלטערן, וואָס וואָלטן שוין „קאָנקורירט" מיט זייערע זין, די „יידישע סעמינאַריסטן", וואָלט געווען אַ סך מער שילער, און בײַ אַ געהעריקער פּראָפּאַגאַנדע — די מערהייט פון די אַרויסגייענדיקע תלמידים. דאָס וואָלט ניט באַדײַט צו מאַכן די מינדסטע אָנשטרענגונג, אַ זאַך וואָס עס פאָדערט יאָ, דאָס פאַרלאָזן די היים.

דאָ וואָלטן זיי גלײַכצײַטיק געלערנט אין דער מלוכה'שער מיטלשול און אין אוניווערזיטעט און זיי וואָלטן שוין צוגעבונדן און צוגעוווינט געוואָרן צום פּלאַץ און ניט געפילט קיין שום נויטווענדיקייט אוועקצופאָרן, און במילא וואָלט שוין געשאַפן געוואָרן די אַזוי געגאַרטע יידישע אינטעליגענץ, וואָס וואָלט געגעבן אַ תיקון צו די האָפענונגען און ווונטשן פאַר דער פּראָווינץ.

, אַזעלכע אַנשטאַלטן וואָלטן אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך די עלטערן, דורך דער אָרטיקער קהילה, ווי אויך דורך די אינסטאַנצן, וואָס זאָרגן פאַר דעם חינוך פאַר דער פּראָווינץ, ווי דער „ועד־החינוך הראשי", דער „ועד הקהילות" א.ד.גל.

דאָס וואָלט אַפילו פינאַנציעל אויך געווען פיל לייַכטער און פראַקטישער, ווי אָרגאַניזירן אַזעלכע אינסטיטוטן אין בוענאָס אײַרעס. און דאָס וואָלט געווען די ריכטיקסטע און בעסטע לייזונג, און וואָלט באַפרידיקט די קולטור־שטרעבונגען פון דעם גאַנצן אַרגענטינער יידישן ישוב.

די געהעריקע אינסטאַנצן דאַרפן אויף דעם זיך פאַרטראַכטן. די פראָווינץ־ישובים קענען זיך מיט דעם אַליין העלפן.

יונג - אַרגענטינע

רעדט מען פון המשך פון אונדזער ישוב, פון זײַן צוקונפט, פון זײַן קאָנסאָלידירונג, מוז מען גלײַך אַרויפקומען אויף דער יוגנט.

טראַכט מען וועגן אונדזער קולטור־אויספורעמונג, וועגן אונדזער צושטײַער צו די גײַסטיקע ווערטן פון אונדזער פאָלק, איז דער בליק געווענדעט צום נײַעם דור.

שמועסט מען נאָר וועגן דער צוקונפט פון אונדזערע קולטור־פּאָזיציעס, פון אונדזער שעפערישקייט, מוז מען, נאַטירלעך, נעמען אין אַכט אונדזער יוגנט.

און שטרעבט מען צו אייגנאַרטיקייט, צו אַן אייגענעם טאָן און אייגענע כוחות, וואָס זאָלן אויספילן אונדזערע קולטור־בלויזן, וואָס זאָלן זיי באַפרוכפּערן און באַפרישן, דאַן איז די לאָזונג: צו דער יוגנט!

און אין דעם זינען ווערט די לעצטע יאָרן אַ סך געטון, און עס ווערן אַרײַנגעלייגט מי און אָנשטרענגונגען.

אַזוי זענען געשאַפן געוואָרן די מיטלשולן, ווי דער לערער־סעמינאַר אין אין בוענאָס אײַרעס, דער „מכון ללמודי־היהדות", דער סעמינאַר אין מאָזעסוויל, אויך די „מדרשה העברית" און אַנדערע העכערע אַנשטאַלטן, וואָס שטרעבן אויסצובילדן אַ יידישע אינטעליגענטע און באַוווּסט־זיניקע יוגנט, וועמען עס זאָל זײַן נאָענט און אייגן אונדזערע קולטור־ווערטן און וועלכע זאָלן באַלעבן קולטורעל אונדזער סביבה.

הונדערטער סטודענטן באזוכן די אויבנדערמאָנטע אַנשטאַלטן, און זייער ווירקונג לאָזט זיך פילן אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס, אין די צענדליקער יידישע אָנפאַנג־שולן, אין הונדערטער יידישע היימען און זיי גיבן צו אַן אייגנאַרטיקן חנ׳עוודיקן און פריידיקן שטריך צו דעם פרצוף פון אונדזער געזעלשאַפט און פילן אָן מיט ציטער־דיקער האָפענונג און דערוואַרטונג דעם גאַנצן ישוב.

אָט די דאָזיקע יוגנט מוז קומען צום אויסדרוק. זיי מוז מען אַריינציען אין אונדזער קולטור־לעבן, זיי שטויסן צו שעפערישקייט, זיי מוטיקן און סטימולירן, שאַפן פאַר זיי די באַדינגונגען און געבן זיי אַ געלעגנהייט מיטצושטייערן מיט זייערע פרילינגס־שאַפונגען צו אונדזער גייסטיקן פאַרמעגן.

עס מוז געהערט ווערן זייער שטים אויף אַלע קולטור־דערשיינונגען און זייער יוגנט־אָטעם מוז באַהויכן אַלע גייסטיקע אונטערנעמונגען און פאַרמעסטן.

עס מוז אויסגענוצט ווערן זייער ענטוזיאַזם, זייער דינאַמיזם, זייער יוגנטלעכע פאַטענץ, זייער נשמה־ברען און פייערדיקן ווילן. אַנ־דערש וועלן זיי פאַרלוירן גיין פאַר דער שעפערישקייט פון יידישן פאָלק. זייער גלי וועט פאַרלאָשן ווערן, און דאָס וועט זיין אַן אומפאַרגע־ביקער פעלער לגבי דעם יידישן לעבן און זיין צוקונפט.

צו אונדזער גרויסער פרייד קענען מיר אָנווייזן, אַז דער קולטור־קאָנגרעס האָט דאָס אַזוי פאַרשטאַנען און האָט אונטערגענומען אַ ריי קולטור־פאַרמעסטן אַריינצורינגלען די יוגנט אין אונדזער קולטור־קייט און אַרויסצורופן ביי איר שעפערישקייט.

אַזוי קען מען אָנווייזן אויף דער עטאַבלירונג פון די קאָנקורסן פאַר יונגע שרייבערס, אין וועלכע עס זענען שוין אַריינגעפאַלן אַ סך אַרבעטן אויף יידיש פון יוגנטלעכע; דאָס שאַפן „יונג יידיש טעאַטער“, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך פיל יוגנטלעכע, דאָס צוטרעטן שאַפן אַ יוגנט־כאָר, וואָס וועט זיכער צוציען אַ צאָל יונגע כוחות. דאָס זענען אומאָפשאַצבאַרע אויפטוען וואָס פאַרדינען די גרעסטע אַנערקענונג און אונטערשטיצונג, ווייל עס ווערן אַזוי אַרום אַריינגעצויגן צענדליקער

און מיט דער צײַט הונדערטער יוגענטלעכע, וואָס שאַפֿן און לעבן זיך אוים קולטורעל־ייִדישלעך, נעמען אַנטייל און ווערן אײַגן אין אונדזערע קולטור־אונטערנעמונגען, און פֿאַראײגענען אויך יעדע ייִדישע קולטור־דערשײַנונג.

און פֿון זייער גרויסער באַדײַטונג איז דער אויפֿטו פֿון קולטור־קאָנגרעס: די אָרגאַניזירונג פֿון אַ גרופּע יונגע שרײַבערס אונטערן נאָמען „יונגער דור", אויפֿן נאָמען פֿון דער יערלעכער זאַמלשריפֿט וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דעם קאָנקורס פֿאַר יונגע ייִדישע שרײַבערס, פֿאַר די פּרעמירטע אַרבעטן.

דאָס איז, זאָגן מיר, אַן אויפֿטו פֿון גרויסער וויכטיקייט, ווײַל עס וועט שטויסן צו שעפֿערישקײַט די יונגע שרײַבערס, וואָס זענען פּרע־מירט געוואָרן דורך די פֿאַרשיידענע ליטעראַטור־פֿאָנדן, ווי אויך די נײַע כוחות וואָס וועלן צוגעצויגן ווערן, און אַזוי אַרום וועט דער קאָנקורס, וואָס ווערט דורכגעפֿירט יערלעך, איצט אויסברייטערן דורך דעם זײַן אַרבעט, געבנדיק אַ געלעגנהייט דער יוגנט צו שרײַבן און שאַפֿן אַ גאַנץ יאָר.

די פֿאָרגעצייכנטע צילן וואָס דער קרײַז האָט זיך געשטעלט זענען ביז גאָר ערנסטע, און נעמלעך: דאָס דורכפֿירן ליטעראַרישע אָוונטן, ווו די יונגע שרײַבערס וועלן אויפֿטרעטן מיט זייערע שאַפֿונגען, וואָס וועלן דיסקוטירט ווערן און עס וועלן דערבײַ געזוכט ווערן די וועגן צו פֿאַרבעסערונג און דער גאַנג צו שלימות.

די גרופּע וועט אויך לאָזן הערן איר וואָרט אויף ספּעציעלע עפֿענט־לעכע ליטעראַרישע אָוונטן, מיט אויסשליסלעך אייגענע כוחות. דאָס וועט זײַן אַ נײַעם אויף דער ייִדישער גאַס און אַ דערפֿרייענדיקער אָנזאָג פֿון יוגענטלעכן צושטײַער אויף אונדזער ליטעראַרישן פֿעלד.

און אחרון אחרון: די אויסגאַבע, ווו עס וועלן זיך באַטייליקן יונגע ליטעראַטן, וואָס וועלן אַזוי אַרום קומען צום אויסדרוק און דורך דעם סטימולירט ווערן צו שאַפֿן אויף ייִדיש. דאָס וועט זײַן אַ פֿריש־צאַפּל־דיקער צושטײַער פֿון יוגנטלעכער שעפֿערישקייט אין אונדזער ליטעראַטור און עס וועט זיך אויספֿורעמען, לאָמיר האָפֿן, אַן אָריגינעלע אַרגענטינער

שרייבער־גרופּע, און, לאָמיר האָפן׳ אַז אייגנאַרטיקער טאָן וועט געהערט ווערן אין אונדזער געזעלשאַפט: די שטים פון דער אַרגענטינער אינ־טעליגענץ אין אירע ערשטע שעפערישע וועגן.

עס זאָל, אַזוי אַרום, געשאַפן ווערן אַ יונג־אַרגענטינע, ווי עס איז געווען אַ יונג־ווילנע — הגם מיר ווייסן, אַז מיר זענען נאָך זייער ווייט דערפון... אָבער אַלע „יונג"־גרופּעס האָבן אַריינגעבראַכט מזל־ברכה אין דער ליטעראַטור און אין אונדזער לעבן.

זאָל דער אָנהויב זיין מיט מזל! און זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענט פון די איניציאַטאָרן, און די פירער פון קולטור־קאָנגרעס — אונדזערע האַרציקסטע ברכות!

מיר, פון אונדזער זייט, יונגע שרייבערס׳ נעמען אויף אָט־די שאַפונג מיט עמאָציע און פרייד, און מיר זעען אין אים דעם אָנפאַנג פון אַ נייעם און שיינעם קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון דער ייִדישער יוגנט אין אַרגענטינע. מיר פילן זיך גלייכצייטיק געקרעפטיקט און סטימולירט פון דעם גרויסן אינטערעס, וואָס מען ווייזט אונדז דורך דעם אַרויס.

לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן אָט־דעם אינטערעס באַלוינען און אָפּ־צאָלן מיט אונדזער שאַפונג־בייטראָג צו דער ייִדישער אַרגענטינע, און אַז יונג־אַרגענטינע וועט ניט אַנטוישן די דערוואַרטונגען און האָפע־נונגען, וואָס ווערן אויף איר אַרויפגעלייגט.

....אַז יונג־אַרגענטינע וועט נישט אַנטוישן די דערוואַרטונגען
און האָפענונגען וואָס ווערן אויף איר אַרויפגעלייגט...

די שוואַכסטע זייט

אונדזערע ציוניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס בילדן אַ זייער וויכטיקן דערציאונגס־פאַקטאָר צווישן אונדזער יוגנט, און האָבן אויף זייער חשבון פאַרצייכנט גרויסע אויפטוען און דערגרייכונגען.

ערשטנס, איבן זיי אויס אַ געוואַלטיקע גרויסע השפעה איבער זייערע מיטגלידער, וועמען זיי זאָפּן אָן מיטן ציוניסטישן געדאַנק, פאַרבינדן זיי מיט די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען פון דעם יידישן פאָלק, און דערציען זיי צו זיין די פאַרווירקלעכער פון זייערע אידעאַלן און די מיטבויער פון דעם יידישן לאַנד. דאָס איז אַ געוווּנענע, אַן אָפּגעראַ־טעוועטע יוגנט פאַר אונדזער קיום און המשך. דאָס איז אויך אַן אידעאַ־ליסטישע און באַוווּסטזיניקע, אַ התלהבות'דיקע און ווילנפולע, אַ מיט ענערגיע שפּרודלדיקע יוגנט-מחנה וואָס איז פילצוזאָגנדיק און פאַר־זיכערנדיק פאַר אונדזער צוקונפט.

אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס ווערן זיי דערצויגן אין דער שפּראַך פון מעשים און פאַרווירקלעכונגען, אויסגעשמידט אין דעם גייסט פון פאָלקס-ליבשאַפט און זעלבסט-אָפּפערונג פאַר זייערע אידייען. דאָ ווערן זיי אויך אויסגעפורעמט אין קאָלעקטיווער דיסציפּלין, אין אחריות און חבר'שאַפט.

צווייטנס: די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דערגרייכן אָפטמאָל אין אַזעלכע קרייזן, ווו מען וואָלט מיט קיין אַנדער מיטל ניט צוגעקומען,

מרדכי הערבסט

דערנענטערן און ציען־צו אזעלכע אפגעפרעמדטע יוגנטלעכע וואס וואלטן, ווען ניט זיי, איינגאנצן אפגעריסן געווארן פון אונדז. די דאזיקע מאכן זיי פאר הייסע יידן, וועמענס הערצער קלאפן מיט די ווארעמסטע סענטימענטן פאר אונדזער פאלק און לאנד, און ווערן פארוואנדלט אין אונדזער חלוצישן אוואנגארד און בויענדיקן כוח.

מיר וואלטן געקאנט ברענגען א סך ביישפילן פון אזעלכע יוגנטלעכע וואס רעכענען זיך פון די חלוצים און קעמפער פון מדינת־ישראל, און פאר די טוער פון דער ציוניסטישער יוגנט־באוועגונג אין לאנד.

אזא יוגנט וואס איז אין קיין יידישער שול ניט געגאנגען, פון קיין יידישער קולטור ניט געהאט קיין אנונג, און היינט שטייען זיי ביי דעם רודער פון זייערע רעספעקטיווע ארגאניזאציעס.

די דאזיקע יוגנט־ארגאניזאציעס האבן דעריבער א דאפלטע וויכטיקייט: ווי רעטער פון גרויסע טיילן יוגנט פון דער אסימילאציע און ווי דערציער און שמידער פון חלוצים.

עס איז דאך יעדן איינעם באקאנט וועגן די הכשרות וואס די פארשיידענע יוגנט־ארגאניזאציעס פארמאגן, וואס זיינען די קוזניע פון חלוציזם, ווו צענדליקער ארגענטינער יוגנטלעכע גרייטן זיך פיזיש און גייסטיק צו צו זייער נייעם לעבנס־קאפיטל וואס זיי הויבן אן אין דער יונגער יידישער מדינה, צו וועלכן זיי טרוימען מיט יוגנטלעכער ראמאנטישקייט.

דא קומט דאך צום אויסדרוק דער נס פון אונדזער צייט און דער וווּנדער פון אונדזער יוגנט וואס פארלאזט די איינגעפונדעוועטע ווארעמע און באקוועמע היימען, זאגן זיך טיילמאל אפ פון דיפלאמען און קאריערעס, פון א לאקנדיקער צוקונפט, גייען־נאך דעם אימפולס פון זייער יוגנט־טרוים און דערפילן דעם רוף פון זייערע אידעאלן. דאס וועט זיכער באשריבן, באזונגען, געליבט און פארערלעכט ווערן.

און רעדט מען פון עליה פון זיד־אמעריקאנער חלוצים, מיינט מען דאך גלייך אט די דאזיקע יוגנט־ארגאניזאציעס. האבן זיי טאקע שוין גאנצע קבוצים געשאפן אין ישראל, וואס האבן שוין אפילו געקעמפט



...דערבליקט מען אויך באַלד די שוואַכע זײַט:
מיר מיינען דאָ די קולטור־זײַט...

און געגעבן דעם הייליקן קרבנות־צושטײַער צום באַפרײַאונגס־קאַמף. זיי שאַפֿן און בויען און דער גאַנצער ישוב שטאָלצירט מיט זיי.

און רעכנט מען אוים די צאָל עלטערע עולים וואָס זענען שוין געפֿאָרן און די וואָס גרייטן זיך צו אָפּפֿאָרן קײַן ישראל, זעט מען דאָך תיכּף אַז זיי פֿאָרן אין זייער רוב צו אַט דער יוגנט, זייערע קינדער. דאָס איז דאָך די בעסטע פֿאַרזיכערונג פֿון אונדזער עליה־שטראָם, די גרעסטע מאַגנעטישע קראַפֿט וואָס ציט־צו און וועט אַהין צוציען גאַנצע משפּחות פֿון אונדזער ישוב.

און ווײַל די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַזאַ אויסערגע־וויינלעכע השפּעה אויף זייערע מיטגלידער, אַזעלכע גרויסע אויסשלים־לעכע מעגלעכקייטן, דערבליקט מען אויך באַלד, נעבן אירע ליכטיקע און שטאַרק פּאָזיטיווע זײַטן, אויך די בלאַסע און שוואַכע זײַט: מיר מיינען דאָ די קולטור־זײַט.

אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן דאָך גאָר לײַכט געקענט אַרײַנגעבן קולטור זייער יוגנט אויסנוצנדיק, ווי געזאָגט, אירע גרויסע מעגלעכקייטן. אָבער לײַדער געשעט דאָס ניט אַזוי.

אַנטקעגן זייערע אַנדערע גרויסע אויפֿטוען, זייער אינטענסיווער טעטיקייט, איז די יִדישע קולטור די אַמווינציקסטנס געפּלעגטע, די געקריוודעטסטע.

— ווײַל, וואָלטן זיי דען ניט געקאָנט אָרגאַניזירן שעורים, קורסן, פֿון געשיכטע, פֿון עברית, פֿון טראַדיציע א.ד.ג.?

וואָלטן זיי דען ניט געקאָנט אימפּאָנירן אויף זייערע מיטגלידער צו לערנען, אויב ניט בײַ זיי גופא, אין די עקזיסטירנדיקע קורסן און אַנשטאַלטן פֿון אַזעלכע קענגשטאַנדן, ווי זיי אימפּאָנירן אַנדערע פֿליכטן וואָס ווערן פּינקטלעך דורך זיי אויסגעפֿירט?

היות די דאָזיקע יוגנט אַקטיווירט אויף דער באַזע פֿון דיסציפּלין, ווערן די אַלע אויף איר אַרויפֿגעלייגטע אויפֿגאַבעס מיט ערנסט און מיט פֿלײַס אויסגעפֿירט, און וואָלטן אויך אַזעלכע קולטור־אויפֿגאַבעס אימפּאָנירט געוואָרן, וואָלט דאָ קײַן אויסנאַם ניט געמאַכט געוואָרן.

מרדכי הערבסט

דאָס ווערט דאָך געמיינט די פאַרשיידענע ציוניסטישע פּאַרטייען, וואָס דאַרפן בלויז אַזעלכעס אָנווינקען זייערע אָנגעהעריקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, און טאַקע אויך אַליין צוהעלפן אין דעם, ווי מיר וואָלטן דאַן געזען אַ באַדייטנדיקן קולטורעלן אויפשוווּנג צווישן אָט דער יוגנט.

אַזעלכע קולטור־פּליכטן דאַרפן דעריבער זײַן אַזוי נאַטירלעך ווי אידעאָלאָגישע פּאַרטיפונג, פּאַרטיי־אַקטיוויטעט א.ד.ג.

צום באַדויערן איז דאָס ניט אַזוי. די רעאַליטעט איז גאָר אַן אַנדערע. דאָס רוב פון דער דאָזיקער יוגנט שעפּט זייער ייִדישקייט און ייִדישע קולטור פון אייניקע איבערגעזעצטע בראָשורן, מיט דער איבער־וויכט אויף אידעאָלאָגיש־פּאַרטייאישער ליטעראַטור. ס׳רוב פון זיי לערנט ניט און קען ניט קיין העברעאיש. אין בעסטן פאַל איז מען יוצא מיט אַ פּאָר אָנפאַנגס־לעקציעס און ווערטער.

ס׳רוב פון זיי הויבן אָן צו לערנען עברית אין די הכשרות, אין די אייניקע אָפּרו־ווײַלן פון זייער אַרבעט, און עס איז דאָך גוט באַקאַנט ווי „גרוים” די דאָזע פון אַזאַ מין קענטעניש איז אין עטלעכע מאָנאַטן פון זייער זײַן דאָרטן. עס איז דאָך אויך באַוואוסט דער פאַקט, אַז די מערהײַט חלוצים האָבן דערפאַר גרויסע שפּראַך־ראַנגלענישן אויף זייערע נײַע ערטער, און קומען „גרינע” אויף זייער אויסגעטרוימטער ערד.

און דאָ דערמאָנען מיר בלויז שפּראַך. מיר רעדן שוין ניט פון אַנדערע ידיעות, וואָס מען קען פאַרשטיין, פאַרמאָגן זיי ניט.

מיר ווילן דאָ ניט אַרויפברענגען אחד־העם׳ס זאָג: אַז אַ לאַנד ווערט חרוב, קומט עזרא, נחמיה און אַנדערע פירער און בויען דאָס צוריק אויף, אָבער, ווען אַ פאָלק ווערט חרוב, איז — מי יבנה, ווער וועט דאָס אויפבויען? מיר ווילן זיך אויך ניט אָפּשטעלן אויף הערצל׳ס זאָג: אַז, צוריקקערן זיך צום ציוניזם — הייסט צוריקקערן זיך צו ייִדישקייט. מיר ווילן אויך ניט דערמאָנען, אַז מיטן בלויז צוגרייטן ערד־אַרבעטער, חלוצים, איז ניט גענוג, ווײַל די ישראל׳דיקע קבוצניקעס האָבן דאָך אַ נאָמען דערמיט וואָס זיי זײַנען בעסערע אינטעליגענטן ווי פּויערים...

צ ײַ ט מ אָ ט י וו ן

עס בלײַבט בלויז צו פֿרעגן, אַנערקענענדיק און באַוווּנדערנדיק די גרויסע ציוניסטישע און חלוצישע טעטיקייט פֿון אַט די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, זייער דערציערישן ווערט, זייער צוציאונגס־קראַפֿט, זייער אידעאַליזם און זייער איבערוויגנדיקע פּאָזיטיווע זײַטן: צי וואָלט ניט מעגלעך געווען אויך די שוואַכסטע זײַט, די קולטור־פֿראַגע, צו באַקרעפֿטיקן און גלײַכצושטעלן מיט די איבעריקע זײַטן?

—וואָלט דען אַזעלכעס זיך ניט אָפּגערופֿן גינסטיק, פֿריער פֿון אַלץ, פֿאַר זיך אַליין?

—וואָלט דאָס ניט אויסגעפֿילט אַ באַדויערונגסווערטן און פֿיל־באַרן בלויז אין זייערע אייגענע אַקטיוויטעטן?

—און די פּאַרטייען? —וואָלטן זיי דערמיט ניט געשטאַרקט גע־וואָרן אין אַלע הינזיכטן?

—וואָלט דאָס דען ניט באַדײַט די ריכטיקע שטעלונג צו דער יוגנט־דערציאונג, וואָס ווערט אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך, אומפֿאַרגעבלעך פֿאַרנאַכלעסיקט?

זיי האָבן דאָך די בעסטע מיטלען, דעם נויטיקסטן אײַנפֿלוס און די געמיינזאַמסטע שפּראַך, אַרויפֿצולייגן אַט די פֿליכטן אויף זייער יוגנט.

דאָס פֿאָלק און די מדינה וואָלטן דורך דעם אַ סך געווּנען, און די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — אַוודאי און אוודאי!

יוגנט-שעפערישקייט

לאָמיר גלייך זאָגן, אָן גוזמא, נאָר אָביעקטיוו, אַז מיר פאַרמאָגן אַ גלענצנדיקן מענטשן-מאַטעריאַל צווישן דער אַרגענטינער ייִדישער יוגנט, מיט ברי, ענטוזיאַזם, פאַרשטענדעניש, סענטימענט, אומרו און איבערגעגעבנקייט פאַר ייִדישע פּראָבלעמען און נאַציאָנאַלע אידייען.

פיל פון זיי טרוימען אויס זייער צוקונפט און פאַרבינדן זייערע לעבנס-אידעאַלן מיט די פאָלקס-שטרעבונגען, אינערהאַלב דעם ייִדישן המשך גייסט, און האָבן דעם פולסטן באַוווּסטזיין, אַז זיי זענען די טרעגערס פון ייִדישן שיקזאַל און די אויספורעמערס און געשטאַלטיקערס פונעם ייִדישן מאָרגן.

ווער עס גלידערט זיך איין אין דער חלוצישער באַוועגונג מיט דער שטרעבונג מיטצובויען די ייִדישע מדינה; ווער עס רינגלט זיך איין אין דער ייִדישער קולטור-קייט, צו בילדן די צוקונפטיקע ייִדישע אינטעליגענץ; און ווער עס נעסטיקט אויך איין אין זיינע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס האָפענונגען פון אַן אַלמענטשלעכער וועלט-דערלייזונג.

אָבער די אַלע מוז מען סטימולירן, אַרויסהייבן און שטויסן צו שעפערישקייט, בכדי עס זאָלן נישט פאַרלוירן גיין זייערע ווערטן און פּאָטענץ, און בכדי זיי זאָלן נישט אויסברענען אין זייער אייגענעם פייער.

מען מוז, דעריבער, שאַפן וואָס מער דערציערישע יוגנט-אַנשטאַלטן, ווי מיטל-שולן, סעמינאַרן, אין שטאָט און אויף דער פּראָווינץ, בכדי די

מ ר ד כ י ה ע ר ב ס ט

יוגנט זאָל קריגן אַ ייִדישע סאָלידע בילדונג, זיך אָנזאַפּן מיטן דורות־דיקן ייִדישן שאַפן און במילא מיט ייִדישער באַנעמונג און אויפפאַסונג; וואָס צוזאַמען מיט זייער יוגנט־ברען און אידעאַליזם וועלן זיי בילדן אַ גלענצענדיקן ייִדישן טיפּ, וואָס וועט קענען מיט באַוווּסטזיין און מיט וויסן טראָגן די אַלטע ייִדישע ירושה, שעפּן פון אירע קוואַלן, זיך וואַרעמען ביי אירע פייערן און מיט זייער שעפערישקייט זי באַרייכערן.

דאָס וועט פאַרמינערן די גייסטיקע פוסטקייט פון דער יוגנט און — אָפּנהאַרציק גערעדט — דאָס עם הארצות, וואָס איז ביי ייִדן אַ געפערלעכער חסרון. וועגן דעם דאַרפן זיך זאָרגן די ערנסטע קולטור־אינסטיטוציעס, די קהילות און די נאַציאָנאַלע פאַרטייען. מען מוז דערביי זאָגן, אַז די אויבנדערמאָנטע דאַרפן שענקען אַ סך אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט פאַר ייִדישער יוגנט־דערציאונג, ווייל דאָס באַדייט — זאָרגן פאַרן ייִדישן המשך און קיום.

די פאַרטייען דאַרפן וואָס ווייניקער „פאַרטייאיזירן" זייער יוגנט, נאָר ליבערשט שאַפן סעמינאַרן, קורסן, שעורים, בכדי זייערע יוגנטלעכע זאָלן נישט זיין בלויז געשיקטע פאַרטיי־מענטשן, אויסגעבונדן אין דער גאַנצער „פאַרטיי־פּאָליטיק", נאָר באַוווּסטזיניקע און אינטעליגענטע ייִדן, באַקאַנטע מיטן ייִדישן דורות־וועג און אָנגעטרונקען מיט זיין גייסט.

די ייִדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך אויך באַמיען צו דער־הייבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון זייערע מיטגלידער, וועלכער דאַרף זיין דער הויפּט און נאַטירלעכער תנאי פון זייער אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס אָן דעם איז אומפאַרשטענדלעך זייער גאַנצע טע־טיקייט. זיי מוזן דעריבער אימפּאָנירן אויף זייערע חברים דאָס לערנען אין די עקזיסטירנדיקע לערן־אַנשטאַלטן, און אין זייער פעלן, צו אָר־גאַניזירן סעמינאַרן און קורסן פון ייִדישע לימודים. די חלוצישע אָרגאַ־ניזאַציעס מוזן לייגן דעם טראָפּ אויף דער גייסטיקער עליה פון זייערע מיטגלידער, צוזאַמען מיט זייער פיזישן אויפגאַנג צו דער מדינה.

יוגנט איז המשך, המשך פון אַלע פאָלקס־ווערטן, און איינע פון די וויכטיקסטע ווערטן, וואָס פורעמט־אוים די אייגנאַרט און פּרצוף פון דער קולטור, איז שפּראַך.

צייטמאַטיוון

מען מוז דעריבער אונדזער יוגנט דערציען אויף אונדזערע לשונות, יידיש און העברעאיש' און אַרויסרופן זייער שעפערישקייט. נישט נאָר דאָס קענען זיי, נאָר טאַקע דאָס שאַפן אין זיי, ווייל קענען און שאַפן זענען די יסודות פון המשך. גליקלעכערווייז האָבן מיר הונדערטער יוגנט־לעכע, וואָס רעדן, לייענען און שרייבן יידיש, און הונדערטער וואָס רעדן, לייענען און שרייבן העברעאיש און איך קען צענדליקער וואָס טראָגן זיך אַרום מיט שעפערישן אומרו אין די דאָזיקע שפּראַכן, אָבער וואָס זייער שאַפונגס־גלי וועט פאַרלאָשן ווערן, אוב מען וועט עס נישט צעבלאָזן. דאָ פאָדערט זיך ווידער די פאַרשטענדעניש און דער סטימול מצד אונדזערע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

אַט זענען די ליטעראַרישע קאָנקורסן פאַר יונגע יידישע שרייבערס א גלענצענדיקער אָנהויב און אָנרעגונג פאַר יידישער יוגנט־שעפע-רישקייט. אַזעלכע קאָנקורסן פירט אויך דורך די העברעאישע באַוועגונג און עס וואָלטן אויך געמעגט דורכפירן אַזעלכע, די סטודענטן־אַנשטאַלטן צווישן זייערע תלמידים און די פאַרטייען צווישן זייערע יוגנט־אָרגאַ-ניזאַציעס.

אָבער חוץ קאָנקורסן וואָלטן די באַטרעפנדיקע אינסטיטוציעס גע־דאַרפט אויסהאַלטן, ד.ה. דערמעגלעכן עקאָנאָמיש' די דערשיינונג פון יוגנט־זשורנאַלן אויף יידיש און אויף העברעאיש, ווו די יוגנט זאָל קומען צום אויסדרוק אין פּראָזע, אין ליד, אין עסייען א.א.וו. די מיטל־שולן וואָלטן געדאַרפט אַרויסגעבן סטודענטן־אויסגאַבעס, ווו עס זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן די בעסטע חיבורים איבער די פאַרשידנסטע קענגשטאַנדן, אָנרעגנדיק אַזוי אַרום צום שאַפן און אַנטפּלעקנדיק די פאַרבאָרגענע טאַלאַנטן, וואָס זענען זיכער פאַראַן.

אויך דאַרף געלייגט ווערן אַכט אויף די יוגנטלעכע טעאַטער־סטו־דיעס אין ביידע שפּראַכן, זיי אַנטקעגנקומען עקאָנאָמיש און זיי באַטראַכטן ווי וויכטיקע אינסטרומענטן פון אונדזער קולטור. מען דאַרף שאַפן טעאַטער־שולן, יוגנט־כאָרן, און צוזאַמענבינדן אונדזער יוגנט מיט אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור.

מ ר ד כ י   ה ע ר ב ס ט

אביסל מער גרויסמוטיקייט צו דער יוגנט, אביסל מער פארשטענדעניש, מער פארטראכטונג, איבערגעגעבנקייט און באציאונג צו די, וואס דארפן מארגן איבערנעמען די לאסט פון א לאנגער און רייכער פארגאנגענהייט און שפאנען מוטיק און זיכער צו א העלער צוקונפט.

קומען מיר צום אויספיר: אז מיר האבן א גלענצנדיקן מענטשן־מאטעריאל, וועלכן מען דארף געבן יידישן תוכן, סטימולירן און ארויסרופן צו יידישער שעפערישקייט.



... מען דאַרף סטימולירן און אַרויסרופן דער יוגנט
צו ייִדישער שעפערישקייט ...

דער חינוך אויף דער פּראָווינץ

דאָס ערשטע, וואָס רופט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּראָווינץ, איז די נישטיקע צאָל שילער, וואָס באַזוכט אַ ייִדישע שול.

בשעת אין בוענאָס־איירעס קען דאָס אַדורכגיין אומבאַמערקט אָדער אַמווייניקסטן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, צוליב דעם, וואָס אין געוויסע געגנטן געפינען זיך עטלעכע שולן פּאַראַמאָל, קיין גענויען סטאַטיסטיק פון קינדער אין שול־עלטער איז נישטאָ, איז אָבער אין פּראָווינץ, ווו מען באַזיצט אַ גענויען חשבון פון דער צאָל משפּחות און ווו לרוב געפינט זיך בלויז איין שול, לייכט צו דערבליקן די דאָזיקע פּראָבלעם.

זעען מיר למשל, ווי אין ראָזאַריאָ, אַ ישוב מיט עטלעכע טויזנט פאַמיליעס, מיט אַזאַ לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, מיט קולטור־איניציאַטיוועס און דערגרייכונגען, ווי אַ „הזמיר"־כאָר, זונטיק־קורסן פאַר דערוואַקסענע א. א. וו., באַזוכן דער צענטראַלער שולע בלויז 200 קינדער און די אַנדערע געגנטשולן פאַרמאָגן בלויז צו צענדליקער תלמידים יעדע איינע. און ראָזאַריאָ פאַרמאָגט אַריבער 1.200 קינדער אין שול־עלטער.

אַזוי זעען מיר אויך אין סאַנטאַ פּע, אַ ישוב פון אַריבער טויזנט משפּחות, כן ירבו — באַזוכן די ביאַליק־שול בלויז 150 קינדער, און אויך דאָס נאָך אַ סך אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען; און אין דער

קאָרדאָבער אינטעגראַלער שול לערנען נים מער ווי 300 שילער, אין אַ ישוב פון עטלעכע טויזנט משפחות, כן ירבו. א.ו מסתמא זענען טרויע־ריקער די ביישפּילן פון די קלענערע ישובים.

לאָמיר באַמערקן, אַז עס הערשט אַ גרויסע פאַרגליווערונג ביי די שול־עסקנים. מען דאַרף זיי אויפלעבן און אַרויספירן פון דער פון צענדליקער יאָרן איינגעשטעלטער רוטין. מען דאַרף זיי דערציען צו גרעסערע השגות און דערגרייכונגען אין דעם שול־וועזן. מען דאַרף זיי אויפוועקן פון זייער לעטאַרגיע און זיי שטויסן צו גרעסערע פאַרמעסטן. עס מוז געהערט ווערן אַ נייער טאָן אין דער פּראָווינץ, מען מוז זי אַנידערשטעלן אויפן ניוואָ פון היינטיקע פאָדערונגען און באַדערפעניש. מיט איין וואָרט, מען מוז זי אָפּפרישן.

מען מוז טאַקע צוגיין באַלד צו בויען פּאַסיקע און רחבֿות׳דיקע בנינים, וואָס זאָלן אַריינגעמען אַ בכבוד׳יקע צאָל שילער און וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די היינטיקע פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען, ווייל אין די קליינע ענגע און אַלטע בנינים וועט מען נישט צוציען קיין נייע קינדער.

עס פעלט איניציאַטיווע, טאָן, שווונג, פאַרמעסט און השגות.

דאָס דאַרף אַריינברענגען דער ועד־החינוך הראשי און זיך נים באַשרענקען בלויז אויף די ר.טינערע אינספּעקציע און באַריכט־באַזוכן.

צווישן זיינע ספּעציעלע אויפגאַבן איז דאָס אַרויסגעבן אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם פאַר זיינע אָנגעשלאָסענע שולן, אַרויסגעבן פּאַסיקע טעקסטן וואָס פעלן שטאַרק אויס, באַהילפיק זיין מיט פּעדאַגאָגישן מאַטעריאַל א.א.וו.

און אין די ישובים גופא מוז די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט אָפּגעבן פּריאָריטעט פאַר דער יידישער שול. איבערהויפּט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מוזן זיך מיטבאַטייליקן אין דעם עקאָנאָמישן און מאָראַלישן אויפשטייג פון דער שול.

אַזוי מוזן זיי אויך בילדן אַ געאייניקטן פראָנט צו פאַרדאַמען און אָנצונעמען מאָסמיטלען קעגן יענע עלטערן, זייערע מיטגלידער וואָס שיקן נים זייערע קינדער אין אַ יידישער שול, אַזוי ווי מען טוט דאָס קעגן די יעניקע וואָס שטייערן נים מיט צום „פאַראייניקטן קאַמפּיין",

װײַל חינוך, דאַרפֿן זײ װיסן, איז הײַנט דער ערשטער פּונקט פֿון ציוניזם און די, װאָס שיקן ניט זײערע קינדער אין אַ ייִדישער שול, מעגן זײ בײַשטײַערן פֿאַר אַלע קאַמפּײַנען, באַגײען זײ אַ פֿאַרראַט לגבי דעם אױפֿװאַקסנדיקן דור און לגבי דער צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק. נאָר אַזױ אַרום װעלן מיר קענען דערגרײכן פּאָזיטיװע רעזולטאַטן, אױפֿקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע.

די דירעקציע פֿון דער שול מוז אױך זוכן גלײַכצושטעלן די שול מיט דער רעגירונגס־שול. אַזױ מוז מען צוגעװױנען און פֿאָדערן בײַ די שילער טאָג־טעגלעכע שריפֿטלעכע און בעל־פּה־אױפֿגאַבעס. אַזױ מוז מען אײַנפֿירן אַ גוטע דיסציפּלין, און אױך אַ באַשטימטן שעהן־פּלאַן. אַזױ דאַרף מען אױסנוצן אַלע טעג און שעה'ן פֿאַר לערנען, און ניט פֿאַרלירן זײ אױף דערבײַיאיקע זאַכן. אַזױ מוז מען אױך רעדן מיט די שילער אין דער אונטעררעכט־שפּראַך און ניט אַנדערש.

אָבער די שול, מוז מען אָפֿן זאָגן, לײזט נאָך ניט דעם גאַנצן חינוך־פּראָבלעם. דאָס ערשטע און לעצטע װאָרט האָט די היים. מיט רעכט װערט די שול אָנגערופֿן „די צװײטע היים פֿון קינד". דאָס באַװײַזט, אַז עס איז פֿאַר דער שול פֿאַראַן אַן „ערשטע היים" אין באַצוג צו זײַן דערציאונג.

אַזױ מוז מען זאָגן אָפֿן, אַז אױב מען װיל אַז דאָס קינד זאָל רעדן ייִדיש, קען מען נישט פּרעטענדירן, אַז די שול זאָל עס אים על רגל אחת אױסלערנען, נאָר עס מוז רעדן אין שטוב, ד.ה. די עלטערן, לפּחות די װאָס קענען, מוזן מיט אים רעדן ייִדיש. אין קעגנטײל, איז דאָס אַ צײַט־פֿאַרלוסט, און אַ דעמאָנסטראַציע בלױז, אַ װידערשפּרוך צו דער היים און אַ געפֿאַר פֿאַר אונדזער װאָרט און קולטור.

אַזױ איז אױך בנוגע טראַדיציע: געפֿינט דאָס קינד נישט קײן ביסל טראַדיציע אין שטוב, דאַן האָט דאָס לערנען טראַדיציע אין שול אַן אַבסטראַקטן װערט און שטײט אין אָפֿענער סתירה צו זײַן היים.

מען מוז אַלזאָ שאַפֿן די געגאַרטע בריק צװישן שול און היים, כּדי די שול זאָל זײַן אַ פֿאָרזעצונג און נישט קײן אָפּגעזונדערט און אָפּגעריסן אינדזל, װײַל דאַן האָט די דערציאונג ניט קײן שום האַפֿט.

מרדכי הערבסט

דאָס מוז מען שטאַרק באַטאָנען בײַם באַרירן די חינוך־פּראָגן. די ייִדישע שול קען ניט באַװײַזן קײן װוּנדער. זי קען בלױז זײַן אַ המשך פון דער הײם.

דעריבער מוז צװישן שול און הײם זײַן אַ קעגנזײַטיקע װירקונג און מיטהילף, זײ מוזן זיך אידענטיפיצירן און דערגאַנצן.

דאָס מוז אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, איבערהויפּט די עלטערן וויסן, און דער עיקר, דערפילן און רעאַליזירן.

נחת פון יונגן דור

ווי אַ נײַער ייִדישער ישוב, וואָס איז בסך־הכל עטלעכע צענדליק יאָר אַלט, האָבן אַרגענטינער ייִדן ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק, געצויגן זייער גײַסטיקע יניקה פון די אַלטע היימען פון פּוילן, רוסלאַנד, ליטע און רומעניע, פון וואַנען עס שטאַמען דאָס רוב פון די היגע ייִדישע תושבים.

אַלע קולטור־פּאָזיציעס זענען באַזעצט געוואָרן פון די אײַנגעוואַנדערטע אייראָפּעאישע ייִדן. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז צעמענטירט געוואָרן דורך די פּאָלקסטימלעכע איבערגעגעבענע עסקנים וואָס האָבן זייער יוגנט אויסגעלעבט אויף יענער זײַט ים, און וואָס האָבן זיך דאָ־הי אַרײַנגעוואָרפן מיט ברען און אימפּעט אויסצופורעמען די לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז געוואָקסן און קאָנסאָלידירט געוואָרן, און אַ דאַנק זיי געקראָגן טאַקע אַ שם אין דער גאָרער וועלט.

אויך דאָס דערציאונגס־וועזן איז געשאַפן געוואָרן דורך די אידעאַליסטישע לערער, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין די ישיבות און סעמינאַרן פון דער אַלטער היים, און האָבן דאָ פאַרלייגט די באַזעס פאַר דער חינוך־נעץ, און מיט דער מיטהילף פון די אונטערנעמערישע שול־עסקנים, איז אויסגעוואָקסן אַ נעץ פון גרויסע און קלענערע שולן אין דער הויפּטשטאָט און אויף דער פּראָווינץ. עס זענען אויפגעבויט

געוואָרן פּראַכטפולע געביַידעס, ווו ייִדישע קינדער באַקומען דערציאונג און ווערן צוגעצויגן צו די גײַסטיקע ווערטן פון אונדזער פאָלק.

אויך דאָס פּרעסע־וועזן און דאָס ייִדיש געדרוקט וואָרט אין אַר־גענטינע, ווערט אָנגעפירט פון שרײַבער וואָס וואָרצלען אין יענע אַלטע היימען, וועמענס אָנדענק און ראָמאַנטיק ליגט נאָך עד היום אין זייער געדעכעניש און איז דער אינספּיראַציע־קוואַל פון זייער שאַפונג.

מען קען דעריבער זאָגן, אַז דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב איז אַן אייראָפּעאיש צווייַגל וואָס איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף דעם אַרגענטינער באָדן, און וואָס זײַנע בלומען און פרוכטן טראָגן נאָך מיט זיך און אין זיך דעם ריח און טעם פון די אַלטע ייִדישע ישובים אין אייראָפּע.

אָבער אין דעם לעצטן יאָרצענדליק האָט אונדזער געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי זי איז אויסגעוואַקסן און רײַפער געוואָרן, און האָט צו פאַרצייכנען אויף איר קאָנטא בכבוד'יקע אויפטועו און אונטערנעמונ־גען, אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן וועגן די יורשים פון דער אַרײַנגעלייגטער מי, און האָט, ווי ס'איז נאַטירלעך, אַ ווענד געטון איר בליק און אויסקוק, ווי אויך איר אַרבעט און ענערגיע אויפן יונגן אונטער־וואַקסנדיקן ייִדישן דור אין לאַנד.

אין דעם דאָזיקן דור לייגן זיי אַרײַן זייער גאַנצע זאָרג, און אין אים נעסטיקן זיי אײַן זייערע האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

מען קען דעריבער אויף טריט און שריט הערן אין די געזעל־שאַפטלעכע קרײַזן די לאָזונג: — „צו געווינען די יוגנט!" און — „געפינען דעם וועג צום נײַעם דור!".

פיל טינט האָט מען שוין פאַרגאָסן אין די היגע צײַטונגען און אַ סך ווערטער זענען פאַרפלאָסן געוואָרן פון די טריבונעס, וועגן דער פראַגע פון ייִדישן המשך אין אַרגענטינע.

אָבער צוגלײַך מיט דער טעאָרעטישער זײַט פון דער אַזוי ברענענ־דיקער פּראָבלעם, זענען אויך אונטערגענומען געוואָרן פּראַקטישע אַר־בעטן, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן אָט־די אַספּיראַציע, און דערגרייכן, אַז

צ ײ ט מ אָ ט י װ ן

דער יונגער דור זאָל זײַן דער שמידער פֿון דער צוקונפֿט פֿון דעם היגן ישוב, און דער פֿאָרזעצער פֿון זײַן קולטורעלער, גײַסטיקער און געזעל־שאַפֿטלעכער אַרבעט.

אַלס פּועל־יוצא דערפֿון, זענען אין די לעצטע יאָרן אײַפֿגעקומען ייִדישע לערער־סעמינאַרן און מיטל־שולן, װוּ די יוגנט באַקומט אַ העכערע ייִדישע אויסבילדונג און װערט אַרײַנגערינגלט אין דער קולטור־קייט פֿון אונדזער פֿאָלק.

עס זענען אײַנגעאָרדנט געװאָרן ספּעציעלע קורסן, װוּ די תּלמידים װערן אויסגעשולט מיטן בליק אויף דער צוקונפֿט, אַלס ייִדישע לערער פֿון די אָנפֿאַנגס־שולן און צוקונפֿטיקע גײַסטיקע פֿירער פֿון די ייִדישע קהילות אין לאַנד.

עס איז אויך געגרינדעט געװאָרן אַ הויך־שול פֿאַר ייִדישע לימודים, װאָס באַצװעקט אויסצובילדן לערער פֿון אַ העכערער קאַטעגאָריע, װאָס זאָלן קענען פֿאַרנעמען פּראָפֿעסאָרן־אַמטן אין די סעמינאַרן און מיטל־שולעס און דירעקטאָר־פּאָסטנס אין די אָרטיקע אָנפֿאַנגס־שולן.

עס זענען אויך אײַנגעשטעלט געװאָרן ליטעראַטור־פֿאָנדן, װאָס זאָלן סטימולירן צו ייִדישער שעפֿערישקייט הי־געבוירענע יונגעלייט, און עס װערן דורכגעפֿירט יערלעכע קאָנקורסן, אין װעלכע עס באַטייליקן זיך װאָס אַמאָל אַ גרעסערע צאָל יונגע שרײַבערישע כּוחות, װאָס װערן צוגעשמידט צום ייִדישן געדרוקטן װאָרט.

אויך װערן אָרגאַניזירט יוגנטלעכע ייִדישע טעאַטער־אַנסאַמבלס, בײַ װעלכע עס עקזיסטירן טעאַטער־סטודיעס, װוּ טאַלענטירטע יוגנט־לעכע גרייטן זיך אויסצופֿילן אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט די קינסט־לערישע ראָלן אין אונדזער געזעלשאַפֿט.

די אַלע אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען צו געװינען דעם יונגן ייִדישן דור, האָבן אָנגעהויבן צו געבן זייערע פֿרוכטן, און די אַרבעט װערט באַקרייינט מיט דערפֿאָלג.

עס מערקן זיך שוין בולט'ע סימנים פֿון דעם יונגן צושטײַער אויף די פֿאַרשיידענע קולטור־געביטן, און עס פֿילט זיך שוין דער צושטראָם פֿון יונג בלוט אין די געזעלשאַפֿטלעכע אָדערן פֿון ייִדישן אַרגענטינע.

דאָס פילט אָן מיט נחת און שטאָלץ דעם גאַנצן ישוב, וואָס קוקט מיט פרייד און גלויבן אויף די נײַע שפּראָצן, און זעט-צו מיט ציטערדיקער הנאה, ווי דער נײַער דור הויבט אָן ביסלעכווייז צו באַזעצן די פּאָזיציעס אין דעם היגן ייִדישן לעבן.

דאָס קומט אַמשאַרפסטן צום אויסדרוק אינעם אַרגענטינער ייִדישן דערציאונגס-וועזן. דאָ האָט ממש די יוגנט, מיט אַ האַסטיקן אימפּעט, בלויז אין עטלעכע יאָר, „דעראָבערט" דאָס רוב פּאָזיציעס.

גענוג צו זאָגן, אַז די מערהײַט פון די לערער אין די ייִדישע אָנ-פאַנגס-שולן באַשטייט פון יונגע היגעבוירענע, וואָס זענען אויסגעשולט געוואָרן אין די אַרגענטינער לערער-סעמינאַרן און מיטל-שולעס.

מען קען בלויז אויף אַ נאָווינע טרעפן אין די דאָזיקע שולן אַ לערער פון דעם פריערדיקן דור. און ניט נאָר לערער, נאָר אַפילו דירעק-טאָרן פון אַ סך שולן זענען יונגטלעכע. און נאָך מער: אין די סעמינאַרן און מיטל-שולן זיצן זיך שוין דורך די הי-געבוירענע יונגעלײַט צווישן די פּראָפעסאָרן האָבנדיק שוין פאַרנומען איינער פון זיי דעם אַמט פון דירעקטאָר פון אַ לערער-סעמינאַר.

דאָס אַרגענטינער ייִדיש חינוך-וועזן האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין די לעצטע יאָרן, ניט נאָר אין בליענדיקע געבײַדעס און אינסטיטוטן, נאָר אויך אין יונגע לערער וואָס זענען אין זייער בליענדיקסטער עלטער.

אויך אין די אַנדערע קעמערלעך פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, מערקט זיך דער צופלוס פון יוגנט, וואָס גיט צו קאָלאָריט און דינאַמיזם דעם היגן ייִדישן לעבן און פורעמט ביסלעכווײַז אויס אַן אייגנאַרטיקע אַרגענטינער פיזאָנאָמיע פון אונדזער ישוב .

הי- געבוירענע און דערצויגענע יונגעלײַט פירן אָן מיט אָרגאַניזאַ-ציעס און פּאַרטייען, רעפּרעזענטירן און רעדן אין נאָמען פון אַרגענטי-נער ייִדישן ישוב אויף צוזאַמענפאָרן און קאָנגרעסן פון וועלט-ייִדנטום.

אויך אין די ייִדישע קהילות פאַרנעמען זיי פירנדיקע אַמטן, באַ-טייליקנדיק זיך אַזוי אַרום אין דער פאַרפעסטיקונג פון ייִדישן לעבן.

אויף די שפּאַלטן פון די ייִדישע און שפּאַניש-ייִדישע צײַטונגען



... אין די ייִדישע ראַדיאָ־אווידיציעס, הערן זיך לעצטנס וואָס אַמאָל
מער יונגע זינגערס, רעציטאַטאָרן, ליברעטיסטן, ספּיקערס ...

צ ײַ ט ט מ אָ ט י ו ו ן

און זשורנאַלן, באַווײַזן זיך פון מאָל צו מאָל נײַע ייִדישע יוגנטלעכע נעמען, און אויפן היגן ייִדישן ביכער־מאַרק קען מען שוין אָנטרעפן עקזעמפּליאַרן פון אַרגענטינער ייִדישע יונגעלײַט.

אין די סטאַבילע אַנסאַמבלס וואָס שפּילן אין די היגע ייִדישע טעאַטערס, זענען אויך אײַנגעגלידערט יונגע אַרטיסטן, וואָס שײַנען אַראָפּ פון דער בינע מיט זייער יוגנטלעכקייט און געבן־צו טאָן און חן די פאָרשטעלונגען.

אין די ייִדישע ראַדיאָ־אווידיציעס, הערן זיך לעצטנס וואָס אַמאָל מער און מער יונגע זינגערס, רעציטאַטאָרן, ליברעטיסטן, ספּיקערס, און פאַראַן שוין אויך אווידיציעס וואָס ווערן אויסשליסלעך אָנגעפירט און אויסגעפירט פון אַזעלכע כוחות.

ס'איז שוין אויך ניט זעלטן צו הערן ימים־נוראים, אין די שולן, יונגע חזנים, וועמען עס ליגט נאָך דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן.

פון דעם אויבנגעזאָגטן, קען מען זיך שוין שאַפן אַ באַגריף פון דער גרויסער ראָל, וואָס דער נײַער דור האָט אָנגעהויבן שפּילן אין דעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע, און די השפּעה פון דעם זעלבן, וואָס לאָזט זיך אַלץ מער פילן און פילן דאָ־הי.

דאָס געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן איז, פאָלגלעך, דערפרישט און פאַריונגערט געוואָרן און עס פרילינגט און צעבליט זיך.

דאָס פילט אָן, ווי שוין געזאָגט, מיט גרויס נחת און שטאָלץ דעם היגן ייִדישן ישוב, וואָס הויבט זיך אָן רימען און גרויסן מיט זײַנע קינדער און לייגט אויף זיי זײַנע ציטערדיקסטע האָפנונגען און דערוואַרטונגען.

פון זעלבן מחבר

„ציוניסטישע פיגורן"

196 זײַטן, 1953

Este libro se terminó de imprimir el
día 6 de mayo de 1957, en el
Establec. Gráfico Sudilovsky,
Dorrego 1018. Rosario
República Argentina.